STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02060

NAYN A ZEYGER INDERFRI

Iehoshua Perle

*Permanent preservation of this book was made possible
by Nancy B. Bratman
in memory of
her grandmother, Alta Lev Schwartz, who loved Yiddish books*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהושע פערלע

ביין אַזייגער אינדערפרי

נאָוועל

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Jehosue Perle — „Najn azejger inderfri“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

דעם הייליקן שאָטן
פון מיין פרוי שרה

MORRIS WINCHEVSKY LIBRARY
MONTREAL

א י נ ה אַ ל ט

	זייט
ביין אַ זייגער אינדערפרי	7
געלט	65
אַן אָרנטלעכע פרוי	139
באַלעבאַטיש	171
ביים ים	259

ניין אַ זייגער אינדערפרי

— נו, פאַניע ווינקלער, ווי האַלט עס דאָרט, ס'שטימט שוין?

— ניין, פּראָשען פּאַנאַ, ס'שטימט נאָך נישט.

— נאָך אַלץ נישט?

— נאָך אַלץ נישט.

געפרעגט האָט פאַן יוזעף — אַ נידעריק, בייכיק מענטשל אויף הויכע אָפּצאַסלעך — איינער פון די שותפים פון באַנק-הויז „ברידער קעניג, וואַרשע". געענטפערט האָט פאַן ווינקלער, דער בוכהאַלטער פון אייגענעם באַנק-הויז — אַ הויכער איבער-געוואַקסענער מאַנספּאַרשוין פון אַ יאָר פיר און פערציק מיט אַ קאַנטיק ווייך פנים, אין וועלכן ס'איז תמיד געלעגן אַ נישט-אויסגעשלאָפענע, גרינלעכע מראה.

געוועזן איז עס אינדערפרי. פאַן יוזעף איז געקומען אַן אָנגעכמורעטער. ער האָט אויף דער גיך איבערגעלייענט די קאָרעספּאָנדענץ און מיטן „גוטמאָרגן" אויף יענער זייט טיר איז ער פון קאַבינעט אַריין אין דער בוכהאַלטעריע.

דערהערנדיק דעם קורצן ענטפער פון בוכהאַלטער, איז פאַן יוזעף נעבנטער צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעשפּאַרט דאָס אויסגעצייכנטע בייכל באַם קאַנט און מיט קרומלעכע אויגן געקוקט אויפן אויפגעמאַכטן זשורנאַל.

פאַן ווינקלער, וועלכער האָט גוט געקענט דעם באַנקירס געננג, האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל ער זען וועלכן חודש און וועלכן טאָג ער, דער בוכהאַלטער, האָט שוין אַריינגע-טראָגן אין זשורנאַל. האָט ער אַ נעם געטון דעם לעשער, דער פאַן ווינקלער, און אַרויפגעשטעלט גראָד אויף דער דאַטע.

פאַן יוזעף האָט אַ קנייטש געטון מיט די ווינקלען פון מויל, אַ ציי געטון דעם ציגאַר מיט פולע ליפּן, אַ האַלבן דריי-זיך געטון אויף איין אָפּצאַסל און ווידער געפרעגט:

— הייסט עס, אַז עס שטימט נאָך נישט?

— ניין, ס'שטימט נאָך נישט.

דער בוכהאַלטער האָט געענטפערט הויל, אַזוי ווי עמי-

צער וואַלט אים אויסגעלערנט דעם פּזמון. ער האָט טיפער איינ־געגראָבן די נאָז אין זשורנאַל, אַזוי, אַז זיין שמאָל־געשניטענער אַקסל האָט זיך שפּיציק אויסגעבויגן און אויסגעזען, ווי אַ גע־שוואָלענער עלנבויגן.

— נו און איר, פּאַניע ליפּסאָן? — האָט דער באַנקיר נאָך אַ ווײַלע קוקן אויסגעשטעלט זיין שאַרף־געקנייטשט פּנים צום בוכהאַלטערס געהילף, וואָס איז געזעסן אַקעגנאיבער דעם פּאַן ווינקלער און מיט אַ געמאַכטער פאַרטועונקייט אונטערגע־פירט אַ טך־הכל אין הויפּט־בוך.

— איך? — האָט זיך דער געהילף — אַ געפּוצט יונ־גערמאַנטשיקל אין פּענסנע מיט אַן אויסגעגלעט גלאַנצנדיק קעפּל אַ כאַפּ געטון, — איך בוך שוין דעצעמבער.

— נאָך אַלץ דעצעמבער! — האָט פּאַן יוזעף אַ זאָג־אַריין געטון אין רויך פון ציגאַר — מיר האָבן שוין היינט מערץ, און איר בוכט נאָך אַלץ דעם פאַרשאָלטענעם דעצעמבער.

— פּאַניע ווינקלער! — איז זיין שטים געוואָרן שטייף — ווען וועט עס נעמען אַ סוף?

— מיר בוכן דאָך — האָט פּאַן ווינקלער אַרויסגעשטאַמלט מער צו זיך ווי צום באַלעבאָס און שאַרפער אויסגעשפּיצט דעם אַקסל.

— איך הער עס אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר — איז פּאַן יוזעפס קול געוואָרן בייסיק — ווען וועט עס פאָרט נעמען אַ סוף?

— צופיל אַרבעט, פּראָשען פּאַנאַ — האָט פּאַן ווינקלער געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן.

נאָר דער באַנקיר האָט זיך פלוצלינג אַ דריי געטון אויף איין אָפּצאַסל און איבערלאָזנדיק אויפן טיש אַ בערגעלע אַש, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון ציגאַר, איז ער מיט אָנגעשטרענגטע טריט אַרויס פון דער בוכהאַלטעריע.

אין גרויען צימער איז אַ לאַנגע ווײַלע געשטאַנען אַ גע־פּרעסטע שטילקייט. הינטער דער טיר האָבן זיך געהערט די טריט פון אויפגערעגטן פּאַן יוזעף. ערשט שפּעטער, ווען די

טיר האָט זיך ווידער געעפנט און ס׳האָט אַדורכגעטשאַפּעט דער אַלטער וואָזשנע, האָט פאַן ווינקלער אויפגעהויבן די נאָז פון בוך, אויסגעגלייכט דעם שפּיץ אָקסל און אַ בייזן ברום געטון צו זיין געהילף:

— פּשאַיקרעוו, אומעטום שטעקט ער אַריין די נאָז. ווייזט אויס, שוין ווידער אָנגעשרויפט.

„שוין ווידער אָנגעשרויפט" האָט געהייסן, אַז נעכטן פאַר־נאַכט, ווען דער עולם אָנגעשטעלטע איז זיך צעגאַנגען אַהיים, האָט זיך אין פאַרמאַכטן קאַבינעט אַוועקגעזעצט פאַן מיכאַל — דער צווייטער שותּף פון באַנקהויז „ברידער קעניג, וואַרשע", און גענומען ווייַנען פאַרן ברודער זיינעם, פאַרן פאַן יוזעף, אַז די בוכהאַלטעריע איז הינטערשטעליק, אַז אַ גאַנצן טאָג פּוצט מען זיך די נעגל און מען דערציילט זיך מעשיות, אַז דאָס אַלץ קאָסט בלוט, און קיין שום נוצן האָט מען נישט דערפון. איז פאַן יוזעף, ווי דער שטייגער איז, אַהיימגעגאַנגען אַן אויפ־געבעגטער, געטקריגט זיך מן־הסתּם מיטן ווייב און באַלד איינ־דערפרי געמאַכט דעם ברוך־הבא.

וואָרום אָט דער אייגענער פאַן יוזעף — כאָטש אַ גאַנצער תּקיף און דעה־זאָגער אין געשעפט, — האָט פונדעסטוועגן פאַר זיין ברודער מיכאַל מורא געהאַט.

מיכאַל איז געווען עלטער און רייכער. אַ קליינער, אַן איינגעשרומפּענער, מיט אַן איינגעפאַלן פּנימל, האָט ער ליב געהאַט אַרומצוקריכן אין די ווינקלען, נישטערן אין אַלע פּאַפּירן, אויפזוכן פאַרלעגענע חובות, און מיט איין אויג דערווייל אַכטונג געבן, ווי אַזוי דאָס פּערסאָנאַל אַרבעט. ער האָט געמוזט וויסן, וויפיל מאָל אַ טאָג אַ מענטש עסט און וויפיל מאָל אַ טאָג ער גייט נאָך נאַטירלעכע באַדערפעונישן. און אַזוי ווי אַליין האָט ער געוואָלט אָנגיין פאַר אַ גוטן, האָט ער עס נאָר דערציילט דעם ברודער, און יענער האָט שוין געשריגן פאַר אים אויך.

להיפוך פון יוזעף קעניג, איז פאַן מיכאַל געווען פון יענע באַלעבאַטים, וואָס האָבן ליב אין אַ פרייע שעה איינצוטונקען

מיט זייערע מענטשן. ער פלעגט זיך אויספרעגן, וואָס די קינ־דער מאַכן, צי די פרויען זענען געזונט. געבן עצות. נאָר אַז ס'איז געקומען אַמאָל צו אַן הוספה אָדער צו אַן אורלויב — האָט ער פאַרקנייטשט ס'קעפל אין די אַקסלען אַריין און גע־ענטפערט, אַז ער מישט זיך נישט. אין אַ געשעפט מוז זיין איינער, וואָס דיספּאָנירט. זאָלן זיי גיין צום פאַן יוזעף. און אַז מען האָט באַם פאַן יוזעף געפועלט, פלעגט מען זען אַ צייט אַרומגיין דעם פאַן מיכאַל אַ גרינעם, מיט וואַסערדיקע אויגן.

אויף להכעיס דעם ברודער זיינעם, וואָס האָט ליב גע־האָט מגזם צו זיין, פלעגט פאַן מיכאַל קומען אין געשעפט אַריין אין אַן אַלט רעקל, אין אַ גומענעם, בלוילעך־גרינלעכן קראַגן און כסדר זיך באַקלאָגן, אַז דאָס פּערסאָנאַל עסט אים אויף, אַז ער בלייבט אַן אָרעמאַן, אַן אביון און אַז ער וועט סוף־כל־סוף מוזן ליקווידירן ס'גאַנצע געשעפט.

דידאָזיקע טענות האָבן זיך איבערגעחזרט שוין אַ יאָר פינף און צוואָנציק, זינט דאָס באַנקהויז „ברידער קעניג" עק־זיסטירט. פאַן יוזעפן איז עס אין איין אויער אַריין און פון צווייטן אַרויס. אויסגעגאַנגען איז עס נאָר צו די מענטשן. זיי האָט מען נאָכגעשפּירט, אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אָפּגע־זאָגט און גלייך צומאָרגנס פאַרענטפערט זיך, אַז מען איז גע־ווען אין כעס. קיינער אָבער האָט זיך צום האַרצן נישט גענומען. וואָרום יעדער איינער האָט געוווּסט, אַז די קעניגס רעדן און דער הונט בילט — איז אַלציינס...

מצער געווען האָט זיך נאָר פאַן ווינקלער. אייגנטלעך — נישט אַזוי ווייט מצער געווען — ווי אויפגערעגט זיך. און אַז פאַן ווינקלער איז געווען אויפגערעגט, האָבן זיך באַ אים די ווייך־געקרייזלטע בלאָנדע וואָנסעס אַראָפּגעלאָזט, די הענט האָבן כסדר געשאָרוועט איבערן טיש און וואָס ס'איז אים אונטער־געקומען, האָט ער געכאַפּט און געוואָרפן איבערן טיש.

היינט איז ער צווייערליי בייז געווען. ערשטנס — פאַרן ברוך־הבא, וואָס דער אויסגעקיילעכדיקטער באַנקיר האָט אים

געמאַכט, און צווייטנס — דערפאַר, וואָס דער בילאַנס שטימט טאַקע נישט.

שוין עטלעכע טעג, ווי ס'האָבן זיך פאַרשטעקט ערגעץ הונדערט זיבן און דרייסיק מאַרק און כאָטש צערייס זיך, קאָן ער זיי נישט געפינען. ער האָט שוין איבערגעוואָרפן דאָס בוך פון בלאַט צו בלאַט, אויסגעבדקנט און אויסגעקוועטשט יעדן ציפער באַזונדער און דאָך שווייגט דאָס בוך, ווי אַ גזלן. פאַן ווינקלער זיפט מיט דער נאָז. די שפּיצן וואָנסעס ציטערן, ווי בײַ אַ כראַבאַנטש. ער ווייסט, דער פאַן ווינקלער, אַז אַזאַ ציפער, ווי זיבן און דרייסיק איז שווער צו געפינען. וואָלט עס געווען אַ סומע מיט נולן — כאַפּט ער עס מיטן אויג. דאָ אָבער שטעקט דער פעלער אין איבערטראָגן די פּאָזיציעס פון זשורנאַל אין הויפּט-בוך אַריין. און אויב ס'איז פאַלש איבערגעטראָגן, מוז מען אָפּרופן אַלע פּאָזיציעס פון אַ גאַנצן חודש.

אַן איינגעגעסענע אַרבעט, וואָס פאַן ווינקלער לייגט אָפּ פון טאָג צו טאָג. מען קאָן איבערוואַרפן דעם גאַנצן זשורנאַל און דער פעלער זאָל זיך ערשט אויפזוכן אויף דער לעצטער זייט. און גראָד איז דער זשורנאַל פון היינטיקן חודש אַזוי אויפגעוואַקסן, ווי ער וואָלט געווען אויף דער צייט. גיי זעץ זיך אַנידער און רוף ציפער בײַ ציפער. פאַן יוזעף וועט דערווייל אַלע טאָג אַריינקריכן, און פאַן מיכאַל וועט קלאָגן אויף די גרויסע הוצאות און אָנטון נאָך אַן ערגער רעקל מיט אַן ערגערן קראַגן.

— האַ, ווי מיינט איר, פּאַניע ליפּסאָן? — שטעלט ער אויף די וואָנסעס אויף זיין געהילף, וואָס רייניקט זיך די נעגל מיט אַ קלינגל פון אַ מעסערל.

— וואָס, פּאַניע ווינקלער? — הויבט יענער נישט אויף די אויגן.

— אָפּרופן דעם זשורנאַל מיטן הויפּט-בוך?

— אַוודאי, ווי דען? — ענטפערט יענער, ווי ס'וואָלט אים אָנגעגאַנגען, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

— טאָ באַהאַלט-זשע די נעגל אויף שפּעטער און נעמט דאָס הויפּט-בוך.

— שוין ! — שטעקט אַריין פאַן ליפּסאָן אַ שפּיץ-פינגער צווישן די ציין און צופּט-אָפּ אַ שטיקל נאָגל. דערנאָך גיט ער זיך אַ גלעט באַם גלאַנצנדיקן קאָפּ, באַהאַלט דאָס מעסערל אין וועסטל-קעשענע און רוקט צו דאָס הויפּט-בוך.

פאַן ווינקלער שפּיצט אַ בלייפעדער, באַטראַכט דעם שפּיץ באַ דער ליכט פון פענצטער, און ס'הויבט זיך אָן די אַרבעט :

— קאַסאַ-קאָנטאָ — דיקטירט פאַן ווינקלער.

דער געהילף וואַרפט איבער מיט די גרויסע, ווייסע בלעטער און בלייבט שטיין מיט אָנגעשטעלטע ברילן אויפן בוכהאַלטער.

— דעבעט — רופט פאַן ווינקלער — 2510 מאַרק.

דאָס געפּוצטע בחורל גיט אַ שטריך מיט דער בלייפע-דער אין הויפּט-בוך, פאַן ווינקלער — אין זשורנאַל, און ווי-דער אַ זאָג :

— דיסקאָנטאָ-באַנק !

ווידער אַ מיש מיט די אָנגעקראָכמאַליעטע בלעטער און ווידער אַ שטריך מיט די בלייפעדערס.

אין צימער, ווו ס'אַרבעט פאַן ווינקלער מיט זיין געהילף, איז שטיל. אַ גרויסער טאָג קוקט אַריין דורך די צוויי לאַנגע פענצטער און שפּילט זיך אויף די אָפענע בלעטער, וואָס באַ-האַלטן דעם בוכהאַלטערס סוד. פון אַן אָפענער שאַנק, וואָס שטייט באַ דער וואַנט, קוקן אַרויס אָפּגעשיילטע רוקנס פון אַלטע ביכער, וואָס פאַן ווינקלער האָט אין פאַרלויף פון יאָרן פאַרשריבן. איבערן בוכהאַלטערס קאָפּ טיקעט אַן אַלטער קיי-לעכדיקער זייגער מיט רעגלמעסיקע, אויסגערעכ.טע טריט. פון די ווייטערע צימערן, ווו ס'אַרבעט די עקספּעדיציע, דערטראָגן זיך אָפּגעריסענע מענטשלעכע שטימען, וואָס בלייבן הענגען דאָ אין צימער, ווי פרעמדע. עס הערט זיך אַ הייזעריק וואַרפן פון אַ שרייבמאַשין, אַ קלינגען פון טעלעפאָן. פון צייט צו צייט עפנט זיך פלוצלינג די טיר און ס'פאַלט אַריין עמיצער פון

דער עקספעדיציע. ער לויפט צו צו דער שאַנק מיט די אָפּגע־ריבענע רוקנס, זוכט עפּעס, זאָגט דערווייל אַ פּאָר חכמהלעך, דערציילט, אַז פאַן יוזעף האָט געשריגן אויפן קאַסירער — און קוקט בשעת־מעשה אין בוך. וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון שאַנק. נאָטירט עפּעס מיט אַ בלייפעדער און אַזוי גיך, ווי ער איז אַריינגעפאַלן — אַזוי גיך פאַלט ער צוריק אַרויס מיט דער פעדער אונטערן אויער און מיט דעם בליישטיפט אין דער ברייט פון די ליפּן.

— נאָר ער שרייט ! — ברומט פאַן ווינקלער אין בוך אַריין. ער קורטשעט זיך איין, אַזוי ווי ער וואָלט מורא גע־האַט — פאַן יוזעף זאָל ווידער נישט אַריינפאַלן און אויך דאָ נישט אָנהויבן שרייען.

ווייל אַט דער פאַן יוזעף שרייט נישט גלאַט, ווי אַ מענטש שרייט אַמאָל. פאַן יוזעף שרייט ווי אַ גרויסער זולל־וסובא, וואָס וויפיל מען זאָל אים נישט געבן, איז אים אַלץ ווייניק. ער שרייט פון הנאה וועגן: אויפן קאָרעספּאָנדענט און אויפן וואָזשנע, אויפן אייגענעם ברודער און דורכן טעלעפאָן. אַז ער האָט נישט אויף וועמען צו שרייען, שפּאַנט ער פון איין שטוב אין דער אַנדערער, שטייף, אָנגעצויגן, און ס׳דאַכט זיך, אַז איצט שרייען די טריט זיינע.

אַז פאַן יוזעף איז דאָ אין געשעפט, זיצן די מענטשן אויסגעבויגן, ווי האַלבע רייפן. זיי רעדן נישט, נאָר סקריפּען, סקריפּען גיך מיט די פעדערס. פאַן יוזעף זיצט טאַקע אין פאַרמאַכטן קאַבינעט, ער האָט אָבער טויזנט אויגן. זיינע שטייפע טריטלעך לויפן, דאַכט זיך, אַרום איבער אַלע צימערן. זיין בייז קול וואַרפט זיך איבער אַלעמענס קעפּ. קורטשעט מען זיך, אַזוי ווי אַצינד פאַן ווינקלער און מען האָט נאָר אין זינען:

— ווען וועט מען אים שוין פּטור ווערן אויף אַ שעה אַנדערטהאַלבן ?

נאָר איצט איז שוין סיי־ווי־סיי שפּעטלעך. קיינער ריכט זיך שוין נישט פאַן יוזעף זאָל נאָך היינט אַרויסגיין. דער זייגער רוקט זיך. שוין האַלב פיר געקלונגען. נאָך אַ האַלבע

שעה — און די פּלייצעס וועלן זיך אויסגלייכן. עס וועט זיך אָנהייבן אַ רוקן מיט שטולן, אַן עפענען און אַ פאַרמאַכן פון שופלאָדן. און איידער דער וויזער וועט אַראָפּפאַלן אויף אַ פערטל פינף, וועט שוין אין באַנקהויז „ברידער קעניג" אַרומלויפן אַ ווידערקול פון די אַלע מענטשן און מענטשלעך, וואָס האָבן דאָ אַ גאַנצן טאָג געשריבן און גערעכנט און געוועהרטלט זיך. און אָפּשלאָגן וועט דאָס הילצערנע קלאַפּן פון די „שטשאָטעס", אויף וועלכע דער קאַסירער מאַכט איצט די קאַסע און גייט דערפאַר אַהיים דער לעצטער.

דערווייל איז ערשט נאָך האַלב פיר. דער פאַן ווינקלער דיקטירט מיט אַ האַרטער גלייכגילטיקער שטים. דער געפּוצטער געהילף שורשעט מיטן פּאַפּיר, אַזוי ווי מייז וואָלטן זיך אַרומגעפּאָרעט. אויף די שויבן ציט זיך אַרויף אַ גרויע מאַטקייט. עס יאָגט שוין מיט מידקייט פון פאַן ווינקלערס רופן, פון געהילפס איבערוואַרפן מיט די בלעטער, פון דער אָפענער שאַנק מיט די אָפּגעשיילטע רוקנס. מען קוקט כסדר אויפן ציפערבלאַט. און אַז אינעווייניק צווישן די קלוגע זייגער־רעדלעך גיט אַ קריץ און ס'נעמען פּאַמעלעך אויסקלאַפּן די לאַנג־אויסגעוואַרטע קלאַנגען — דאַכט זיך, אַז די מידקייט איז דערגאַנגען ביזן שטיק־ווי, און אַז ווייטער איז שוין אוממעגלעך.

פאַן ווינקלער אָבער גלייבט נאָך נישט. ער נעמט אַרויס זיין וועסטל־זייגערל, גיט אַ קוק דאָ, אַ קוק אויפן ציפערבלאַט איבערן קאָפּ און רופט זיך אָן:

— נאָך צוויי מינוט.

— ס'וועט זיין גענוג — ענטפערט פאַן ליפסאָן און גיט אונטער זיך אַ רוק די שטול.

— ניין, פאַניע ליפסאָן, נאָך צוויי מינוט.

אַז די צוויי מינוט גייען דורך, דערהערט זיך דער אמתער רוק מיט דער שטול. דאָס הייבט זיך אויף פאַן ווינקלער. ער ציט זיך אויס, גיט אַ שלעפּ ביידע שפּיצן פון וועסטל, אַ פיר מיט דער האַנט איבער די וואָנסעס, נעמט די פען און ווישט זי אָפּ באַם לעשער, פאַרדעקט די טינטערס מיט אַ שטיקל

הארט פּאַפּיר, לייגט אַריין אין דער אָפענער שאַנק דעם זשור־נאַל, און מיט פּאַמעלעכע, האַרטע טריט לאָזט ער זיך אין דער עקספּעדיציע, וווּ ס׳הענגען די אויבער־מלבושים.

אין דער עקספּעדיציע ווייסט מען, אַז ביז וואַנען פאַן ווינקלער וועט זיך נישט ווייזן, נאָ מען זיך נישט רירן פון אָרט, פאַן ווינקלער איז פּינקטלעך, ווי אַ זייגער — סיי באַם קומען, סיי באַם אַוועקגיין.

שוין אַכצן יאָר, ווי די פּינקטלעכקייט זיינע האָט זיך נישט געענדערט אויף אַ האָר. ניין אַזייגער אינדערפרי רוקט ער אויף זיין שופלאָד, נעמט אַרויס די שרייב־מכשירים און צע־לייגט דעם זשורנאַל אויפן טיש. אמת, ער זעצט זיך נישט גלייך צו דער אַרבעט. צוערשט שפּאַצירט ער זיך דורך איבער אַלע ליידיקע צימערן, שמעקט אַריין אין קאַבינעט, וווּ ס׳איז נאָך קיינער נישטאָ און קוקט דערווייל איבער די אַדרעסן פון דער אָנגעקומענער קאָרעספּאָנדענץ. דערנאָך טענהט ער איין מיטן אַלטן וואָזשנע, פרעגט אים אויס, וואָס עס הערט זיך אינדערהיים באַ די קעניגס. לאַכט, ווען דער אַלטער דערציילט אים, אַז די דינסטן באַקלאָגן זיך, אַז זיי האָבן נישט צו עסן באַ די גבירים; אָדער אַז פאַן יוזעף האָט זיך געקריגט מיטן ווייב און געהייסן איבערטראָגן זיין בעט אין אַ באַזונדער צי־מער אַריין; אָדער אַז פאַן מיכאַל עסט צו פרישטיק ראַזאָווע ברויט מיט טיי.

דאָס אַלץ הערט אויס פאַן ווינקלער מיט אויפגעשפּיצטע אויערן. ער לאַכט הויך איבער די ליידיק־אויפגערוימטע צימערן, ביז עס דערהערט זיך נישט דער ערשטער קלונג באַ דער טיר. איילט ער זיך צו, און איידער דער קלינגער קומט אַריין, זיצט ער שוין באַ זיין זשורנאַל און אַרבעט.

עס טרעפט אַמאָל, אַז פאַן ווינקלער, גייענדיק אינדער־פרי אין געשעפט אַריין, באַמערקט פון דערווייטנס, ווי ס׳גייט שוין נאָך עמיצער פון די קאָלעגן. נעמען זיינע שווערע האַרט־

לעכע טריט ווייכער ווערן. ער גייט שוין נישט, נאָר שטופּט זיך. און כאָטש ער ווייסט, אַז גיך גיין שאַדט אים, מאַכט ער זיך נישט דערפון און פירט אויס, אַז ער מוז זיין דער ערש־טער אין קאַנטאָר.

די עלטערע מענטשן אין געשעפט געדענקען, אַז מיט יאָרן צוריק האָט געטראָפן אַ פאַל, ווען פאַן ווינקלער האָט זיך אינדערפרי פאַרשפּעטיקט. מען האָט נישט געוווסט וואָס צו קלערן. חברה האָט געוואָלט דערגיין, איז מען אים אונטערגע־קומען מיט פאַרשידענע שפּיצלעך. פאַן ווינקלער אָבער האָט געשוויגן, ווי אַ מויער.

ערשט אין ניין חדשים אַרום, ווען פאַן ווינקלער האָט פאַרבעטן די חברים אויף אַ ברית — האָט איינער געלאָזט פאַלן אַ וויץ, און פון דעמאָלט אָן האָלט מען זיך אין איין חכמהנען איבער זיין פאַרשפּעטיקן זיך מיט אַ גאַנץ פערטל שעה.

אַז זיין הויכע, איבערגעוואַקסענע פיגור באַווייזט זיך אין דער עקספּעדיציע, קוקט שוין קיינער נישט אויפן זייגער, נאָר מען נעמט שאַרן מיט די שטולן, פאַרמאַכן די ביכער, און אַלע מיט איינמאָל שטופּן זיך צו די אויבער־מלבושים.

פאַן ווינקלער טוט זיך אָן פאַמעלעך. גיט אַ ברום אַ „גוטן־טאָג" איבער אַלעמענס קעפּ און שאַרט זיך אַרויס דער ערשטער. קיינמאָל טרעפט נישט, ער זאָל גיין מיט עמיצן צוזאַמען און קיינעם אַרט עס נישט. פאַר זיי איז גענוג, אַז ער איז דער פּינקטלעכער זייגער, לויט וועלכן מען פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און מען צעשיט זיך איבער דער שטאָט.

*

באַם איצטיקן מאָל אַרויסגיין, ווען פאַן ווינקלער איז שוין אָפּגעווען אַ האַלבן שטאָק שטיגן, איז אים איינגעפאַלן, אַז כאָטש מאָרגן איז זונטיק, וואָלט אפשר אַ יושר געווען אַריינצוכאַפּן זיך אויף אַ שעה־צוויי אין קאַנטאָר און אויפ־צוזוכן דעם פעלער. קיינער וועט אים נישט שטערן — וועט ער אים גיכער געפינען. באַלד אָבער האָט ער חרטה געהאַט.

גראָד מאָרגן קאָן ער אים דווקא נישט געפינען, און אַזוי אַרום קאַליע מאַכן זיך אַ זונטיק, דעם איינציקן טאָג, אין וועלכן ער לאָזט אַ ביסל אַראָפּ דעם עול פון די ביכער און פילט זיך, ווי אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. און זונטיק איז טאַקע אַ טאָג פון רו און פאַרגעניגן. זונטיק איז זיך פאַן ווינקלער נוהג אויפצושטיין מיט אַ שעה שפּעטער ווי אַלע טאָג פון אַ גאַנצער וואָך. זונטיק עסט פאַן ווינקלער אַ בעסער אָנבייסן, טוט אָן אַ פרישן קראַגן, אַ שוואַרצן שניפּס, באַטראַכט די גומ-קעס פון די יום-טובדיקע שיך; און אַרום צוועלף אַ זייגער נעמט ער איינס פון זיינע צוויי קינדער, אַמאָל ס'יינגל, אַמאָל ס'מיידל און גייט מיט זיי שפּאַצירן איבער די גאַסן. ער גייט בנעימות — מיט געמאָסטענע טריט, אַזוי ווי ער וואָלט גע-ציילט וויפיל שפּרייזן ער מאַכט אין אַ מינוט. און אַ טבע האָט ער, אַז בשעתן גיין מוז ער זיך האַלטן געבויגן און שטעלן דעם קאָפּ אַרויס, אַזוי, אַז די אַקסלען גייען מיט אים מיט און דער קאָפּ שאָקלט זיך, ווי בײַ אַ פערד אין געשפּאַן.

דאָס קינד, מיט וועלכן ער שפּאַצירט, שטעלט אים אַלע פּאָר מינוט נייע קשיות און ער האַלט אין איין אָפּענטפערן: יאָ, אָדער ניין. ווייל בשעת פאַן ווינקלער שפּאַצירט זונטיק אין די גאַסן, האָט ער אין זינען נאָר איין געדאַנק: ער זאָל זיך טרעפן מיט אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק, אָדער מיט אַ פּראָ-קורענט און ער זאָל קאָנען ציען פאַר זיי דעם הוט. אין אַזאַ מינוט ווערט ער, דאַכט זיך, העכער מיט אַ קאָפּ. דאָס פּנים ווערט ערנסט. און אַז ביידנס היט דעקן אָפּ די קעפּ, זוכט פאַן ווינקלער אַ שטיקל באַקאַנטן, יענער זאָל זען מיט וועמען ער, יאַקוב ווינקלער, איז קנעפּל בקנעפּל.

פון קינדווייז אָן האָט ער אַ באַהאַלטענע שוואַכקייט צו יענעם מין מענטשן, וואָס פאָרן אין מיטן-דער-וואָך אין דראָזש-קעס, פאַרנעמען הויכע שטעלעס און ווינען אין קרישטאָלענע גאַסן.

אַ שטיק דערפאַר גייט ער זונטיק שפּאַצירן — ער זאָל קאָנען אַהיימקומען און דערציילן דעם ווייב, ווער ס'האָט זיך צו

אים היינט געגריסט און מיט וועלכן פראָקורענט ער האָט זיך היינט אָפּגעשטעלט.

נאָר פאַן ווינקלערס ווייב — אַ פרוי מיט אַ פאַרשפּיצט רויטלעך נעזל — איז שוין געוווינט צו איר מאַנס באַקאַנט־שאַפטן. זי הערט אים אויס, גייענדיק פון קיך אין שטוב אַריין און פון שטוב אין קיך אַריין.

ווערט פאַן ווינקלער ברוגזלעך און האָט טענות, פאַרוואָס אַז ער דערציילט עפּעס, האָט זי תמיד צו טון מיט דער קיך.

אויסערן שפּאַצירן האָט פאַן ווינקלער נאָך אַ תענוג אין דעם טאָג, וואָס הייסט זונטיק. דאָס איז די צייט נאָכמיטאָג, ווען ער קאָן זיך אויסציען אויף דער סאָפקע. ליגנדיק אַזוי אויף דער קאָלטער צעראַטע, דאַנקט פאַן ווינקלער דעם „פאַן בוג", וואָס ער האָט באַשאַפן אַזוי די וועלט, ס'זאָל זיין אין דער וואָך אַ זונטיק און ער, יאַקוב ווינקלער, זאָל קאָנען גיין שפּאַצירן, טרעפן זיך מיט פיינע מענטשן און דער עיקר — אויסציען זיך אויף דער סאָפקע. צו דער סאָפקע דערלאַנגט אים אַ קינד די צייטונג און פאַן ווינקלער נעמט הנאה האָבן. ס'ערשטע, וואָס ער לייענט, איז זייער אַן אויסערגעוויינלעכער טראַגישער מאָרד, אָדער אַ ראָמאַנטישע געשיכטע, וואָס ענדיקט זיך מיט טויט. ער לייענט פאַר זיך. נאָר אַז די געשיכטע איז גאָר אינטערעסאַנט, קאָן ער נישט איינליגן רויק און מוז זיך טיילן מיטן ווייב.

— אַנדזשו, הער נאָר, וואָס עס טוט זיך אַלץ פאַר־לויפן.

מוז זיך אַנדזשע אין מיטן דערינען אַוועקזעצן און אויס־הערן די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביזן סוף.

דערנאָך, אַז דאָס איז שוין פאַרטיק, נעמט זיך פאַן ווינקלער צו די טאָג־פּאָרפאַלן. שפּעטער קוקט ער דורך די קורסן פון דער בערזע. און אַז עפּעס אַ פירמע פאַרעפנטלעכט איר בילאַנס אין דער צייטונג, שטודירט אים פאַן ווינקלער

געגוי דורך, קנייטשט דעם שטערן, און אַזוי קנייטשנדיק, ווערט ער ביסלעכווייז אַנדרימלט.

אין שטוב צעלייגט זיך יענע געגעצדיקע נאָכמיטאָג-שטילקייט, אין וועלכער די מענטשלעכע שטימען הערן זיך מיד און פאַרדרימלט. פון קיך טראָגט זיך אַ געקלאַנג פון טיש-געשיר. אויפן הויף הערט זיך אַ לאַכן פון אַ שיקסע. ס׳איז געמיטלעך, זאַט און מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן טראַכט זיך, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט, ווען אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך זאָלן באַשטיין פון אַזעלכע זונטיקדיקע נאָכמיטאָגן.

פאַן ווינקלער אָטעמט צום סופיט. די צייטונג האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דער פאָדלאָגע. פרוי ווינקלער, וואָס איז תמיד פאַרנומען: אָדער מיט דער דינסט, אָדער מיט פאַרריכטן אַלטע וועש — דרייט זיך אַרום אויף די שפּיץ-נעגל. זי שיקט די קינדער אין דער צווייטער שטוב, און בײַ אַ ליאַדע פּיפּיץ פון דאָרט שטעקט זי אַהין אַריין די נאָז און וואָרנט:

— שטילער, קינדער, טאַטוש שפּי.

איז אַז דער טאַטוש שלאָפט, שלאָפן מיט די ווענט און די טונקעלע שויבן און די גרויע מויער אַקעגנאיבער דעם פענצטער און דער זייגער אויף דער וואַנט; אַפילו די הענט פון דער דינסט, וואָס וואַשט דאָרט אין קיך דאָס געפעס, שלאָפן אויך.

אין אָוונט, נאָכן אויסציען און נאָכן אויסגעגעצן זיך, נעמט פאַן ווינקלער ווידער די צייטונג. דאָס מאָל זיצט ער שוין בײַם טיש און בײַם גרין-בלוילעכן אָפּשײַן פון גאַז קוקט ער דורך די נעקראָלאָגן. טרעפט ער אויף אַ באַקאַנטן נאָמען, לייענט ער אים דורך אויף אַ קול און צוזאַמען מיטן ווייב, וואָס זיצט איבער אַן אַלט העמד, נעמען זיי נאָכטראַכטן, צי דער געשטאָרבענער איז נישט אַמאָל דער און דער. אַז דער געשטאָרבענער איז טאַקע דער און דער, קאָן מען זיך גאָרנישט אָפּוווּנדערן, וואָס ער איז שוין געשטאָרבן. מען באַדויערט דאָס ווייב, און מען זיפצט אויף די קינדער, נעבעך, וואָס זענען געבליבן יתומים, און מען באַשטימט, אַז צו דער לויה

זאָל גיין פאַני ווינקלער, וואָרום ער, יאַקוב ווינקלער, איז דאָך אַ פּאַרנומענער מענטש...

טיילמאָל קומט צו די ווינקלערס אַ גאַסט אויך. דאָס איז ס׳רוב אַ מומע פון ווייבס צד אָדער אַ קוזינקע מיט איר מאַן, וואָס איז אַן אַגענט פון אַסעקוראַציע און פירט די מעלדונקעס אין אַ הויז. זיצט מען און מען טרינקט טיי און מען פאַרבייסט מיט לעקעכלעך, וואָס פרוי ווינקלער באַקט אַליין און מען רעדט בשעת־מעשה: די קוזינקע מיט דער ווינקלעראָווע — פון די דינסטן און פאַן ווינקלער מיט דער קוזינקעס מאַן — פון געשעפט, פון אַסעקוראַציע. מען דערמאָנט נעמען, וואָס קאָנען זיך נישט רעכט אונטערשרייבן און זענען רייך געוואָרן. דערהערן דאָס די ווייבער און מישן זיך אַריין. שמועסט מען שוין צוזאַמען פון די ווייבער, וואָס זייערע מענער זענען רייך געוואָרן. און פון קינדער רעדט מען, און פון דעם, פאַרוואָס מען האָט נישט נאָך עטלעכע. און די קוזינקעס מאַן — איינגאַנצן אַ גערעזירטער מיט אַ לענגלעך צעקנייטשט פּנים — וויצלט זיך, אַז זיין ווייב האָט אַ נדר געטון מער נישט צו האָבן. בשעת־מעשה גיט ער צו עפּעס אַ חכמהלע, פון וואָס די קוזינקע — אַ פרוי מיט אַ צו־גרויסן בוזעם, — ווערט רויט און גיט אַ פּאַטש מיט די הענטשקעלעך דעם מאַן אירן איבער די הענט. פאַן ווינקלער צעלאַכט זיך און פון גרויס הנאה גיט ער אַ ציִ אַראָפּ די וואָנסעס איינמאָל און נאָכאַמאָל.

מאַכט זיך אָבער, אַז קיינער קומט נישט צו גאַסט. די צייטונג ליגט אַן אויסגעלייענטע, די קינדער גייען שלאָפן — הערט זיך בולטער דאָס טיקן פון זייגער, דאָס פאַרמאַכן אַ טיר ערגעץ ביי אַ שכן. און כאָטש פאַן ווינקלער רעדט דעמאָלט פון זיינע באַלעבאַטים — אַז פאַן יוזעף איז אַ געמיינער יונג און פאַן מיכאַל — אַ „גנידע״ — דאַכט זיך, אַז מאַן און ווייב שלאָפן גאָר און נישט זיי רעדן, נאָר עס רעדט אַ ווידערקול פון אָפּגענוצטן מעבל, פון די ווענט, וואָס בעטן זיך מען זאָל זיי אויפפרישן, פון דער דינסט, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען שפּאַ-

צירן — ביז מען הייבט אָן גענעצן, עסט מען אָוונט-ברויט און מען לייגט זיך שלאָפן.

אַזוי שוין אַ יאָר פּופּצן, ווי פאַן ווינקלער האַלט אין איין דערציילן דעם ווייב זיינעם וועגן די קעניגס, וועגן דער בוכהאַלטעריע, ווי אַזוי ער אַרבעט און וואָס ער אַרבעט. פרוי ווינקלער ווייסט שוין אויף אויסנווייניק די אַלע טערמינען, וואָס ווערן באַנוצט אין דער בוכהאַלטעריע. זי דערקענט, ווען איר מאַן האָט אַ גוטן טאָג, ווען אַ שלעכטן. ווען פאַן יוזעף האָט געשריגן, ווען פאַן מיכאַל האָט געקרומט מיטן מויל...

אַלץ האָט ער איר שוין אויסדערציילט, דער מאַן אי-רער. בלויז איין זאַך פאַרשווייגט ער — וויפיל ער פאַרדינט.

זי קען אַלע זיינע געוווינהייטן, שוואַכקייטן, גוטע און שלעכטע מידות. נאָר ווייסט נאָך אַלץ נישט, וויפיל ער קריגט געהאַלט. זי ווייסט נאָר, אַז ס׳איז ווייניק, אַז די קינדער טראָגן צעריסענע העמדלעך, אַז דער מאַן גייט אַ פּאַלטן, וואָס איז שוין צעקנאָדערט פון אַלטקייט, און אויף די אַקסלען ליגט שוין אַ גרינלעכער שטויב. זי ווייסט, אַז זי אַליין, וואָס פלעגט מיידלווייז אַלע פּאָר חדשים האָבן אַ ניי קלייד, האָט זינט זי האָט חתונה געהאַט נישט באַנייט קיין ניי מלבוש.

אמת, אין שאַנק הענגען קליידער נאָך פון חתונה-אויס-שטייער. נאָר טראָגן טראָגט זי זיי נישט. דער מאַן אירער טענהט, אַז אַ בוכהאַלטערס אַ ווייב דאַרף נישט גיין אַזוי גע-פּוצט. מענטשן האָבן גרויסע אויגן. מען וועט זי נעמען אויף די צונגען: פון וואַנען? פון וואָס? וויפיל פאַרדינט דען אַ בוכ-האַלטער באַ די קעניגס?

טראָגט זי אַלטע ספּודניצעס מיט איבערגעניטשעוועטע זשאַקעטן, קומט אין ערגעץ נישט, נאָר זיצט כּסדר אין שטוב, פאַרריכט, צערעוועט, גרייט צו עסן, שיקט די קינדער אין שול, גיט אַכטונג זיי זאָלן מאַכן די לעקציעס, קריגט זיך פון צייט צו צייט מיט דער דינסט. דאָס פאַרוויטלטע נעזל ווערט אויסגעשפּיצטער, דאָס פּנים — ווייכער. דער אומרו פון זייגער וויגט זיך, איינטאָניק, געלאַסן. נישט העכער, נישט שטילער.

דאַכט זיך, אַז דאָסדאָזיקע געלאַסענע, רויקע וויגן זיך פון אומרו האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער פון די ווינקלערס. און פונקט אַזוי ווי דער אומרו, וויגן זיך אויך די רציונות פון פאָרפאָלק – נישט העכער, נישט שטילער, נאָר:

– טיק, טיק, טיק, טיק...

נאָר אַז דער בילאַנס פון באַנקהויז „ברידער קצניג" שטימט נישט, פילט זיך אין הויז פון די ווינקלערס אַ שטיקל צערודערונג. פאַן ווינקלער קומט פון געשעפט אַ ברוגזער. טוט שטיל אויס דעם פאַלטן, שאַרט זיך אַריין אין צווייטן צימער מיט אַ זייט און פרעגט מיט אַ פרעמד קול, צי דאָס עסן איז שוין פאַרטיק.

פרוי ווינקלער פאַרשטייט גלייך די סיבה, הייסט זי באַלד גרייטן צום טיש. די קינדער דרייען זיך אַרום אָנגעצויגענע און סודן זיך שטילערהייט אין די ווינקלען. די דינסט קומט אַריין אַזוי ווי אין פוטערנע לאַטשן. עסט מען שטילערהייט, און מען היט זיך אַ קלאַפּ צו טון מיט אַ לעפל. בלויז דער זייגער טיקעט הויך. דאַכט זיך, העכער ווי אַלע מאָל, און האַלט אין איין כּסדרדיקן ברומען:

– דער בילאַנס שטימט נישט, דער בילאַנס שטימט נישט.

הויבט פאַן ווינקלער אויף די אויגן צום ציפערבלאַט, קוקט מיט אַ גערונצלטן שטערן און וויל, דאַכט זיך, ענטפערן:

– און אַז ער שטימט נישט, איז עס דיין עסק?...

*

איז אָט דעם לעצטן זונטיק מיטן פאַן ווינקלער געשען אַן אויסטערלישע זאַך.

אינדערפרי איז ער ווי געוויינלעך געגאַנגען מיט אַ קינד שפּאַצירן. דער טאָג איז געווען אַ טרוקענער, נאָר אַ כמורנער. איינער פון יענע פרילינגדיקע טעג, ווען די מענטשלעכע פּנימער זען אויס געל און נישט אויסגעשלאָפן. ס'האָט גע-צויגן אַ ווינטל, וואָס האָט אָנגעזאָגט אויף שניי.

די גאַסן זענען געלעגן ריין — אויפגערוימטע, טונקל־פאַרשאָטנטע, מיט שיטערע פאַרבייגייער. ס'רוב עלטערע פרויען — שוואַר־לייביקע. ס'האָט אויסגעזען, אַזוי ווי איצט וואָלט געווען די יום־טובדיקע מיטאָג־שעה, ווען אין מענטשלעכע הייזער קלינגט אָפּ דאָס היימלעכע געקלאַנג פון טיש־געשיר און די גאַס, דערווייל, שרימפּט זיך און וואַרט אויפן געטומל, וואָס וועט זיך אין אַ שעה־צוויי אַרום צעשיטן אויף אירע טראָטואַרן.

פאַן ווינקלער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע ציפער־רעיונות. ווייזט אויס, אַז ער האָט נישט געזען, אָדער ער האָט פאַרגעסן. נאָר דאָס מאָל איז קיין שום פּראָקורענט נישט אַנטקעגנגעקומען, קיין שום דירעקטאָר... עס זענען געגאַנגען סתם מענטשן. נישט ער האָט זיי געזען, נישט זיי — אים.

דאָס טעכטערל האָט געמאַכט ברייטע, לאַנגזאַמע שפּרייזן, אַזוי ווי דער טאַטע. געגאַפּיעט ערגעץ אין דער לענג פון דער גאַס און געוווּנדערט זיך, וואָס דער טאַטוש גייט אַזאַ שווייַגעדיקער און אויף אַלע אירע פראַגן ענטפערט ער מיט אַ ברום אונטער דער נאָז.

גייענדיק שוין צוריק אַהיים, איז דעם פאַן ווינקלער אַנטקעגנגעקומען דער קאָרעספּאָנדענט פון געשעפט — פאַן סעבאַסטיאַן פעלדמאַן — אַ הויכער פאַרשוין מיט אַ צו־גרויסן בויך, וואָס האָט זיך געשטופּט פאָרויס, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן:

— לאָזט דורך, פאַן סעבאַסטיאַן פעלדמאַן גייט...

יענער האָט שפּאַצירט מיטן ווייב אונטערן אָרעם — אַ שוואַר־לייביקע פרוי, אַ גוידערדיקע מיט אַ לאַנגן שוואַרצן שלעפּ באַם הוט.

דערזעענדיק דעם פאַן ווינקלער, האָט דער קאָרעספּאָנדענט מיט אַ ליבלעך שמייכעלע געצויגן דעם הוט און באַלד צוריק אָנגעבלאָזן ס'פּנים, ווי קיינמאָל גאָרנישט. שווער געווען צו גלייבן, אַז דערדאָזיקער מענטש האָט מיט אַ רגע פריער אַזוי ליבלעך געשמייכלט.

פאַן ווינקלער האָט נישט געורן צוריקגעגריסט. ערשטנס, האָט יענער אים אַ ביסל צעשטערט די רעיונות, צווייטנס, האָט ער דעם פאַן סעבאַסטיאַן נישט איבעריק ליב געהאַט. ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מענטש אַ פאַלשן, אַ חונף און אַ לעקער. יענער איז צופיל „פאַן-בראַט" געווען מיט די קעניגס. געגאַנגען צו זיי גוט-יום-טוב ביטן, און שטילערהייט — מיט אַ שמייכעלע און מיט אַ חכמהלע — דערטראָגן, וואָס עס קלערן און רעדן צווישן זיך די אָנגעשטעלטע.

און נאָך אַ מיאוסע טבע האָט ער געהאַט, דער פאַן סעבאַסטיאַן. זיינס איז געווען הייליק, יענעמס — מיט דער בלאָטע צוגלייך. אַז ס'איז צו רייד געקומען וועגן משפחה — האָט ער קודם-כל אַריינגעזאָגט, אַז דער פוילישער קריטיקער ווילהעלם פעלדמאַן איז געווען זיינס אַ נאָענטער קרוב, און אַז אַזאַ ריין-פוילישן נאָמען, ווי סעבאַסטיאַן, טראָגן אפשר געציילטע פאַליאַקן.

עס פלעגט טרעפן, אַז ווען דער קאָרעספאָנדענט האָט זיך פאַר עמיצן פאַרגעשטעלט — האָט ער מיט אַ באַזונדערן קנייטש אונטערגעשטראָכן דעם פאַרנאָמען זיינעם:

— סעבאַסטיאַן פעלדמאַן יעסטעם!

די קעניגס האָבן אים אַנדערש נישט גערופן, ווי „פאַניע סעבאַסטיאַניע". און איייניקע פון די אָנגעשטעלטע יענע, וואָס האָבן מורא געהאַט, ער זאָל זיי נישט נעמען אויף דער צונג — האָבן אים אויך אַנדערש נישט גערופן.

און אַ צונג האָט דערדאָזיקער פאַן סעבאַסטיאַן געהאַט אַ ביטערע. אַרומגעשטעקט פון אַלע זייטן מיט נאָדלען און נעדלעך. ער האָט גערעדט גיך. שלינגענדיק יעדעס וואָרט — ווי אַ ברי. געוואָרפן מיט די הענט, גאַרנישט ווי קיין קרוב פון ווילהעלם פעלדמאַן, און תמיד יענעם פאַרשריגן...

פאַן ווינקלער — בטבע אַ צוריקגעהאַלטענער, מיט אַ סכום פון געציילטע באַגריפן, פלעגט זיך אינגאַנצן איינקאָרטשען, ווען סעבאַסטיאַן האָט גערעדט. עס איז אים אָפטמאָל געקומען אויפן געדאַנק, אַז דערדאָזיקער מענטש קאָן מיט

איין וואָרט אונטערצינדן אַ שטאָט. ער האָט זיך דעריבער געהאַלטן פון אים פון דערווייטנס. נישט גערעדט קיין סך אין זיין געגנוואַרט און נישט גערן געענטפערט אויף זיינע שאלות.

אַצינד, אַז יענער איז פאַרבייגעגאַנגען אַזוי שטייף מיטן בויך אין דער וועלט אַריין, האָט עס דעם פאַן ווינקלער פאַר־דראָסן. אָט גייט ער זיך שפּאַצירן מיטן ווייב — גדלותדיק, פאַרריסן, אַזוי ווי די שטאָט וואָלט געווען זיינע. און ער, יאַקוב ווינקלער, וואָס איז הויפּט־בוכהאַלטער אין געשעפט, קריכט איינגעבויגן אין אַן אַלטן אָפּגעריבענעם פּאַלטן מיט אַ גרינגעם שטויב אויף די אַקסלען — און טראַכט וועגן עפּעס הונדערט זיבן און דרייסיק מאַרק, וואָס האָבן אַזאַ ווערט, ווי דער שטויב, וואָס ליגט דאָ אין גאַס. יאַקוב ווינקלער גייט און ברעכט זיך דעם קאָפּ, ווו זיי שטעקן ערגעץ. און פאַרגעסט גאָר, אַז היינט איז זונטיק, אַז מענטשן זאָרגן נישט היינט, נאָר נעמען די ווייבער און לאָזן זיך אין די גאַסן — צופרי־דענע מיט גרויסע בייכער, מיט ציגאַרן אין די מיילער, מיט זאַטע פּנימער, אָנגעטון לייטיש... צו אַלדי שוואַרץ־יאָר... די פירמע „ברידער קעניג״ וועט דער טייוול נישט נעמען, ווען ער, יאַקוב ווינקלער, וועט היינט נישט טראַכטן פון זייערע ביכער מיט זייערע קאַפּיטאַלן...

ער האָט פּעסטער אָנגענומען דאָס טעכטערל באַ דער האַנט און אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס באַשלאָסן, איז ער גיך אַהיימגעגאַנגען.

אינדערהיים האָט ער געמוזט לאַנג וואַרטן אויף מיטאָג. די דינסט איז אַראָפּגעגאַנגען און זוימט זיך שוין אַ גאַנצע שעה. דאָס ווייב האָט גערעדט הויך, כמעט געשריגן. אַ גאָפּל איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַן אויסטערלישן קלאַפּ. אַ גלאָז איז צע־בראָכן געוואָרן... דאָס אַלץ האָט דעם פאַן ווינקלער נאָך מער פאַרגרינט און נאָך מער אָנגעיאָגט אַ כמורנעקייט אין די גרויסע אויגן. הונגעריק איז ער געווען. פאַן סעבאַסטיאַנס בויך האָט זיך אים אַלץ איינגעשטופּט אין די אויגן אַריין — האָט

ער אויסגעלאָזט זיין פאַרגרינטקייט צום טעכטערל — פאַרוואָס זי איז אַזאַ תּם, האַלט זיך אין איין פרעגן נאַרישע קשיות. ווייל זיך נישט לערנען, רייסט שיך—אַזוי כסדר, כסדר, ביז די דינסט איז אַריינגעפאַלן רויט, ווי פון אַ פאַרע אַרויס און מען האָט גענומען סוף-כּל-סוף גרייטן צום טיש...

נאָכן מיטאָג איז רויק געוואָרן. פאַן ווינקלער האָט אינ-גאַנצן פאַרגעסן אָן פאַן סעבאַסטיאַנס בויך מיטן הענגלדיקן פּנים. ער האָט זיך געוואָלט נעמען צו זיין זונטיקדיק פאַרגע-ניגן, ד. ה. צו דער סאָפקע און צום „קוריער". ווייזט אָבער אויס, אַז ער איז געווען צו מיד — איז ער נאָך אַביסל געזעסן באַם טיש, און אַזוי זיצנדיק, איז ער שטילערהייט אַנ-דרימלט געוואָרן.

דאָס ווייב האָט נישט געלאָזט אַראָפּנעמען דאָס טישטוך, וואָס מען האָט געלייגט צום מיטאָג, געהייסן די קינדער אַריינ-גיין אין צווייטן צימער. די דינסט האָט אויף די שפּיץ-נעגל אַראָפּגערוימט די כּלים, און פאַן ווינקלער האָט געדרימלט אין דער פאַרנאַכטלעכער שטילקייט, וואָס האָט זיך געבלייכט אויף די שויבן.

אַזוי דרימלענדיק האָט זיך דעם פאַן ווינקלער געחלומט אַזאַ חלום:

ער זיצט אין קאַנטאָר. פון דער עקספּעדיציע איז מען זיך שוין צעגאַנגען. דער וואַזשנע טשאַפּעט אַרום פון איין צימער אין אַנדערן. דער זייגער טיקעט הייזעריקלעך. ס'איז פאַרנאַכטלעך. איבער זיין שרייב-טיש ברענט שוין די עלעק-טריע. דאָס הויפּט-בוך ליגט אָפן. אַקעגנאיבער אים שטייט פאַן ליפּסאָן. שטייט אַ ווײַלע און ווערט פלוצלינג נעלם. דערנאָך וואַקסט ער ווידער אויס און ווייזט אים מיטן פינגער אויפן אָפענעם הויפּט-בוך. קוקט ער זיך צו, דער פאַן ווינקלער. זעט ער, ווי פון די לאַנגע, געקעסטלטע רובריקן נעמען זיך איינ-ציקווייז אַרויסרוקן די ציפערן. זיי רייסן זיך אָפּ אַזוי ווי לעבע-דיקע באַשעפענישן און קריכן מחנותווייז אויף אַ ריין, נישט פאַרשריבן בלאַט

פאַן ווינקלער גלייבט נישט זיינע אייגענע אויגן. אים דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ חלום. אָט גייען די מיליאָנען — שוואַר־בייכיקע, אָנגעפרעסענע. נאָך זיי — די הונדערט־טויזנטער מיט אַ באַלעבאַטיש־געמיטלעך געגגל. שפּעטער — די צען־טויזנטער — קורצע, איינגעשרומפּענע. נאָך זיי — טויזנטער, הונדערטער — מאָגערע, נישט אָנזעעוודיקע. מען גייט קופּקעסווייז, שורות־ווייז, צעוואָרפן, און אַלע, דאַכט זיך, שטיקן זיך פון אַ גרויס געלעכטער.

דעם פאַן ווינקלער נעמט זיך מישן אין קאָפּ. ער וויל רופן דעם פאַן ליפּסאָן, נאָר יענער האָט זיך אויסגעמישט מיט דער גאַנצער חברותא און צוזאַמען מיט זיי שטיקט ער זיך פון געלעכטער.

צו אַלדי טייוול, וואָס זאָל דאָס באַטייטן ?!...

אָט נעמען זיך אַלע ציפערן אָן אין אַ ראָד. די בייכיקע, די באַלעבאַטישע צוזאַמען מיט די איינגעשרומפּענע, נישט אָנ־זעעוודיקע. און אַז דאָס ראָד איז פאַרמאַכט אַרום און אַרום, שפּרינגט אַרויס פון ערגעץ אַ קליינס, אַ פאַרשטויבטס, ווי ס'וואָלט גע־לעגן ערגעץ אונטער אַ בעט און שטעלט זיך אַוועק אין דער מיט און שטשירעט אויס צוויי שוואַרצע שורות ציין. דאָס גאַנ־צע ראָד נעמט טאַנצן אַרום דעם דאָזיקן ציפערל. פאַן ווינק־לער דערפרייט זיך. אָט איז עס. אָט האָט ער עס געפּאַקט. נאָך אַזוי פיל זוכעניש און קאָפּ־ברעכעניש. אָט זעגען זיי, די הונדערט זיבן און דרייסיק מאַרק.

ער לייגט אַרויף די האַנט און וויל עס אָננעמען. גיט עס זיך אַ רוק אַפּער, ווערט רויט און קוקט אים אָן מיט אַזעל־כע אויגן, אַז דעם פאַן ווינקלער ווערט קאַלט אין די ביינער.

ציט ער צוריק די האַנט, איז עס דאָ אין מיטן. ווידער אַ קליינס, אַ פאַרשטויבטס, ווי ס'וואָלט געלעגן ערגעץ אונטער אַ בעט. רופט פאַן ווינקלער:

— פאַניע ליפּסאָן, פאַניע ליפּסאָן !...

גיט ער זיך פלוצלינג אַ וויג. דער קאָפּ גיט אַ פאַל און

אַ הייב-זיך. עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ פון אַ שערל, אַ קלונג פון אַ גלאָז און פאַן ווינקלער רייסט אויף די אויגן.

— צאָ טאָביע, יאַקוביע? — דערהערט זיך די פאַני ווינקלערס צעטומלט קול.

פאַן ווינקלער קאָן נישט ענטפערן. אין שטוב איז טונקל. פון דעם דערבייאיקן צימער הערן זיך איינגעהאַלטענע שטימען פון קינדער. פון קיך קלאַפּט דאָס דינסטמיידל מיטן געפעס.

— יוזשו, צינד נאָר אָן דעם גאַז — רופט פאַני ווינקלער אין קיך אַריין און אַליין גייט זי צו צום מאַן, וואָס זיצט אַ שטייפער, ווי ער וואָלט נאָך געשלאָפן און ציט אים באַם אַקסל:

— יאַקוביע!...

די דינסט קומט אַריין, שטעלט זיך אויף אַ שטול און צינדט אָן דעם גאַז. אַ גרין-געלע ליכטיקייט פאַרכאַפּט די ווענט און מאַכט אַזוי, אַז פאַן ווינקלער זאָל אַ לאַנגע צייט ציטערן מיט די וויעס און נישט קאָנען עפענען די אויגן.

שפעטער, ווען די אויגן געוויינען זיך צו צו דער ליכטיקייט — קוקט זיך פאַן ווינקלער אַרום, ווי נישט קיין היגער. באַמערקט די פרוי, וואָס קוקט אים אין פנים אַריין, און פרעגט זי האַלב-פאַרשלאָפן, צי ס'איז דאָ קיינער נישט געוועזן.

— ניין, נישט געוועזן. אָבער וואָס ביסטו עפעס אַזוי צעטראָגן?

— ביסט אַ מבין!...

— אויף וואָס?

— וואָס אַ חלום קאָן!

— ס'האָט זיך דיר עפעס געחלומט?

— צייט איך לעב.

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

פאַן ווינקלער גלייכט אויס די וואָנסעס, וואָס זענען בשעתן דרימלען אַראָפּגעפאַלן, אַזוי ווי באַ אַ טויטן. ער גיט אַ פאַרזאָרגטן דריי מיטן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זיך נישט געקאָנט

שענקען, און נעמט דערציילן דעם ווייב, וואָס מיט אים איז געשען אין די עטלעכע מינוט דרימלען.

— דו פאַרשטייסט — קוקט ער זי אָן פאַרטוען — אַ ראָד... ציפערן... ציפערן... ציפערן... דער פעלער אין מיטן. הונדערט זיבן און דרייסיק מאַרק...

דאָס ווייב גיט אַ צי מיטן פאַררויטלטן נעזל, די הויט פון פּנים לאָזט זיך אַראָפּ.

— אודאי — רופט זי זיך אָן — אַז דו האָסט נאָר אין זינען די ביכער.

— אָבער פאַרשטיי נאָר — הייבט זיך פאַן ווינקלער אויף פון אָרט, גייט צו צום שפּיי-קעסטל, שפּייט אויס איינמאָל און נאָך אַמאָל, און אין איינוועגס רופט ער אין קיך אַריין:

— יוזשו! זאָל מיר יוזשע געבן אַ גלאָז טיי.

יוזשע ברענגט אַריין טיי. פאַן ווינקלער מישט פאַמעלעך און האַלט זיך אין איין וווּנדערן:

— ביסט אַ מבין! איך זוך עס אַרום, ווי מיט ליכט און דאָ שטייט עס זיך גאָר אין מיטן...

ער גיט אַ זופּ די טיי, אַ קוועטש מיטן קאָפּ איבערן גלאָז — און ווידער אַמאָל:

— ביסט אַ מבין!

פרוי ווינקלער שטעלט דערווייל אַוועק דאָס ניי-געשיר. זי נעמט אַרויס פון אַ שופלאָד עטלעכע אַלטע העמדלעך מיט לייבלעך, נעצט דעם פאָדעם מיט דער צונג, הויבט אויף נאָדלפאָדעט צום גאַז און וואַרפט אַריין פאַרזאָרגט:

— אויף די קעניגס געזאָגט — אַ לעבן דאָס איז.

דער מאַן, דאַכט זיך, הערט נישט. ער דערציילט נאָכאַמאָל, ווי אַזוי ער איז אַנדרימלט געוואָרן, ווי אַזוי די ציפערן זענען אַרויסגעקראָכן פון די רובריקן, ווי אַזוי פאַן ליפּסאַן איז אויך געוואָרן אַ גרויסע ציפער. בשעת מעשה הייסט ער זיך דערלאַנגען נאָך אַ גלאָז טיי. מישט און זופּט... און דאָס ווייב פעדעמט און צערעוועט. און אַז דער מאַן בלייבט אַ ווײַלע

שטיל, שטעקט זי די נאָדל אין לייוונט און רופט זיך אָן נישט דרייסט:

— יאַקוביע!

— וואָס, אַנדזשו?

— ווי לאַנג איז דער שיעור?

— מיט וואָס?

— צו זיצן אַזוי בײַ די קעניגס און צו פאַרדינען וואַסער אויף קאַשע.

— וואָס דען זאָל איך טון?

— דאַרף איך דיר זאָגן. און אַליין ווייסטו נישט.

— מיינסט אַ הוספה?

— אָדער אַ הוספה, אָדער עפּעס אַנדערש. מען גייט דאָך אָן אַ העמד אויפן לייב.

— כ׳וועל רעדן.

— יאָ, וועסט רעדן, אַזוי ווי דו רעדסט אַלע מאָל.

— זאָג איך דיר, אַז כ׳וועל יאָ רעדן. אָבער לאָז נאָר געמאַך, — פאַרקרומט ער דאָס פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט אָפּגעיאָגט אַ פליג — זעסט דאָך, אַז כ׳בין פאַרנומען...

— אודאי, ביסט פאַרנומען — ציט פאַני ווינקלער אַראָפּ די ליפּן און גיט אַ בייג מיטן קאָפּ.

דערדאָזיקער בייג דערציילט, אַז אַזוי איז געווען פאַריאָרן און פאַר צוויי יאָר, און אַזוי וועט זיין מאָרגן און איבערמאָרגן, און איין גאָט ווייסט, ווי לאַנג נאָך.

נאָר פאַן ווינקלער זעט נישט. ער איז כּסדר פאַרמוחט. קוועטשט מיטן קאָפּ, און יעדע פאָר מינוט גיט ער אַ ברום צו זיך און צו קיינעם נישט:

— וואָס אַ חלום קאָן!

פונדעסטוועגן האָט ער פאַרן לייגן-זיך שלאָפן נישט פאַרגעסן אָנצוציען דאָס זייגערל מיט אַ פערטל שעה שפּעטער, אויפצוהענגען די מאַרינאַרקע אויפן אייגענעם הענגער, וואָס מיט פופצן יאָר צוריק, אַוועקצושטעלן די שטעק-לאַטשן רעכטס פון בעט און אויסצוטרינקען אַ קאַלט גלאָז וואַסער — אַן אַר-

בעט, וואָס ער טוט שוין יאָרן, נאַכט בײַ נאַכט, איידער ער קריכט אַרײַן אין בעט.

לײַגנדיק, האָט ער געטראַכט, אַז מאָרגן בײַ־לד אינדערפֿרי, ווי נאָר ער וועט קומען אין געשעפֿט, וועט ער זיך נעמען זוכן דעם פֿעלער. און מאָרגן מוז ער אים אויפֿזוכן. ער האָט זיך נאָר געשוואוירן, צי זאָל ער דערציילן עמיצן וועגן חלום, צי נישט. גלײַכער נישט — האָט ער באַשלאָסן — חברה יונגוואַרג וועט זיך וויצלען. פֿאַן סעבאַסטיאַן וועט דערציילן די קעניגס. בעסער שווייגן.

*

צומאָרגנס, אַז פֿאַן ווינקלער איז געקומען אין געשעפֿט אַרײַן, האָט ער קודם־כּל אַראָפּגענומען פֿון זיך דאָס היימישע רעקל און אָנגעטון דאָס אַלטע ריפּסענע, וואָס הענגט שוין אין קאַנטאָר פֿון כּמה יאָרן און דינט אים נאָר צו דער אַרבעט. דערנאָך האָט ער אַרײַנגעלייגט די זעמל מיט פּוטער אין שופֿלאָד, צעלייגט די שרײַב־מכשירים, און אַזוי ווי אין קאַנטאָר איז נאָך קיינער נישט געווען — איז ער זיך, ווי געוויינלעך, אַ ביסל איבערגעגאַנגען איבער די אויפֿגערוימטע צימערן, וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט פֿאַרשלאָפֿנקייט. אין איינוועגס האָט ער פֿאַרבײַגייענדיק, אַזוי ווי אַלע טאָג פֿון אַ גאַנץ יאָר, אויסגעפּרעגט דעם אַרומטשאַפּענדיקן וואָזשנע, ווי אַזוי דער זונטיק איז דערגאַנגען און וואָס עס דערציילן די דינסטן פֿון פֿאַן יוזעף מיטן פֿאַן מיכאַל.

אַ גאַנצע צײַט האָט ער אין זינען געהאַט דעם נעכטיקן חלום. געווען אַ מינוט, ווען ער האָט אַלץ געוואָלט דערציילן דעם אַלטן מיכאַל. האָט ער זיך אָבער פּלוצלינג דערמאָנט, אַז אָט דעם אַלטן מיכאַל, דעם אייגענעם וואָזשנע, וואָס ווישט אַצינד דעם שטויב פֿון די טישן, רופֿט מען גאָר אין געשעפֿט — סטאַניסלאַוו. כאָטש אין אמתן הייסט ער מיכאַל, ד. ה. רופֿן רופֿט אים נאָר פֿאַן יוזעף אַזוי. ער, פֿאַן יוזעף, וויל נישט, אַז דער וואָזשנע זאָל הייסן אַזוי ווי זײַן ברודער. האָט

ער אים געזאָגט, דעם אַלטן, דעמאָלט ווען ער האָט אים צו־גענומען, אַז פון היינט אָן וועט ער הייסן סטאַניסלאַוו.

דער אַלטער האָט געמרוגעט מיט די אויגן. ווייזט אויס — געוווּנדערט זיך, און געפּרוּווט עפּעס ענטפערן.

האָט אים פאַן יוזעף איבערגעשלאָגן מיט אַ בייז קול:

— גענוג, דו הייסט סטאַניסלאַוו און פּטור...

טרעפט אַמאָל, אַז פאַן יוזעף רופט „מיכאַליע" און מיי־נען מיינט ער דעם ברודער — דערהערט עס דער וואָזשנע — נעמט ער גיך טשאַפּען אין קאַבינעט אַריין און ראַפּאָרטירט:

— יעסטעם, פּראָשען פּאַנאַ!

גיט אים פאַן יוזעף אַן אָפּשניט.

— צו אַלדי טייוול, נישט דיך מיין איך (ער זאָגט דעם אַלטן „דו"). פאַרשעמט זיך דער וואָזשנע און דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף הייסן סטאַניסלאַוו.

פאַן ווינקלער דערמאָנט זיך און שמייכלט אין די בלאָנדע וואָנסעס אַריין. דער וואָזשנע שטעלט גלייך די טינטאָרנס און פּלאַפּלט עפּעס אין דער וועלט אַריין. די פענסטער שטייען אָפן. אַ זוניקער, קילער פרימאָרגן לויפט אַרום איבער די ליידיקע טישן. פאַן ווינקלער פילט זיך אויסגעשלאָפן, לופטיק. וויל ער אַ זאָג טון:

— ווייסט, מיכאַליע, דער נעכטיקער חלום...

דערהערט זיך אַ קלונג. דער אַלטער גיט זיך אַ כאַפּ און לויפט עפענען.

שטופּט זיך אַריין פאַן סעבאַסטיאַן מיטן בייכיקן פּאַראַ־סאָל, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פון זיין באַלעבאָס גוף. ער זאָגט אַ ברייטן „גוטמאָרגן" און פרעגט דעם פאַן ווינקלער, וואָס ער איז אַזוי נעכטן געווען פאַרזאָרגט.

אין עטלעכע מינוט אַרום קלינגט דער קאַסירער, פאַן יוליאַן ווייץ, אַ מענטש מיט גלייכע אַקסלען, וואָס האָט אַ שוואַכ־קייט אונטערצושוואַרצן זיך די גרוילעכע וואָנסעס און רעדן אָנשטאָט אַ ווייכע „ל" אַ האַרטע און אָנשטאָט אַ האַרטע — אַ ווייכע.

שפּעטער קומט מיט דראָבנע טריטלעך אַ יונגערמאַן מיט

אַ פלאַטשיק פנים, וואָס פירט די וועקסל-אָפּטיילונג. נאָך אים — נאָך איינער — אַ בלאַסער מיט אַ פאַרשמעלט נעזל, וואָס טראָגט אַרום באַ זיך פּאָרנאָגראַפישע קאַרטן און האַלט אין שופלאָד אַ מענער-אבער געשניצט פון שוואַרץ האָלץ.

דערנאָך האָפּסלט אַריין אַ בחור מיט אויסגעקנייפּטע בעק-לעך, וואָס קריגט זיך מיט אַלעמען, און בעט יענעם מיטן פאַרשמעלטן נעזל, ער זאָל אים ווייזן די פּאָרנאָגראַפישע קאַרטן.

אַ פערטל אויף צען זיצן שוין אַלע באַ די טישן. די פעדערס סקריפּען. דער קאַסירער צעלייגט דאָס געלט. דער טעלעפאָן הויבט אָן קלינגען. ערשט דעמאָלט קומט צו לויפן פאַן ווינקלערס געהילף — דאָס געפּוצטע בחורל ליפּסאָן.

ער וואַרפט זיך אַריין דורך דער הינטער-טיר, וואָס פירט פון קיך. גיט אַ שליידער אַוועק דעם מאַנטל, אַ גלעט דעם פייכטן קאָפּ. כאַפּט געשווינד אַרויס זיין בוך פון שאַנק... און אַזוי לויפנדיק און סאַפּענדיק גיט ער אין איין אָטעם אַ פרעג:

— פאַן יוזעף יוזש יעסט?

— יעסט, יעסט — רופט זיך אָן פאַן סעבאַסטיאַן, וואָס זיצט אין אַ דערבייאיק צימער, ווו די טירן שטייען אָפן אין דער בוכהאַלטעריע אַריין — איר קומט שפּעט, פאַניע ליפּסאָן, זייער שפּעט...

— אַ, פּראָשען פאַנאַ — נעמט דאָס געפּודערטע בחורל שטאַמלען — אַ שוועסטער נישט געזונט... געמוזט גיין אין אַפּטייק...

פאַן ווינקלער רופט זיך נישט אָן. ער זיצט מיט פאַר-גראָבענע אויגן אין זשורנאַל אַריין, איין אַקסל שפּיציק אַרויס-געשטעלט און טראַכט, אַז ווי פאַן ליפּסאָן זאָל זיך נישט פאַרענטפערן, וועט שוין דער „קאָמבינאַטאָר" (אַזוי רופט מען שטילערהייט דעם פאַן סעבאַסטיאַן) צו וויסן געבן אין קאַבינעט, אַז פאַן ליפּסאָן פאַרשפּעטיקט זיך.

— נו, און איצט, פאַניע ליפּסאָן — רופט זיך אָן אין

אַ ווײַלע שפּעטער דער בוכהאַלטער – לאַמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

הייבט זיך אויפסניי אָן דאָס דיקטירן, דאָס מישן מיט בלעטער, שטרייכן מיט בלייפעדערס. צווישן איין בלאַט און דעם צווייטן גענעצט דערווייל דער פאַן ליפּסאָן, קוקט אין אַ האַנט-שפּיגעלע, גלעט דעם פּייכטלעך-צוגעקעמטן קאָפּ. דער זייגער רוקט זיך פון האַלב עלף אויף עלף. די אַרבעט איז אין מיטן גאַנג. אין קאַבינעט בײַ די קעניגס זיצט אַ קליענט. פאַן יוזעף ווערט זיך איצט נישט ווייזן. נעמט פאַן ליפּסאָן ביסלעכווייז דערציילן, ווי אַזוי דער נעכטיקער זונטיק איז אים דערגאַנגען.

אַזאַ טאָג איז שוין מאָנטיק. אין די ביינער ליגט נאָך דער טעם פון נישט אַרבעטן. מען איז האַלב-פויל, האַלב נישט דערשלאָפן. לייגט מען אַוועק די בלייפעדערס, מען שפּיצט אויס דאָס פּנים און מען הערט.

און הערן איז דאָ וואָס. אַלע זונטיק טרעפט מיטן פאַן ליפּסאָן אַנדערע נסים. און כאָטש פאַן ווינקלער גלייבט נישט אַזוי שטאַרק, האָט ער פונדעסטוועגן ליב אים אויסצוהערן און אַפילו הנאה האָבן.

פאַן ליפּסאָן דערציילט אָן אַ סדר. ער פּלאַפּלט מער, ווי ער רעדט. און אַ שטים האָט ער אַ ווייכע, אַ טונקעלע. פון יענע שטימען, וואָס רעגן אויף געשלעכטלעך.

דערציילט ער פון אַ שיקסל, וואָס ער האָט געהאַט. בלוט און מילך. אַליין אַ סטודענטקע. נישט גלאַט אַזוי פון גאַס אַראָפּ. פאַלט אַריין צו אים פון זונטיק צו זונטיק... ער האָט זי שוין געננוג... איצט קומט צו אים אַ יידיש מיידל. נאָך גאָר אַ יונגעטשקע – בריסטעלעך, ווי עפּעלעך... זי וואַרפט זיך אויף אים, ווי אַ פייער. קאָן זיך גאָרנישט אָנזעטיקן, און אַ בײַ-לעבאַטיש קינד, פון אַ פיין הויז... ער קען אַ ברודער אירן – אַ דאָקטאָר...

פּלאַפּלט ער אַזוי, דער פאַן ליפּסאָן. און מאָלט בולט, ווי אַזוי זיי גיבן זיך אים אָפּ – די סטודענטקעס, מיט די פיינע

מיידלעך. ווי ער גייט מיט זיי דערנאָך אין אַ קינאָ, אָדער ער גייט גאָרנישט, און דאָס אַלץ — וואָס קאָסט עס אים? — אַ גאָרנישט. אַז ער זאָל וועלן — גיט ער צו, ווען ער האָט שוין נישט וואָס צו זאָגן — קאָן ער האָבן די שענסטע און די אָרנטלעכסטע פרויען... נאָר ער וויל נישט, ער האָט זיי שוין גענוג...

פאַן ווינקלער קוקט פאַרנומען. אונטער די וואָנסעס פילט ער אַ פייכטקייט. די גרויע אויגן ווערן צעשפּרייט, ווי בײַ אַ קאַץ. ער שמייכלט אין דער קרום. אַלע פאָר מינוט רייסט ער איבער:

— אַזוי, טאַקע?...

ער קאָן זיך גאָרנישט אָפּוווּנדערן, וואָס די אַלע תענוגים קאָסטן דעם פאַן ליפּסאָן כמעט ווי גאָרנישט, און וואָס די מיידלעך מיט די שיקסלעך זייַנע זענען נישט יענע פון גאַס, נאָר פון פיינע הייזער — ברידער דאָקטוירים, סטו־דענטקעס...

— און אַלץ אָן געלט?

— יאַק באָזשע קאָכאַם — שווערט זיך דאָס געפּוצטע בחורל און קוקט מיט יענער אָפענער קאַלטקייט, וואָס גרענעצט שוין מיט מידקייט און ביטול.

פאַן ווינקלער פאַרטראַכט זיך. עס קומט אים אויפן רעיון זיין אייגן ווייב מיטן רויטלעך־פאַרשפּיצטן נעזל, וועלכע איז כסדר פאַרנומען מיט פאַרריכטן און פאַרצערעווען, און מיטן דערמאָנען אים וועגן הוספות. עס קומט אים אויפן זינען דאָס דינסט־מיידל, וואָס איז געשטופּלט ווי אַ ריב־אייזן. און ס'פאַלט אים איין, אַז דאָס ווייב זיינס נעמט אומישנע צו אַזעלכע מיאוסע דינסט־מיידלעך. די פריערדיקע איז נאָך מיאוסער גע־ווען. אַ הויקער מיט בייגלדיקע פיס. ווייזט אויס, אַז זי טוט עס מיט אויסרעכענונג, דאָס ווייב זיינס... איז טאַקע פאַן ליפּ־סאָן גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז ער וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן...

— אַן אַנדערע וועלט אַרויסגעקומען — רעדט פאַן ווינק־

לער צו זיך אין מוח, — אָרנטלעכע מיידלעך... זיי האָבן אים ליב... וואָס געלט, ווער געלט?!

אַמאָל, אין זיינע יאָרן, איז שווער געווען אַרויסצונעמען אַ רובל. קיין באַלעבאַטישע מיידלעך זענען נישט געווען. אַלץ יענע פון די ראָגעס. פאַרדינט האָט ער ווייניק. געמוזט אַלץ אָוועקגעבן טאַטע-מאַמע. האָט לאַנג געדויערט, ביז ער האָט געקאָנט אָפּשפּאָרן אַ רובל און פאַרגינען זיך איינע פון ראָג.

ער געדענקט, אַז אַפילו דאָס איז אים אויך אָנגעקומען שווער. ער פלעגט צוערשט אַרומקרייזלען אַלע הינטער-גאַסן, אויסמיידן מענטשלעכע פנימער. אַז ער איז אַריין מיט איינע אין אַ טויער — פלעגט ער זי באַטראַכטן — צי זי איז אין זיין געשמאַק (ער האָט ליב פרויען מיט גרויסע בוזעמס), דינגען זיך מיט איר, ביז ער איז פאַרשווונדן ערגעץ אויף טונקעלע טרעפּ אין אַ קליין שטיבל מיט אַ נאַפט-לעמפּל.

אַ סך מאָל האָט ער חרטה געהאַט. אינעווייניק האָט ער ערשט דערזען, אַז יענע איז מיאוס, דאַר. און אַ מזל האָט ער געהאַט, אַז תמיד האָט ער געטראָפן אויף אַ שלעכט שטיק. ביזן היינטיקן טאָג האָט ער דאָס געפיל, אַז אַלע יענע פון די ראָגעס זענען שלעכטע.

פאַן סעבאַסטיאַן, וועלכער אַרבעט אין געשעפט לענגער ווי פאַן ווינקלער, האָט געוווסט דעם בוכהאַלטערס שוואַכקייט. אַז ס'איז געקומען אַ טאָג-צוויי נאָכן ערשטן און פאַן ווינקלער איז געזעסן מיט אַריינגעטונענע אויגן אין די ביכער, האָט דער קאָרעספּאָנדענט פאַרשטאַנען, אַז נעכטן צו אייערנעכטן איז דאָס יונגע בוכהאַלטערל געווען באַ אַ מיידל און אַז אַצינד קלערט ער אוודאי, צי מען דאַרף נישט אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר... פלעגט ער אונטערשמייכלען, דער פאַן סעבאַסטיאַן, און גוט-מוטיק קלאַפּן דעם בוכהאַלטער איבער די פּלייצעס.

— נישקשה, פאַניע ווינקלער, ס'טרעפט זיך אַזעלכעס. —

ער אַליין איז אויך אַמאָל קראַנק געווען. עפּעס דאָרט אַ קורצע צייט. שפּעטער, אַז ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער זיך אויסגעקליבן איינע, אַ קריסטין. ס'בעסטע איז אַ קריס-

טין, זי האָט געוויינט פֿאַר זיך. אַ ליכטיק צימער. אַ בעט — אַ נחת. איבערן בעט דאָס יוזל — פֿרום געווען. אַז זי האָט זיך געלייגט מיט אים, האָט זי געברענט אינגאַנצן. ביזן היינטיקן טאָג פֿילט נאָך פֿאַן סעבאַסטיאַן דעם טעם.

— איר ווייסט, פֿאַניע ווינקלער, — האָט דער קאָרעס-פּאָנדענט הייזעריקלעך און שטיל צוגעגעבן, — זי פֿלעגט דאָך קריצן מיט די ציין, „יעזוס-מאַריאַ" — רופֿן. הע, הע, יעזוס-מאַריאַ! ווי איר זעט מיך לעבן... איז ס'בעסטע — ער, פֿאַן ווינקלער, זאָל זיך אויסקלויבן איינע. ס'קאָסט טאַקע אַ ביסל מער, אָבער מען איז תּמיד זיכער.

נאָר פֿאַן ווינקלער האָט זיך נישט אויסגעקליבן. ער האָט דערנאָך חתונה געהאַט. ער האָט געזען, אַז די כּלה האָט אַ רויטלעך נעזל, נאָר מען האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט נדן און שטאַמט פֿון אַ שיינער משפּחה, האָט ער חתונה געהאַט. דערנאָך — אַ קינד און נאָך אַ קינד. אין די ראָגעס איז ער מער נישט געגאַנגען. ער האָט דאָך געהאַט אַ ווייב. דאָס ווייב האָט געקאָכט און געבאַקן און פֿאַרריכט און געצערעוועט. ער איז דערווייל געוואָרן הויפּט-בוכהאַלטער אין געשעפֿט. שפּעטער, ווען דעם ווייבס נעזל איז געוואָרן רויטער און זי האָט פֿאַר-לוירן דעם טעם פֿון די ערשטע חתונה-יאָרן, איז אָפּטמאָל גע-קומען דער געדאַנק וועגן יענע אין די ראָגעס, אָדער וועגן איינער, אַ קריסטין, ווי פֿאַן סעבאַסטיאַן האָט געעצהט. איז — ערשטנס, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז הויפּט-בוכהאַלטער, אַ טאַטע פֿון צוויי קינדער; און צווייטנס — האָט ער גאָרנישט געקאָנט טראַכטן וועגן קיין געלט אויף אַזעלכע זאַכן.

היינט איז שוין שפּעט. שוין נישט די צייטן דערויף. היינט דערציילט פֿאַן ליפּסאָן.

אָט האָט אַפֿילו פֿאַן סעבאַסטיאַן פֿאַרשטעקט די פֿעדער אונטערן אויער און שאָקלט אין דער אָפֿענער טיי אַריין מיטן קאָפּ:

— לאַדני ז'פּאַנאַ פּטאַק, פּאַניע ליפּסאָן.

ער זאָגט עס גוטמוטיק, מיט אַ שמייכל אונטער דער

העננלדיקער גאַמבע. ער דערמאָנט זיך מן־הסתם אָן יענער מיטן „יעזוס־מאַריאַ", גיט ער אַ קנייטש מיט אַן אַקסל און רעדט אַריין:

— פּאַניע ווינקלער, מינענלי טע טשאָסי.

פּאַן ווינקלער ענטפערט אָפּ פּאַרטראָגן אין בוך אַריין:

— אַ טאַק, מינענלי, פּאַניע.

*

אַזוי אַנטלויפן די שעהן אין דעם טאָג, וואָס הייסט מאָנטיק. קומט אָבער אַ דינסטיק, אַ מיטוואָך און די רעשט טעג פון דער וואָך — ווערט נמאס פון הויכן זייגער־טיקען, פון די פאַרשטויבטע רוקנס אין דער שאַנק, פון די לאַנגע נישט געוואַשענע שויבן. די גרויקייט עסט זיך איין אין בלוט, ווי זשוואָווער; בייגט די אַקסלען צו די טישן, באַשווערט די געדאַנקען. מען זעט נישט מער, ווי ציפערן, לאַנגע רובריקן. מען טראַכט פון גאָרנישט מער, ווי נאָר פון די טויט־לעבעדי־קע באַשעפענישן, וואָס ווערן גרעסער, אויסגעצויגענער, ביז פאַרגאָסנקייט פון אויגן און ביז טעמפּער חלשות.

קומט אַריין עמיצער פון דער עקספּעדיציע, דאַכט זיך, אַז ער קומט פון אַ פרעמדער וועלט. פּאַן ווינקלער הייבט אויף דעם קאָפּ פון זשורנאַל. ער פרייט זיך מיט דעם שטיק פרעמד־קייט, וואָס האָט אויף אַ ווייל צעיאָגט די גרויקייט. ער הערט שוין נישט דאָס טיקען פון אומרו, זעט נישט די נאַריש־פאַר־עקשנטע רוקנס פון די ביכער. ער פרעגט, וואָס עס הערט זיך דאָרט אין דער עקספּעדיציע, וויפיל קליענטן... צי פּאַן יוזעף איז דאָ... און ס'אַרט אים נישט, וואָס יענער וועט ענטפערן— ער פרעגט נאָר, און דאָס איז אים גענוג.

גייט יענער צוריק אַרויס — נעמט דער אומרו העכער זיך וויגן. די ווייזערס רוקן זיך פּאַמעלעך... שלעפּנדיק, ווי אַן עגלה אין זאַמדיקן וועג. און וואָס מער די ווייזערס שלעפּן זיך, מער קוקט מען אויפן ציפערבלאַט. און וואָס מער מען קוקט — מער שלעפּן זיי זיך, ביז זיי דערציען זיך קוים צו

די צוועלף. עס גיט אַ ריק, אַ סקריפּ און ס׳נעמען אַראָפּפּאַלן אויף די טישן, ווי לאַנג-אויסגעקוקטע טראָפּנס רעגן, צוועלף הייזעריקלעכע שווערע קלעפּ.

דעמאָלט-צייט מען אָפּ דעם אָטעם, מען גלייכט זיך אויס און מען קוקט אויף דער טיר. פון דאָרט טשאַפּעט אַריין דער אַלטער וואָזשנע מיט אָנגעגאָסענע גלעזער טיי און צעשטעלט זיי אויף די טישן פון די אָנגעשטעלטע.

פאַרמאַכט מען די ביכער, לייגט מען אַוועק די שרייב־מכשירים און מען נעמט שלעפּן פון די שופלאָדן דאָס ביסל עסנוואַרג, וואָס מען האָט זיך מיטגעבראַכט פון דער היים. פאַן סעבאַסטיאַן וויקלט אויף פון באַזונדערע שטיקלעך זייד־פּאַפּיר קליינע פּוטער-זעמעלעך, צעלייגט אויפן טיש שטיקלעך הערינג — אַמאָל געמאַרינירטן, אַמאָל געוועגנזלטן — און מיט אַ באַזונדערער הנאה מאַכט ער קליינע ביסן און זופּט-נאָך שלינגען טיי. פאַן ליפּסאָן שיקט זיך אַראָפּ נאָך אייער, צעלייגט גרויסע זעמל, עטלעכע טשאַסטעס, עסט מיט אַ ליפּן-פּאַטשעריי און שלינגט הויך פון גלאָז.

בלויז איין פאַן ווינקלער צעלייגט נישט זיין עסנוואַרג אויפן טיש. ער דרייט זיך אויס צו דער וואַנט, קנייפּט אַרויס שטיקער פון דער אָפענער שופלאָד און זופּט די טיי מיט ישוב־הדעת, אַזוי ווי ער וואָלט געציילט, וויפל שלינגען אַזאַ גלאָז פאַרמאָגט. ער עסט מיט אַ פאַרמאַכט מויל. מען זעט בלויז שאָקלען זיך די וואָנסעס און די לעפּלעך פון די אויערן.

אַ גאַנצע האַלבע שעה קאָן מען אַזוי הנאה האָבן. עסן וואָס מען וויל און ווי אַזוי מען וויל. גאָרנישט אין זינען האָבן, אויסער דאָס זשאַמזשען מיט די מיילער.

פאַן ווינקלער אָבער האָט בשעתן עסן יאָ פון וואָס צו טראַכטן. דאָס זשאַמזשען מיטן מויל גייט אים נישט אַזוי שטאַרק אָן. די ביכער אַרן אים אויך נישט. דידאָזיקע האַלבע שעה איז אפשר די איינציקע צייט אין טאָג, ווען פאַן ווינקלער טראַכט פון זיך, פון זיינע היימישע זאַכן...

— אַודאי איז זיין ווייב געקרעכט. ווי לאַנג איז דער

שיעור אַזוי צו זיצן בײַ די קעניגס! אַן הוספה קומט אָן מיטן טויט. רעדן איז נישט פון די גרינגע זאַכן...

זי האַלט אים אין איין דערמאָנען, פאַרוואָס ער גייט נישט אַריין צו די קעניגס און זאָגט זיי נישט. ער מיידט עס אויס. ער האָט עס פיינט.

איידער ער פועלט שוין בײַ זיך אַריינצוגיין אין קאַבינעט, טראָגט ער זיך אַרום מיטן געדאַנק אַ צייט. לייגט אָפּ פון טאָג אויף טאָג, פון מינוט צו מינוט. תמיד איז ער זיכער, אַז קיין הוספה וועט ער נישט קריגן. די קעניגס וועלן אָנהייבן איינטענהן מיט אים, געבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז נישט די צייט דערויף, אַז זיי קאָנען איצט נישט, אַז דאָס, אַז יענץ — ביז ס'וועט אים פאַרמיאוסט ווערן און ער וועט אינגאַנצן אויפהערן רעדן.

זי, דאָס ווייב, ווייל דאָס נישט פאַרשטיין. זי מיינט, אַז אַזוי גיך קאָן מען רעדן מיט זיי. ער קאָן נישט גלאַט אַזוי אין אַ מיטן מיטוואָך זאָגן:

— פראָשען פאַנאַ, כ'וויל אַ הוספה...

ער מוז אָפּוואַרטן אַ מינוט, ווען זיי זענען אַליין, ווען אין געשעפט איז שוין קיינער נישטאָ. דרייט ער זיך אַרום מיט שטילע טריט איבער די ליידיקע צימערן, פאַרבלאָנדזשעט אַלע פאָר מינוט צום פאַרמאַכטן קאַבינעט, הערט זיך איין, צי מען רעדט נישט דאָרטן. הערט ער יאָ רעדן — איז ער צופרידן. ער רוקט זיך אָפּ פון דער טיר מיט אַ ריין געוויסן. אַצינד רעדן זיי, די קעניגס. און אַז זיי רעדן, קאָן ער זיי נישט שטערן.

קומט ער אָבער אַהיים, פרעגט אים ווידער ס'ווייב, דערציילט ער איר, אַז היינט האָט ער נישט געקאָנט. מאָרגן וועט ער שוין זיכער רעדן.

דרייט ער זיך ווידער אַרום איבער די ליידיקע צימערן, שטייט ווידער הינטער דער טיר פון קאַבינעט. דער וואָזשנע רוימט, שטעלט די שטולן אויף די טישן, דערזעט ער דעם בוכהאַלטער, שאָקלט ער צו אים מיטן קאָפּ:

— אידזש פּאַן, אידזש פּאַן...

שטייפּט זיך פּאַן ווינקלער, גיט אַ צי די מאַרינאַרקע, גלייכט אויס די וואָנסעס, און מיט אַ ציטערדיקער נישט-זי-כערקייט, אַזוי ווי מען גייט אַריין צו אַ קראַנקן, קוועטשט ער אַראָפּ די קליאַמקע און שטעקט אַריין דעם קאָפּ!

— מאָזשנאַ?

— פּראָשען! — הערט זיך פּאַן יוזעפס קול.

פּאַן ווינקלער פּאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, דער וואָזשנע גיט אַ שאָקל מיטן שטויב-טוך און זיפצט אָפּ:

— עך, פּאַניע — פּאַניע!

דער בוכהאַלטער, אַז ער קומט אַריין אין קאַבינעט, שטייט ער צוערשט בײַ דער טיר. פּאַן יוזעף קוקט אויף אים דורך צוויי שמאָלע שפּאַרעס, אַזוי ווי דער רויך פון ציגאַר וואָלט אים געביסן אין די אויגן.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, פּאַניע ווינקלער?

— כ'האָב געוואָלט בעטן— הייבט אָן דער בוכהאַלטער מיט פּאַרטרוקנטע ליפּן און ענדיקט נישט.

פּאַן יוזעף ווייזט אים אָן אַ שטול צום זיצן.

פּאַן מיכאַל הייבט נישט אויף די אויגן. ער זיצט מיט אַ פאַרבויגן קעפּל איבער אַ פּאַק פּאַפּירן און שרייבט.

אַזאַ טבע האָט ער שוין — דאָס איינגעשרומפּענע מענטשל: ער דערשנאַפּט, ווי אַ הונט, ווער עס קוועטשט די קלאַמקע און נאָך וואָס מען גייט. פאַרוואַרפט ער ס'קעפּל אויף אַ זייט, רוקט צו די פּאַפּירן און נעמט שרייבן.

— כ'האָב געוואָלט בעטן — הייבט ווידער אָן פּאַן ווינקלער.

פּאַן יוזעף פּאַרשטייט. ציט ער דעם ציגאַר מיט פולע פליישיקע ליפּן און ענטפערט, אַז ס'געשעפט טראָגט נישט, אַזוי פיל מענטשן, ווו וועט מען נעמען אויף דעם אַלעמען?

ווערט פּאַן ווינקלער דרייסטער און נעמט אויסרעכענען, נישט קוקנדיק דערבײַ אויף פּאַן יוזעפן, אַז פון זיין געהאַלט

האָט ער נישט די קינדער קיין מלבושל צו מאַכן. און שכו־
למוד דאַרף מען באַצאָלן. און אַליין קאָן מען אויך נישט גיין,
ווי דער ערשטער-בעסטער בעטלער.

פאַרציט פאַן יוזעף ווידער דעם ציגאַר און קוקט אויפן
אַש, וואָס האַלט שוין באַם אַראָפּפאַלן. און פאַן מיכאַל שרייבט,
אַזוי ווי ס'וואָלט דאָ קיינער נישט געווען און ס'גאַנצע עסק
וואָלט אים אָנגעגאַנגען, ווי דער נעכטיקער טאָג.

פאַן ווינקלער, דערווייל, האָט שוין אַלץ אָפּגעזאָגט. ער
זיצט אויף אַן עק שטול און וואַרט אויף תשובה. אַלע שוויגן
פאַן מיכאַלס פעדער סקריפּעט פאַרעקשנט. פאַן יוזעף שאָקלט
אַראָפּ דאָס אַש פון ציגאַר איינמאָל און נאָכאַמאָל. דערנאָך
דרייט ער אויס דעם קאָפּ צום שרייבנדיקן ברודער און
פרעגט אים אויף דייטש: (צווישן זיך רעדן די קעניגס —
דייטש).

— מיכעל, וואָס שרייבסט דו?

— איך שרייבע עטוואָס — ענטפערט פאַן מיכאַל אין די
פּאַפּירן אַריין.

— אָבער וואָס שרייבסט דו?

— וואָס זאָל איך שרייבן?!... איך שרייב!

— אָבער וואָס? — טרעט נישט אָפּ פאַן יוזעף.

— וואָס ווילסט דו? — גיט יענער אַ קוק מיט די שמאָ־
לע אויגן און פון די שיטערע וואָנסעלעך אַפער זעט זיך אַן
אויסגעקרומטע ליפּ.

— הער ווינקלער זאָגט, דאָס ער צו קליינעס געהאַלט
האָט — גיט אים צו פאַרשטיין פאַן יוזעף בייזלעך — אונד דו
שרייבסט... שרייבסט...

— נו, ערליידיג. איך וייס גאַרניכטס.

— וואָס דען ווייסט דו?

— לאָס מיך!

— אָבער לעגע וועק דאָס שמירערייַ...

— וואָס פיר שמירערייַ? — שפּרינגט יענער אויף. פאַן
יוזעפס געקנייטשט פּנים ווערט אָנגעשטרענגט. די גרויסע ברע־

מען שפּיצן זיך אויס — אַ סימן, אַז ער וועט באַלד אַ געשריי טון, אָדער אויפהייבן זיך פון שטול און געבן אַ זעץ אין טיש אַריין.

פאַן ווינקלער זיצט ווי אויף גלאָז. ער ווייסט, אַז באַלד וועט עפּעס אויסברעכן. וויל ער זיך אַנטשולדיקן און אַרויס-גיין. נאָר דאָ גיט פּלוצלינג פאַן יוזעף, וואָס קוקט ווי אַ קאַץ אויפן אויסגעבויגענעם קעפּל פון זיין ברודער, אַ זעץ אין טיש אַריין און וואַרפט אַרויס פון זיך, אויף דעם אייגענעם דייטשן לשון מיט דער וויכער „ל״:

— אַלטער אידיאָט!

פאַן מיכאַל גיט אַ צאַפּל. ער רייסט גיך אָפּ די אויגן פון פּאַפּיר, און פון פאַרקרומט-צוזאַמענגעצויגענעם מויל פּאַלט צוריק — אויך מיט דער וויכער „ל״:

— ליומפּף!

— עזעל-קאָפּף — האָט פאַן יוזעף גרייט דעם ענטפער.

הייבט זיך אָן אַ האַסטיק איבערוווערטלען זיך. מען פאַר-געסט, אַז דאָ זיצט פאַן ווינקלער. די ווערטער פאַלן פאַרביסן, מיט רויט-געוואָרענע פּנימער און פאַרקייכטן אָטעם:

— פערד, נאַר, אַלטער הונט. —

ביז פאַן יוזעף גיט זיך ראַפּטום אַ שטעל-אויף, שליידערט דעם ברודער (דאָס מאָל אויף פּויליש) דאָס ערגסטע, וואָס ער קאָן אים זאָגן:

— גנידאַ!

און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

— ליומפּף! — שיקט אים נאָך דער ברודער מיט אַ כאַפּ פון די ליפּן, אַזוי ווי ער וואָלט געשלונגען עפּעס אַ הייס מאכל.

דאָס אַלץ הערט פאַן ווינקלער. ער האָט חרטה פאַר זיין נישט-איבערגערעכנטקייט.

— נישט באַדאַרפט היינט אַריינגיין. נישט קיין מזלדיקער טאָג היינט. אינדערפרי האָט מען שוין געקאָנט באַמערקן, אַז פאַן יוזעף איז נישט אויפגעלייגט...

דערווייל רוקט פאַן מיכאַל אַוועק די פּאַפּירן און מיט אַ געלאַסן, אַ ביסל שווער-אָטעמדיק קול רופט ער זיך אָן צום בוכהאַלטער:

— פאַן וויבאַטשי, פאַניע ווינקלער — איר קענט דאָך אים, דעם ברודער מיינעם: נערוועז... אויפגערעגט... זאָל ער נישט נעמען פאַר אומגוט, דער פאַן ווינקלער. ס'וועט אַריבער-גיין, ווען זיי זיך מיישב-זיין. זאָל ער, דער פאַן ווינקלער, אַריינקומען אין אַ צוויי-דריי טעג אַרום. אמת — מען קאָן נישט... ס'געשעפט טראָגט נישט... אָבער... מען וועט שוין זען עפּעס צו טון.

מיט דעם גייט פאַן ווינקלער אַרויס. פון דער עקספּעדי-ציע דערטראָגן זיך הוילע טריט. דאָס שפּאַנט פאַן יוזעף פון איין וואַנט צו דער אַנדערער און וואַרט אַזוי אַרום אָפּ דער בוכהאַלטער זאָל אַוועקגיין.

פאַן ווינקלער נעמט אויף זיך אין געאייל דעם פּאַלטן, גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ צום וואַזשנע און מיט זיינע שווערע פלאַטשיקע טריט גייט ער אַראָפּ פון די שטיגן.

אַהיים קומט ער אַ הונגעריקער, מיט אַן אויסגעשפּיצטער נאָז און רעדט נישט.

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט? — פרעגט דאָס ווייב.

— אַ דאגה! — גיט פאַן ווינקלער מער אַ קוועטש מיט די אַקסלען, ווי מיטן מויל.

ערשט נאָכן מיטאָג, באַם טרינקען די טיי, ווען דער גאַז ברענט שוין — נעמט ער צווישן איין שלינג און דעם אַנדערן דערציילן, ווי אַזוי דער היינטיקער שמועס איז צוגע-גאַנגען. וואָס ער האָט זיי געזאָגט און וואָס זיי האָבן אים גע-ענטפערט און וואָס ער האָט זיי צוריקגעענטפערט. און ווי אַזוי זיי האָבן זיך גענומען קריגן און וואָס פאַן מיכאַל האָט אים דערנאָך געזאָגט...

דאָס ווייב שאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַן איינגעשרומפּן באַב-קעלע. זי ציט אַריין און אַרויס מיט דער נאָדל, באַמערקט דעם דינסט-מיידל, אַז יענע גייט צו הויך — דער „פאַן" רעדט

דאָך... און אַז דער מאַן האָט שוין אַלץ אָפּגערעדט, גיט זי אַ ציַ מיטן נעזל, אַ פאַרבײַיג מיט די ליפּן און רופט זיך אָן:

— אַזוי יאָר־איין, יאָר־אויס. אָדער מען קריגט זיך, אָדער מען האָט קיין צייט נישט. און דו, דערווייל, שטאַרב פון הונגער.

— נישקשה — טרייסט זי פאַן ווינקלער, — ס'איז נישט קיין הפקר־וועלט. כ'וועל נאָכאַמאָל אַריינגיין. נאָכאַמאָל רעדן. זיי מוזן מיר געבן. וואָס מיינסטו, כ'בין שוין אַ פאַרלוירענער מענטש?

— דו זאָגסט שוין אַזוי פופצן יאָר — ענטפערט ס'ווייב מיט אַ פייכט קול און ווידער אַ שלעפּ מיט דער נאָדל.

— כ'וועל אַזוי לאַנג זאָגן, ביז כ'וועל עפּעס אויסזאָגן.

צומאָרגנס, אַז פאַן ווינקלער קומט אין געשעפט אַריין, ווייסט שוין ס'גאַנצע פּערסאָנאַל, אַז נעכטן איז געווען אַ „בורדע" (אַזוי רופט מען עס).

דער אַלטער וואָזשנע דערציילט, אַז נאָך דעם, ווי דער פאַן בוכהאַלטער איז אַוועק, איז פאַן יוזעף צוריק אַריין אין קאַבינעט און ווידער האָט מען געהערט שרייען. ער ווייסט נישט וואָס, נאָר: „צאָש טאַם שוואַרגאָטאַלי", צי אויף דייטש, צי אויף יידיש, ווער ווייסט זיי דאָרט. נאָר פאַן מיכאַל איז פלוצלינג אַרויס פון קאַבינעט אַ צעקאָכטער, נישט געוואַרט ביז ער, דער וואָזשנע, וועט אים דערלאַנגען דעם פאַלטן, נאָר אַליין אַ נעם געטון און אַנטלאָפן.

קומט ווידער אַ נאָכמיטאָג. דער וואָזשנע טשאַפּעט ווידער אַרום. דער זייגער טיקעט העכער ווי אַלע מאָל. איבער די צימערן לויפט נאָך אַרום דאָס גערויש פון אַוועקגעגאַנגענעם פּערסאָנאַל — גיט פאַן ווינקלער ווידער אַ קוועטש די קליאַמקע פון דער קאַבינעט־טיר און גייט ווידער אַריין.

דאָס מאָל קומט ער אַנטשלאָסן. ער מוז פועלן. וואָס איז ער עפּעס זייערס אַ יינגעלע. נאָר אַז ער דערזעט דעם פאַן יוזעפס אָנגעצויגן פּנים, פאַן מיכאַלס פליכעוואַטע קעפל איבער די פּאַפּירן, ווערט ער צוריקגעפאַלן און זאָגט שטיל,

אַז ער איז געקומען געוואָר ווערן, וואָס עס הערט זיך מיט זיין הוספה.

קוועטשט ער אַזוי די קליאַמקע עטלעכע וואָכן. אַמאָל האָט מען נישט קיין צייט. אַמאָל וויל מען שוין יאָ רעדן, שיקט דיצר טייוול אָן אַ פאַרשפּעטיקטן קליענט. אַמאָל ווידער איז פאַן יוזעף נישטאָ. אָדער פאַרקערט — פאַן מיכאל איז נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגען. ביז מען דערמאָנט זיך סוף־כל־סוף, און פאַן יוזעף רופט אים אַליין אַריין.

ער זאָגט אים, דער פאַן יוזעף, אַז זיי האָבן אים אין זינען. זיי ווילן ער זאָל זיין צופרידן, און פאַרוואָס נישט?... ער אַרבעט געטריי. נאָר וואָס זאָל מען טון, אַז ס'געשעפט טראָגט נישט... קיין סך קאָנען זיי נישט געבן... ער זעט דאָך אַליין... נישט מער — עפּעס יועלן זיי אים דערלייגן. נאָר מיט אַ תנאי — קיינער פון געשעפט זאָל נישט וויסן דערפון. אַפילו זיין אייגן ווייב טאָר אויך נישט וויסן.

פאַן ווינקלער שלינגט אַראָפּ דעם באַנקירס רייד און האַלט וואָרט. אַפילו זיין אייגן ווייב ווייסט נישט. נאָר אַז ער הייבט איר אָן געבן עפּעס מער אויף פרנסה, פאַרשטייט זי, אַז ער האָט געקריגן. פאַרריכט זי ווייטער שטילערהייט די העמדעלעך מיט די הייזעלעך פון די קינדער.

*

דאָס געפּוצטע בחורל, אָט דער אייגענער פאַן ליפּסאָן, וואָס האָט, דאַכט זיך, מער נישט אין זינען געהאַט, ווי זיין גלאַנצנדיק קעפּל מיטן קנייטש אין די הייזן, האָט אָנגעהויבן באַמערקן, אַז די הויט פון פאַן ווינקלערס פּנים ווערט עפּעס אויסגעצויגן און דין, אַזוי אַז עס זעען זיך אַרויס בלויע, קרענקלעכע אָדערלעך.

ער האָט באַמערקט, דער פאַן ליפּסאָן, אַז בשעת דער בוכהאַלטער גייט, שטעלן זיך בא אים די פיס נישט זיכער, אַזוי ווי ער וואָלט געבלאָנדזשעט. און שוין אַ צייט, ווי ער

האָט אויפגעהערט כמעט צו רעדן. אַז מען פרעגט אים עפּעס — ענטפֿערט ער צעטומלט און נישט אויפן אָרט.

האָט עס אים פֿאַרוווּנדערט, דעם פֿאַן ליפּסאָן. דאַכט זיך אַז קיינמאָל איז דער בוכהאַלטער אַזוי נישט געווען. ער פֿלעגט טאָקע מער שווייגן, ווי רעדן — אָבער קיינמאָל איז זיין פּנים נישט געווען אַזוי אָפּגעצערט און אַזוי דערשלאָגן. פֿאַן ליפּסאָן געדענקט, אַז איינמאָל אין טאָג, הערט פֿאַרן אַהיימגיין, פֿלעגט זיך דער בוכהאַלטער אויפשטעלן און מיט אַ באַזונדער פּאַר־טוּעַנקייט און באַזונדערע צוגרייטונג — איז ער געגאַנגען ווי אַלע מענטשן גייען נאָך נאַטירלעכן געברויך. עס איז געגאַנגען ביי אים, ווי אויפן זייגער. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט פֿריער אויסגערעכנט און פֿריער אָפּגעשמועסט זיך.

לעצטנס אָבער הייבט ער זיך אויף עטלעכע מאָל אין טאָג פֿון דער שטול און אָן באַזונדערער פּאַרטוּעַנקייט און אָן באַזונדערער צוגרייטונג שלעפּט ער זיך אַרויס פֿון דער בוכהאַל־טעריע מיט אויסגעקרומטע פּלייצעס. זוימט זיך גאַנצע האַלבע שעהן און אַז ער קומט צוריק, דער פֿאַן ווינקלער, איז זיין פּנים גרין־איבערגעשראָקן, די אויגן — ווייס, מיט יענעם אויס־דרוק אין זיי, ווען מען היט זיך, פֿרעמדע זאָלן עפּעס נישט דערקענען.

פֿאַן ליפּסאָן, בטבע אַ ווייך־האַרציקער בחור, וואָס האָט נישט געקאָנט קוקן אויף קיין שניט אין אַ פֿינגער, האָט זיך דערשראָקן פֿאַרן בוכהאַלטערס אויסזען. האָט ער אים איינמאָל, צווישן איבערמישן די בלעטער, געפֿרעגט — צי ער, פֿאַן ווינקלער, איז נישט קראַנק. אין דער אייגענער מינוט אָבער האָט ער חרטה געהאַט. פֿאַן ווינקלער האָט אַ צי געטון מיטן קערפּער אַזוי ווי פֿון אַ ברי. מיט חשד אַ קוק געטון אויף זיין געהילף און מיט אַ נישט־זיכער איילנדיק קול געענט־פֿערט:

— איך, קראַנק? — חלילה!...

בשעת־מעשה האָט זיך זיין פּנים מיאוס פֿאַרקרומט, די שטים—

געבראָכן, אַזוי, אַז פאַן ליפּסאָן האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז באַלד וועט זיך דער בוכהאַלטער הויך צעוויינען.

מער האָט דאָס בחורל נישט געפרעגט.

פאַן ווינקלער האָט טיפער איינגעגראָבן דאָס פּנים אין זשורנאַל. מען האָט געאַרבעט שטיל. פון מאָל צו מאָל נאָר האָט פאַן ליפּסאָן אַ קוק געטון פון אַ זייט אויפן געבויגענעם קאָפּ פון בוכהאַלטער. יעדע עטלעכע מינוט — אַרויסגענומען ס׳זייגערל פון וועסטל-קעשענע און פאַרגליכן עס מיטן ציפער-בלאַט, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט.

אין פענצטער האָט אויפגעשיינט די זון. ברייטע, קאַלט-לעכע פאַסמעס האָבן זיך צעלייגט אויף די אָפענע ביכער. די גרויע, הויכע ווענט פון דער בוכאַלטעריע האָבן זיך אַזוי ווי אויסגעגלייכט און צערעכט געמאַכט די קנייטשן מיט די פאַלדן, וואָס דער שטויב האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן.

דעם פאַן ווינקלער, ווייזט אויס, איז אויך הימלעכער געוואָרן. ער האָט אַוועקגענומען דאָס פּנים פון בוך און מיט האַלב-צוגעמרוזשעטע אויגן געקוקט אין פאַרזוניקטן פענצטער אַריין.

פאַן ליפּסאָן איז געווען צופרידן, וואָס דעם בוכהאַלטערס פּנים האָט געקריגן אַ מענטשלעכע מראה און וואָס יענער האָט דער ערשטער איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן.

— פרילינג שוין באַלד — האָט פאַן ווינקלער זיך אָנגע-רופן, קוקנדיק אין פענצטער אַריין. אין אַ ווײַלע אַרום, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר דער ליכטיקייט, האָט ער צוגעגעבן:

— ווי פאַלט אייך איין, אַז איך בין קראַנק?

— כ׳וויס? — — איר זעט, דאַכט זיך, שלעכט אויס...

— אַזוי, כ׳זע שלעכט אויס?... מיד אַביסל...

— איר וואָלט אפשר געבעטן אורלויב?

פאַן ווינקלער האָט כסדר געקוקט אין די שויבן אַריין און, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, געענטפערט:

— יאָ, ס׳וואָלט אַ יושר געווען... מען דאַרף אַ טראַכט טון.

די זון האָט זיך אָפּגעקערט. אין צימער איז טונקל געוואָרן. די ווענט מיט די רוקנס זענען צוריק פאַרגאַנגען מיט שטויב. פאַן ווינקלער האָט צוריק איינגעגראָבן דאָס פּנים אין זשורנאַל.

ווידער האָט מען געאַרבעט. שטיל. טיק-טאַק פון אומרו, סקריפּען פון פעדערס. פאַן ליפּסאַן קוקט ווייטער פון אַ זייט, צייט ווידער דאָס זייגערל פון וועסטל-קעשענע און טראַכט בשעת-מעשה, אַז מיטן פאַן ווינקלער איז נישט גוט. ווייזט אויס, אַז ער איז קראַנק. גוט קראַנק... אויב ער אַליין רעדט שוין וועגן אורלויב, מוז די קראַנקייט זיין אַן ערנסטע. דער פאַן ווינקלער איז דער איינציקער אין באַנקהויז „ברידער קע-ניג", וואָס איז דורך די גאַנצע אַכצן יאָר אַרבעט נאָך קיין איינמאָל נישט געווען אויף אורלויב.

פאַן סעבאַסטיאַן מיטן קאַסירער פלעגן פאָרן אַלע יאָר. די יינגערע — אַלע צוויי יאָר. בלויז איין פאַן ווינקלער איז געבליבן. ער האָט געזאָגט, אַז ער קאָן זיך אַזעלכעס נישט פאַרגינען. ער האָט נישט קיין קאַפּיטאַל (געמיינט האָט ער אַ שטאָך צו טון דעם פאַן סעבאַסטיאַן). קוים וואָס ער קומט אויס מיטן געהאַלט. און אַז ער וועט פאָרן, דאַרף שוין דאָס ווייב אויך פאָרן און די קינדער אוודאי... זיצט ער בעסער אין שטאָט... זאָלן פאָרן אַנדערע.

גערעדט האָט מען אָבער, אַז נישט דאָס איז די הויפּט-סיבה. גיכער פאָרט ער נישט דערפאַר, ווייל ער האָט מורא, די קעניגס זאָלן נישט דערזען, אַז מען קאָן זיך אָן אים באַ-גיין. דידאָזיקע צוויי שותּפים, וואָס האַלטן סיי-ווי-סיי אין איין רעדן, אַז זיי האָבן צופיל מענטשן, קאָנען אויסנוצן די געלעגנהייט און אים געבן צו וויסן, אַז ער איז איבעריק. זיין אַרבעט וועט דער געהילף קאָנען טון.

דאָס איז איין סיבה געווען. די אַנדערע סיבה — ווי בעמט מען עס און מען פאָרט פלוצלינג אַוועק און מען לאָזט

איבער ביכער אויף פרעמדע הענט?... דער פאַן סעבאַסטיאַן קאָן זיך פאַרגינען אַזאַ זאַך. ער פירט נישט קיין ביכער... דעס-גלייכן דער קאַסירער, פאַן יוליאַן ווייק... געלט קאָן ציילן ווער עס וויל... אָבער שרייבן אין זיינע ביכער, דאָס קאָן נאָר ער אַליין, פאַן יאַקוב ווינקלער...

לאָמיר זאָגן, — ער וועט אַוועקפאָרן. וועט קומען אַ פאַן ליפּסאָן אָדער אַן אַנדערער און וועט נעמען שמירן אין זשור-נאַל גיך, גיך, אַבי די בלעטער זאָלן זיין פאַרשריבן... פאַן יוזעף וועט אַלע טאָג אַריינקומען, געוואָר ווערן... וועט יענער זיך איילן, „אַזשורירן". אַי, ס'וועט זיין פול מיט גרייזן, ווע-מען אַרט עס?...

פאַן יוזעף וועט אַרויפלייגן דאָס אויסגעקיילעכדיקטע בייכל אויפן טיש, פאַרציען דעם ציגאַר און זאָגן:

— זעט איר שוין, פאַניע ווינקלער — אַט אַ ייִנגל, און אַז איר זענט אַוועקגעפאָרן, האָט ער אַלץ פאַרבוכט... דער זשורנאַל איז „אַזשור..." וואָס זאָגט איר דערויף, פאַניע ווינקלער?...

דערפאַר וויל פאַן ווינקלער נישט פאָרן. דערפאַר בוכט ער מערץ אין חודש דעצעמבער. אַלץ דערפאַר, וואָס ער ווייסט דעם פאַן יוזעפס מחשבות...

קומען די גרויסע זומערדיקע חדשים. יוען די גאַסן זענען ווייס פון היץ און שווייס, זיצט פאַן ווינקלער און מאַכט קאָנטאָ-קאָרענטן און חשבונט זיך מיט די קליענטן. ער קומט צו גיין ניין אַ זייגער אינדערפרי, גייט אַרויס פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג. אַזוי יאָר איין יאָר אויס, ביז ער האָט זיך אין יע-נעם טאָג פאַרקוקט אויף די ליכטיקייט אין די שייבן און גע-ענטפערט דעם פאַן ליפסאָן:

— ס'וואָלט אַ יושר געווען. מען דאַרף אַ טראַכט טון.

*

מאַכט זיך אַמאָל אַ מיטן טאָג. די טראָטואַרן זענען גע-לעגן אויסגעטרוקנטע. ערגעץ אויף די דעכער האָט אַ שטיק

קאַלטע זון געלעקט די אויסגעקרומטע בלעך. אויף די שויבן פון דער בוכהאַלטעריע איז געשטאַנען אַ זוניקער שטויב.

פאַן ווינקלער האָט זיך אינדערפרי פאַרשפּעטיקט. ער איז געקומען אַן אויסגעבלייכטער מיט צוויי קרענקלעכע קנייטשן אין ביידע זייטן נאָז. און כאָטש קיינער האָט אים נישט געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן פאַרענטפערט, אַז זיין דינסט-מיידל איז קראַנק געוואָרן, און אַז ער אַליין איז עפּעס אויך נישט מיט אַלעמען.

שפּעטער, ווען ער איז שוין געזעסן בײַ דער אַרבעט, האָט פאַן ליפּסאָן באַמערקט, אַז די האַנט זיינע, וואָס פירט מיט דער פעדער, וואַקלט זיך, אַזוי ווי זי וואָלט נישט זיכער געווען, צי מען דאַרף אַוועקשטעלן דעם ציפער צי נישט.

דערנאָך האָט דאָס בחורל פלוצלינג דערזען, אַז דאָס פּנים פון פאַן ווינקלער ווערט מיטאַמאָל שטאַרק פאַרענדערט. די שטענדיקע בלייכקייט פאַלט אָפּ. אָנשטאָט איר — שלאָגט אַרויס אַ פייכטע גרינקייט, אַזוי ווי בײַ איינעם, וועמען עס פאַרפעלט אָטעם.

האָט ער אַ רוק געטון מיט דער שטול, דער פאַן ליפּסאָן, און האַסטיק זיך אויפגעשטעלט:

— פּאַניע ווינקלער, וואָס איז אייך?

פאַן ווינקלער האָט דערשראָקן אַ שויבער-געטון מיטן קאָפּ און מיט אַ פרעמד קול, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַליין אויך געפרעגט, האָט ער געענטפערט:

— האַ. וואָס?

— דאַכט זיך, אַז אייך איז נישט גוט?

— מיר נישט גוט? — האָט דער בוכהאַלטער אַ טויטן שמייכל געטון און דאָס פּנים איז געוואָרן ווייס. ער האָט אַ וואָרף-געטון מיט די הענט איבערן טיש אַריבער; געוואָלט עפּעס אָנכאַפּן. נאָר איידער דער געהילף האָט באַוויזן אָפּער-צוגיין פון זיין אָרט, האָט שוין יענער פאַרבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט און מיט אָנגעדראָלענע בלויע ליפּן קוים אַרויסגערעדט:

— וואַסער!

פאַן ליפּסאַן האָט אַ פּראַל־אויף געגעבן די טיר און מיט אַ פרעמדן כח צעשריגן זיך איבער די גרויסע, פּראָטערירטע חדרים:

— וואַדי!!...

ס׳איז געוואָרן אַ מהומה. ס׳האָבן זיך גענומען רוקן שטולן. טירן האָבן זיך פאַרמאַכט און געעפנט. פאַן ליפּסאַן איז דער־ווייל אַריין אין קיך צום וואָזשנע, געכאַפּט אַ גרויסע שעפּ וואַסער, געהאַקט מיט די טירן. אויפן וועג — איבערגעגעבן די שעפּ אַן אַנדערן, כאָטש יענער האָט זי שוין געהאַט באַ אים אַרויסגענומען.

אין בוכהאַלטעריע איז שוין געשטאַנען פאַן סעבאַסטיאַן און מיט זיינע גרויסע הענט געדריקט באַ די שלייפן פון בוכ־האַלטער. פאַן מיכאַל האָט זיך גיך און דראָבנע געדרייט פון איין זייט שטול צו דער צווייטער, אַ כאַפּ געטון די שעפּ פון עמיצנס אַ האַנט און אַ שפּריץ געטון אויפן טויטלעכן פּנים פון פאַן ווינקלער.

דער קאַסירער מיט די ברילן אויף דער נאָז איז געקו־מען צו לויפן, פאַקנדיק די שליסלען פון דער קאַסע אין קע־שענע אַריין. דער וואָזשנע איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און מיט אַ קיילעכדיק־אויפגעעפנט מויל געגאַפיעט איבער אַלעמענס קעפּ. אין מיטן האָט דער טעלעפאַן גענומען קלינגען עפּעס זייער לאַנג און איינגעעקשנט, אַזוי ווי ער וואָלט עמיצן גערופן צו הילף.

און דאָרט אין דער אויפגעפּראַלטער טיר פון קאַבינעט האָט זיך, דערווייל, אַוועקגעשטעלט פאַן יוזעף אַן אַנגעכמורע־טער, מיט אַראָפּגערוקטע ברעמען, אַזוי ווי געטריבן פון אַ שלעכט געפיל.

— מיכאַל! — האָט ער אַ רוף געטון מיט אַ רוי קול.

אַ גאַנצע צייט איז ער געווען פאַרמאַכט. באַ די ערשטע געשרייען פון פאַן ליפּסאַן, ווען פאַן מיכאַל איז אַרויס פון קאַבינעט ווי אַן אויסגעשאָסענער — האָט זיך פאַן יוזעף אויך

אויפגעריסן. אין מיטן אָבער האָט ער זיך דערמאָנט און פאַר־רוקט זיך הינטער דער טיר... ער פלעגט זיך אַזוי תּמיד פירן. ווי נאָר ער האָט דערזען דורכן פענצטער אַ לויה, אָדער ווען עס זענען דערגאַנגען צו אים פון ערגעץ בייזע קולות, פלעגט ער אָפּשטיין הינטער דער טיר אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער איז שוין איינגאַנצן זיכער געווען, אַז די לויה איז אַדורך און אַז די קולות האָבן אויפגעהערט.

דאָסמאָל אָבער האָט ער דערהערט, אַז די מהומה קנוילט זיך בײַ אים אין די שטיבן, האָט ער אויפגעשפּיצט די אויערן. די הויכע אָפּצאַסן האָבן זיך פיבערדיק געדרייט. ער איז בייז געווען, וואָס דער ברודער זיינער איז אַזוי פּלוצלינג אַרויסגעפאַלן פון קאַבינעט, — איז ער אַרויס פון זיין באַהעל־טעניש און אַ וואָרף געטון איבער די הוילע פּראָטערירטע צימערן:

— מיכעל!

פאַן מיכאַל איז געווען פאַרנומען מיטן שפּריצן וואַסער און נישט קיין צייט געהאַט אומצוקוקן זיך.

— מיכעל! — האָט זיך צום דריטן מאָל דערהערט דאָס רויע קול און די אָפּצאַסלעך האָבן זיך נאָך פיבערדיקער גע־נומען דרייען.

האָט פאַן מיכאַל געגעבן אַ קוק אַהין מיט איין זייט פּנים און איילנדיק געפרעגט:

— וואָס?

— וואָס איסט דאָרט?

— קאָם הער!

— אַבער וואָס איסט דאָרט?

— קאָם הער! — האָט פאַן מיכאַל אומגעדולדיק אַ וואָרף געטון צום לעצטן מאָל און צוריק זיך אויסגעדרייט צום פאַר־חלשטן.

— מיכעל! — האָט שוין פאַן יוזעפס קול געדונערט מיט הייזעריקלעכן אָפּקלאַנג. זיין קליינע, געפּאַקטע פיגור האָט זיך אויסגעצויגן מיט אַ קאָפּ העכער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערשרייען און איבער־ווערטלען זיך פון טיר צו טיר. עס זענען ווידער געפאַלן:
— ליומפּף, אַלטער אידיאָט...

ביז פאַן מיכאַל האָט געמוזט אַרויס פון דער בוכהאַל־טעריע און פאַן יוזעף האָט פאַרהאַקט די טיר פון קאַבינעט.

אַ שפּאָר שטיקל צייט האָט מען נאָך הינטער דער קאַבי־נעט־טיר געהערט געשרייען. דאָס פּערסאָנאַל איז זיך ביסלעכ־ווייז צעקראָכן — יעדער צו זיין טיש. בּאַם פאַן ווינקלער, וואָס איז שוין געזעסן אַ דערמונטערטער מיט אַ נאַריש פּנים און פרעמדע אויגן, זענען געבליבן: דער געהילף זיינער, פאַן סעבאַסטיאַן און דער אַלטער וואָזשנע.

שפּעטער איז צוריק אַריינגעקומען פאַן מיכאַל. ער האָט גערעדט שטיל, געטרייסט דעם בוכהאַלטער, יענער זאָל זיך נישט מצער זיין. ס'איז גאָרנישט, ס'ויעט אַריבער. פאַן ווינקלער האָט מיט מידע, פאַראָרעמטע אויגן געקוקט נישט זיכער, אַזוי ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַן מיכאַל רעדט אים אויס. דערנאָך איז געקומען פאַן יוזעף אויף זיינע קלאַפּעדיקע אַפּצאַסלעך. ער האָט געפרעגט, צי ס'איז אים שוין בעסער און צום סוף געהייסן, פאַן ליפּסאָן מיטן וואָזשנע זאָלן דעם בוכהאַלטער אַהיימפירן אויף אַ דראָזשקע.

*

דער צומאָרגנס איז געווען אַן אַנגעבריגזטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס נעכטיקע חלשן פון בוכהאַלטער ליגט נאָך אויף אַלעמענס פּנימער. די נעזער זענען געווען פאַר־שפּיצט. די שטימען — איינטאָניק, אַזוי ווי טראָפּנס וואַסער, וואָס פאַלן פון אַ קראַן.

אָנגעיאָגט דידאָזיקע ברוגזקייט האָט פאַן ליפּסאָן. ער איז געקומען מיט אַ זוייער פּנים און דערציילט, אַז נעכטן, בשעת ער האָט אָפּגעפירט דעם פאַן ווינקלער אין שטוב אַריין, איז דאָרט געוואָרן אַזאַ געיאָמער, אַז אויף אים איז געגרונצלט געוואָרן די הויט. ס'האָט אויסגעזען, אַזוי ווי פאַני ווינקלער

אָהט געוווּסט, אַז מען וועט אַהיימברענגען איר מאַן אַ טויט־קראַנקן. ער, פֿאַן ליפּסאָן, האָט נאָך נישט געזען אַזוי ווײנען. זי, די פֿאַני ווינקלער, האָט געסקאָמליעט, אַזוי ווי אַ הונט. זי האָט אים געזאָגט, די פֿאַני ווינקלער, אַז דער מאַן אירער איז שוין לאַנג קראַנק. שוין אַ פּאָר וואָכן. ער אַליין האָט גאָרנישט געזאָגט. באַהאַלטן פֿאַר איר. אַהיימגעקומען — האָט ער, פֿאַרגעבן, נישט אויפגעהערט צו גיין אין בית-הכסא. איז איר געוואָרן קשה:

— יאַקוב, וואָס איז דיר?... וואָס גייסטו עפּעס אַזוי פֿיל?

— גאָרנישט... גלאַט אַזוי...

— אָבער יאַקוב, זאָג מיר, וואָס איז דיר?...

— גאָרנישט... עפּעס דאָרט אָדערלעך בלוט אין שטילגאַנג. מן-הסתם פֿון זיצן...

האָט זי אים אָנגעהויבן יאָגן, ער זאָל צו אַ דאָקטאָר גיין... האָט ער אָפּגעלייגט — הײנט, מאָרגן, איבערמאָרגן — ביז-אָט-אָ, מען האָט אים געמוזט אַהיימברענגען אויף אַ דראָזשקע.

— עפּעס גוט? — און זי האָט ווידער אַ סקאָמליע געטון ווי אַ הונט.

אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, דער פֿאַן ליפּסאָן, האָט זי אים לאַנג געדריקט די האַנט, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט באַאים עפּעס בעטן. עס איז אים געוואָרן איבער דער טבע. ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון די שטיגן, האָט ער געהאַט אַ מי־נוט, ווען ער האָט פּלוצלינג מורא געקריגן און געלאָפֿן נישט מיט זײַנע פֿיס.

פֿאַן סעבאַסטיאַן, וואָס האָט מער פֿון אַלעמען אויסגע־הערט פֿאַן ליפּסאָנס דערציילונג, האָט שווער אָפּגעצויגן דעם אָטעם. זײַן ווייך הענגלדיק פּנים האָט זיך צעקנייטשט. דער אָנגעבלאָזענער בויך איז אַזוי ווי אַרײַנגעפֿאַלן. אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען, אַזוי ווי ס'וואָלט אים עמיצער אַ ביס געטון.

די רעשט חברים האָבן אויסגעהערט מיט אַ נישט-היימ-לעך, אָנגעשטרענגט שווייגן.

אין מיטן טאָג איז אַריינגעקומען פאַן מיכאַל און גע-פרעגט, וואָס עס הערט זיך דאָרט באַם פאַן ווינקלער. דער געהילף האָט נאָכאַמאָל געוואָלט איבערדערציילן, נאָר פון דער-ווייטנס האָט ער זיך געטראָפן מיט פאַן סעבאַסטיאַנס אויגן, וואָס האָבן געהייסן שווייגן — האָט ער נאָר געענטפערט, אַז מען ווייסט נאָך נישט.

אין געשעפט האָט מען געאַרבעט ווי אַלעמאָל. אין דער עקספּעדיציע האָט געראַנגט פון קליענטן. דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. פאַן יוזעף האָט אויף עמיצן געשריגן. דער וואָזש-נע האָט אַריינגעבראַכט טיי און פון געוווינהייט אָוועקגעשטעלט אַ גלאָז אויך אויף פאַן ווינקלערס טיש. די זון האָט אויפגע-שיינט און געזוכט, דאַכט זיך, דעם זשורנאַל, איבער וועלכן פאַן ווינקלער איז נעכטן געזעסן. דאָס גרינע אָפּגעריסענע טוך פון טיש האָט אויסגעזען אָרעם. דאָס טינטאָרן איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטס און דער לעשער האָט זיך נאַריש אָפּגערוט.

*

אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך איבער די גרויסע פּראָטע-רירטע צימערן אין באַנקהויז „ברידער קעניג, וואַרשע" דער-טראָגן די ידיעה, אַז מיטן פאַן ווינקלער איז נישט גוט. נעכטן אין אָוונט זענען געווען באַ אים פאַן סעבאַסטיאַן און דער קאַסירער. אינדערפרי איז געווען אַ דאָקטאָר. שפּעטער — נאָך איינער, — דער אַלטער ציכאָצקי. די קרענק איז געפער-לעך. אַ ראַק אין דער פאַרדייונגס-קישקע. מען מוז שוין אָפּערירן. נישטאָ וואָס איינצווּשטעלן.

פאַן סעבאַסטיאַן האָט גערעדט מיט האַלז-טענער, אַזוי ווי איינער, וואָס איז מיד פון וויינען. זיין גרויסער, אויפגע-בלאָזענער בויך האָט, דאַכט זיך, איינגאַנצן געהעשעט. דער קאַסירער, פאַן יוליאַן ווייץ, האָט אַלע ווײַלע פאַרראָכטן די ברילן און מיט באַדויערונג צוגעגעבן:

— זייער נישט גוט...

נאָכמיטאָג, ווען די קליענטן זענען זיך צעגאַנגען און דער אַלטער וואָזשנע האָט פאַרשלאָסן נאָך זיי די טיר, האָט פאַן סעבאַסטיאַן אַראָפּגענומען די ברילן, אויפגעהויבן זיין שווערן גוף, און מיט געמאָסטענע, באַטראַכטע טריט אַריינגעגאַנגען צום פאַן ווייץ אין דער קאַסע.

ביידע האָבן זיי געאַרבעט צום לענגסטן אין דער פירמע „ברידער קעניג". ביידע האָבן זיי געהאַט אַ שטיקל השפעה אויף די צוויי קליינע ברידערלעך. האָבן זיי זיך אין דער קאַסע אַ שפּאָרע ווײַלע געסודעט. פאַן יוליאַן ווייץ האָט אויס־געשפּיצט די צוגעשוואַרצטע וואָנסעס. און ווען די ווייזערס פון זייגער זענען אַראָפּגעפאַלן פון פיר אויף אַ פערטל פינף — האָבן ביידע קאָלעגן אַ צי געטון די וועסטלעך, אָפּגעהוסט אַ ביסל און אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט.

דאָס פערסאָנאַל האָט אויפגערוימט די שרייב־מכשירים, אָנגעטון די אויבער־מלבושים, און אָנגעטועטערהייט געוואַרט, ביז די צוויי עלטערע קאָלעגן וועלן אַרויס פון קאַבינעט.

דער זייגער האָט געשלאָגן האַלב פינף. פון הינטער דער צוגעמאַכטער טיר האָבן זיך געהערט פאַרטויבטע אָפּגעהאַקטע שטימען.

דער בחור, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פאָרנאָ־גראַפישע קאַרטן, האָט צוגעלייגט אַן אויג צום שליסל־לאָך. אין אַ ווײַלע אַרום — אויסגעדרייט זיך צום עולם און אַ וואָרף געטון:

— זיי דינגען זיך!

— כ'האָב אָבער געוווּסט — האָט עמיצער געענטפערט און אַרונטערגעשטעלט זיך הינטער אַ צווייטנס פּלייצעס.

אַ פּאָר מינוט נאָך פינף האָט זיך די טיר פון קאַבינעט געעפנט און ביידע עלטערע קאָלעגן זענען אַרויס. צוערשט איז געגאַנגען פאַן סעבאַסטיאַנס אויפגעבלאָזענער בויך, דערנאָך — דאָס גרויסע הענגלדיקע פנים, וואָס האָט אויסגעדריקט יענץ נעבעכדיקע געפיל, ווען מען גייט אַרום מיט טיכלעך פאַר

אָרעמע פּלות... הינטער אים איז געגאַנגען פאַן יוליאַן ווייץ — אַ שווערער מיט אויפגעבלאָזענע ליפּן, וואָס פלעגט אים קומען פון אַ סך רעדן. דאָס פּנים אין האַלבן-שמייכל, מיט דעם אייגענעם נעבעכדיקן קנייטש, וואָס זיין קאָלעגע — פאַן סעבאַסטיאַן פעלדמאַן.

ביידע האָבן זיי געטון אַ גוטע זאַך. ביידע האָבן געפועלט, אַז די פירמע „ברידער קעניג" זאָל צושטייער געבן אויף דער אָפּעראַציע, און ביידע גייען זיי אַראָפּ צופרידענע.

אויף דער גאַס רופט זיך אָן פאַן סעבאַסטיאַן צום קאַסירער:

— אָבער כ'האָב אים געזאָגט — פאַניע יוזעפּיע — אויב ער, פאַן ווינקלער, איז געווען אַ מכּה אין געשעפט, האָט איר באַדאַרפט די מכּה שוין לאַנג אויפהאַקן.

פאַן יוליאַן ווייץ גיט אַ זעץ אַרויף די ברילן שטייפער אויף דער נאָז און ענטפערט:

— פּשעפּראַשאַם פאַנאַ, פאַניע סעבאַסטיאַניע — דאָס האָב איך אים געגעבן דעם משל...

פאַן סעבאַסטיאַן פאַלט נישט אַראָפּ באַ זיך און ענטפערט גלייך צוריק:

— איר האָט אַ טעות, פאַניע ווייץ — איך האָב עס אים געזאָגט, און איר האָט עס איבערגעחזרט...

— ניין, פאַרקערט...

— אָבער, אום גאָטעס ווילן — הייבט פאַן סעבאַסטיאַן אָן גיך — ווי געדענקט דאָס נישט אַ מענטש, וואָס ער רעדט. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער פון קאַסירער, זאָגט ער ווייטער:

— זאָג איך אים: פּראָשען פאַנאַ, אַ מענטש אַרבעט אַכצן יאָר...

און ביידע קאָלעגן פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַ פאַן ווינקלער, אַז דערדאָזיקער פאַן ווינקלער האָט אַ ראַק און אַז מען דאַרף דעמדאָזיקן פאַן ווינקלער אָפּערירן.

ערשט וועןביידע האָבן זיך געזעגנט און פאַן סעבאַסט־יאַן איז געבליבן אַליין, איז אים פלוצלינג געקומען אויפן גע־דאַנק, ווי אַזוי פאַן ווינקלער האָט אויסגעזען נעכטן באַנאַכט. און דערפילט האָט ער, דער פאַן סעבאַסטיאַן, דעם אויסגע־וואַרעמטן, שווערן ריח פון צימער, ווו פאַן ווינקלער ליגט. מיט די אַלע פלאַשן און פלעשלעך, וואָס האָבן זיך שוין אָנ־געזאַמלט אויפן פענצטער. מיט די רעצעפטן, וואָס הענגען נאָך באַ די פלעשלעך — און ס'האָט אים אַ צי געטון אונטערן האַרץ־גריבל. געוועזן אַ מינוט, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער גאָר האָט אַ ראַק אין דער פאַרדייונגס־קישקע און אַז מאָרגן דאַרף מען דאָס אים אָפּערירן.

ער האָט זיך אינגאַנצן איינגעצויגן. אַרומגעקוקט זיך, צי עמיצער פון די פאַרבייגייער דערקענט אים עפּעס נישט אויפן פנים. און אַזוי איינגעצויגענערהייט האָט ער זיך גיך דורכ־געגליטשט דורך די גאַסן.

*

דעם פאַן ווינקלער האָט מען גענומען אין שפּיטאָל אַריין. דאָס ווייב מיט די קינדער האָבן געוויינט. די שטיבן זענען געבליבן נישט אויפגערוימטע. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַל־גערט איבעריקע זאַכן. ס'איז געווען ענג, נישט אויסגעקערט. פאַני ווינקלער האָט פאַרגעסן, אַז זי איז אַ מאַמע און אַ וויר־טין. זי האָט נישט מער געזען, ווי דאָקטוירים אין ווייסע פאַר־טוכער מיט פליכעוואַטע קעפּ. זי איז כסדר געשטאַנען הינטער דער טיר פון אָפּעראַציע־זאַל. פאַן ליפּסאַן איז געקומען צוויי מאָל אַ טאָג און אַ דערשראָקענער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען שולדיק, אַרומגעדרייט זיך אויפן גרויסן שפּיטאָל־הויף. פאַן ווינקלערס צוויי קינדער האָבן זיך געשאַרט הינטער די מויערן. יעדער איינער האָט געהאַלטן פאַר אַ מצוה אַ קרעכץ צו טון איבער זיי. נאָכמיטאָג איז געקומען פאַן מיכאַל מיטן פאַן סע־באַסטיאַן. שפּעטער — דער קאַסירער מיט נאָך עטלעכע קאָ־לעגן. האָט מען זיך אַרומגעדרייט צווישן די שטילע שפּיטאָל־

ביימער מיט פאַרנומענע פנימער, און געפרעגט איינער דעם אַנדערן און געסודעט זיך איינער מיטן אַנדערן.

ערשט נאָך דער אָפּעראַציע האָט זיך עפּעס אַ ריר געטון. די דאָקטוירים האָבן געגעבן גוטע האָפענונגען. האָבן זיך די פנימער אַ ביסל אויסגעגלייכט. פאַן מיכאל, אַ באַרויקטער, האָט טעלעפאָנירט צום פאַן יוזעף, אַז די אָפּעראַציע איז בשלום אַריבער. די דאָקטוירים זענען מבטיח, אַז ער, פאַן ווינקלער, וועט געזונט ווערן.

אַ פייכטער פאַרנאַכט האָט זיך צעלייגט איבער די קאַנטיקע גרויע געזימסן פון די שפּיטאָל-מויערן. דער עולם איז זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען מיט אַ טרייסט-וואָרט אויף די ליפּן. פאַני ווינקלער איז געבליבן מיט אַ צעווייינטער שווערקייט אויפן האַרץ.

זי האָט נישט געגלייבט. עפּעס האָט זי דערזען אויפן דאָקטאָרס פנים אַ קנייטשל. אַזעלכע קנייטשלעך האָבן נאָר מענטשן, וואָס קאָנען נישט דערזאָגן אַלץ ביזן סוף.

איז אָט דאָסדאָזיקע קנייטשל און דאָס גיכע ענטפערן פון דאָקטאָר און דאָס נישט קוקן איר גלייך אין פנים אַריין— האָט זי געבראָכן פון די פיס. זי האָט מורא געהאַט אַפילו אויף איין רגע צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז מיט איר מאַן איז שלעכט. און דאָך האָט זי נישט געגלייבט, אַז עס קאָן צוריק גוט ווערן.

די צווייטע נאַכט באַם קראַנקנס בעט איז געווען לאַנג ביז האַרץ-חלשות און קאָפּ-מישונג. הינטער דער טיר — טונקעלע, ליידיקע קאָרידאָרן. די טריט קלינגען אָפּ מיט אַ פחדיקער טעמפּקייט. דאָס ליכט איז פאַרשטעלט. אין יעדן ווינקל ליגן, דאַכט זיך, מענטשן אויף דער ערד — צוגעדעקט איבערן קאָפּ מיט שווערע געוואַנטער און וואַרטן, מען זאָל זיי צונעמען. פון צייט צו צייט קומט אַריין אַ שוועסטער. זי לייגט אייז אויפן קאָפּ, רעדט נישט אַרויס קיין איין וואָרט, נאָר גייט אויף די שפּיץ פינגער. פאַני ווינקלער וויגט זיך באַם בעט, ווי אַן אומרו. זי קוקט כסדר אויפן אויסגעשפּיצטן פנים פון

בינטל ביינער, וואָס ליגט אין בעט. קוקט אין פענצטער — צי בלויט שוין נישט אין זרויסן. אין טונקעלן צימער שטייט אַ וואַרעמע פּאַרע, אַזוי ווי פון אַלט בעטגעוואַנט. דאָס פּנים פון קראַנקן פאַרגייט מיט גלאַנצנדיקער פייכטקייט. בייגט זי זיך צו, די פּאַני ווינקלער, און קוקט מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם. שאַרט זיך אַרויס אַ ליימיק־שווערע האַנט פון אונטער דער קאָלדרע. בלייכע, אָפּגעזעגנטע ליפּן שטאַמלען עפּעס וועגן קינדער, וועגן באַנקהויז „ברידער קעניג" און אין מיטן אַ קריץ מיט די ציין...

אינדערפרי קומען מענטשן. אויסגעשלאָפענע, אָפּגעגעסענע. דערקענען זיי באַ דער פורטקע, אַז ס'איז עפּעס געשען. ווערן זיי אויפגעשפּיצטער. גייען צו פּאַמעלעכער... ווערן זיי געוואָר, אַז פאַרטאָג האָט פּאַני ווינקלער פּלוצלינג אויפגעפּראַלט די טיר אויפן ליידיקן קאָרידאָר אַרויס און צעשריגן זיך. איז גע־קומען די שוועסטער אַ קוק טון און... איבערגעצלמט זיך.

*

צומאָרגנס האָבן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע געלייענט אין די צייטונגען, אַז די פירמע „ברידער קעניג, וואַרשע" האָט אין פאַרשטאָרבענעם פאַרלוירן אַן ערלעכן און טיכטיקן אַרבעטער, דאָס פּערסאָנאַל — אַ גוטן חבר און דאָס ווייב מיט די קינדער — אַ טייערן מאַן און טאַטן.

זענען זיך צוזאַמענגעקומען מענטשן און געגאַנגען פּאַמע־לעך נאָך אַ שוואַרצער עגלה. מען האָט דערציילט דעם פאַר־שטאָרבענעמס מעלות, שטילערהייט געמורמלט אויף דער פירמע „ברידער קעניג" און געזוכט צווישן עולם די צוויי ברידער.

איז איינער, פּאַן יוזעף, געגאַנגען צום סאַמע סוף מיט די אויגן צום ברוק. דער צווייטער ווידער, פּאַן מיכאַל, האָט פּאַמעלעך געשטעלט דעם פּאַראַסאָל האַרט נעבן דער עגלה און אויך ער האָט דערציילט דעם פאַרשטאָרבענעמס מעלות: אַז ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ... געוועזן אַמאָל אַ פאַל, ווען זיי האָבן אים נישט געקאָנט דערלייגן,

האָט ער עס פאַרשטאַנען, דער פאַרשטאָרבענער... נישט גע־מאָנט מער.

— שקאָדאַ, דאָברי טשלאָוויעק — האָט פאַן מיכאַל אַ שאָקל געטון מיטן קעפּל.

דער עולם האָט אויסגעהערט, צוגעברומט מער מיט די אַקסלען, ווי מיטן מויל און ווייטער שטיל געשלעפּט זיך נאָך דעם שוואַרצן וואָגן.

בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט אַ הפקרדי־קער שליוכץ. דאָס האָט זיך פּאַני ווינקלער אַ ריס געטון; און ביידע פירער אירע — פאַן סעבאַסטיאַן און פאַן יוליאַן ווייץ־האָבן זיך געמוזט צובייגן און שטיל אין איר עפּעס אַריינ־רעדן.

ג ע ל ט

מאיר בראָמבערג האָט אויסגעטרונקען זיין טעגלעכע פּאָרציע „ווישי”, אַרומגעשפּאַנט אַ קעגן אַ האַלבע שעה פון פענצטער צו דער טיר און פון דער טיר צום פענצטער; דערנאָך האָט ער אָפּגעגעסן די צוויי זעמעלעך מיט פּוטער, פאַרטרונקען מיט אַ פיליזשאַנקע קאַקאַאָ, איינגענומען אין מיטן טרינקען איינעם פון די צענדליקער פּראָשקעס, וואָס ליגן בײַ אים אויסגעסדרט אין שאַכטלעך, אויסגעהוסט זיך, אויסגעשפּיגן און גענומען זיך גרייטן אין געשעפט אַריין.

מאיר בראָמבערגס געשעפט איז אַ פאַבריק פון פּאַפּיר. הינטער דער שטאָט, צווישן קרומע, שיפּע גאַסן מיט צעהוי־קערטע לאַמטערנס, שפּאַרט אַרויס פון אַ גרויען שווער־גע־מויערטן פּאַרקאַן אַ רויטע געביידע מיט געקראַטעטע לענגלעכע פענצטער, מיט אַ פירקאַנטיקן פּאַרקאָפּטשעטן קוימען, וואָס שפּייט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת מיט צונויפגע־דרייטע שמאַטעס רויך, ענלעך צו צעציפּטע וואַטע פון אַן אויסגעקראַכן מלבוש אַרויס.

אין דערדאָזיקער פאַבריק איז מאיר בראָמבערג אַ שותף. מאיר בראָמבערג, איז, אייגנטלעך, קיינמאָל קיין פאַבריקאַנט נישט געווען. ער ווייסט נישט ווי אַזוי מען אַרבעט דאָס פּאַפּיר און פון וואָס דאָס ווערט געמאַכט. ער האָט נאָר אַריינגעלייגט אין שותפות קאַפּיטאַל און מער ווי צו אַ געוויסן פּראָצענט ריוח געהער ער נישט.

דער אמתער פּאַכמאַן און דער אמתער באַלעבאָס פון גרוי־געמויערטן פּאַרקאַן, פון דער רייטער געביידע מיטן פיר־קאַנטיקן קוימען איז מאיר בראָמבערגס אַ ברודער — פּאַן הערצנים בראָמבערג — אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר אַכט און דרייסיק מיט שאַרפע פאַרקיילעכדיקטע אייגן, ווי בײַ אַ סאָווע, נידעריק־געזעצטן האַלז און טיף באַוואַקסענעם שטערן, וואָס גיט־צו זיין מאַט ערדיקן פּנים אַ פאַרעקשנט אויסזען.

דערפאַר איילט זיך נישט ר' מאיר אין דער פרי אין געשעפט אַריין. ער ווייסט, אַז דער ברודער זיינער הערצנים, וואָס ווינט דאָרט אין פאַבריק־הויף, איז שוין לאַנג אויפגעשטאַנען,

אויסגעוועון ווי אַ ווינקל, נאָכגעזוען, נאָכגעפּרעגט... וואָס־זשע האָט ער זיך צו איילן, ס'הייסט מאיר בראָמבערג טאַקע?

שפּאַנט ער זיך דערווייל אַרום איבער זיינע אויסגעשלאָפענע פּראָטערירטע צימערן, קוקט איבער די קעפּלעך פון „קוריער", הוסט וויפיל ס'האַרץ גלוסט, שפּייט אַן פולע שפּיי־קעסטלעך און צום סאַמע סוף הויבט ער ערשט אָן טראַכטן פון אַראָפּפאָרן אין פאַבריק אַריין.

דער זייגער ווייזט אַ פערטל אויף עלף. הינטער די פענצטער שטייט אַ פרעסטלדיקער טאָג. אין אַ ווינקל פון אַ שויב האָט זיך איבערגעבאַקט אַרויפגעצויגן אַ זילבערן הייטל פון אַן איבערגעבראָכן נאָדל־ביימל. דאָס שטוב־מיידל טשאַפּעט אַרום אין ווייכע שטעק־לאַטשן און עפנט די טירלעך פון די אויוונס. מאַדאַם בראָמבערג — אַ פרוי אין די דרייסיקער — אַ שווער לייביקע, אַ גוידערדיקע זיצט אין שלאָפצימער אויף איר בעט, פון וואַנען עס גייט נאָך אויף די אויסגעשלאָפנקייט פון איר ווייך לייב — זיצט האַלב אין נעגליזש און שרייט אַריין מיט אַן אויבערשטימעלע אין עס־צימער:

— גייסט שוין, מאירל?

— כ'גיי שוין, האָסט עפּעס געוואָלט?

— ניין, גאָרנישט. האָסט שוין גענומען אַ פּראָשעק, מאירל?

— יאָ, גענומען.

— און „ווישי" — געטרונקען?

— יאָ, געטרונקען.

אַזוי רעדנדיק, צווישן די האַלב־איפגעעפנטע טירן, טוט אָן ר' מאיר דאָס פוטער מיטן ווידרעגעם קאָלנער, דאָס שפּיציק־אויפגעשטעלטע ווידרעגע היטל, וואָס דערמאָנט אָן אַ שטויס צוקער. און אַזוי ווי אַליין איז ר' מאיר אַ טיף־שוואַרצער און אַ בערדל האָט ער אַ שוואַרץ־סאַמעטנס און אויגן — שוואַרצע, זעט ער אויס אין שוואַרצן פוטער מיטן ווידרעגעם היטל, ווי אַ לעבעדיק שטיק שוואַרצקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון ערגעץ אַ מזרח־וואַנט און גייט אַרום איבער די פוילישע גאַסן, ווי נישט קיין היגער.

מאיר בראָמבערג זאָגט אויף זיך אַליין, אַז ער איז דער שענסטער מאַנספּאַרשוין אין פּוילן. ווען נישט דאָס, וואָס ער וואַרפט אַרויס פון זיך פון צייט צו צייט אַ שטיק לונג, און ווען נישט דאָס, וואָס ווייב זאָל אים נישט דערמאָנען, אַז ער איז אַ קראַנקער מענטש, וואָלט ער אַ וועלט איינגענומען.

פאַמעלעך עפנט ר׳ מאיר די טיר פון זיין וווינונג, וואָס ווערט אויף באַנאַכט פאַרלייגט מיט אַן אייזערנעם פּרענט. ער שפּאַרט זיך אָן אויף זיין שוואַרץ שטעקעלע מיטן ביינערנעם הענטל און מיט געלאָסענע טריטלעך איינס איבער ס׳אַנדערע לאָזט ער זיך אַראָפּגיין פון די שטיגן. אויף יעדן האַלבן שטאָק שטעלט ער זיך אָפּ. כאַפּט דעם אָטעם. אים איז שווער מיט איינמאָל אַראָפּצוקומען פון ביידע שטאָקן. רוט ער זיך אָפּ, הוסט זיך אויס און טריטלט ווייטער.

אַלט איז מאיר בראָמבערג אַן ערך פון אַ יאָר צוויי און פערציק, נאָר זען זעט ער שוין אויס אויף איבער פופציק. כאָטש אין קאָפּ און אין לאָפּאַטע־בערדל האָט ער נאָך קיין איין גרויע האָר נישט.

פאַרוואָס זעט מאיר בראָמבערג אויס אויף אַזוי פיל עלטער, ווי ער איז?

מוז זיין דערפאַר, וואָס צו אַכצן יאָר האָט דער היינטיקער מאיר בראָמבערג געקריגן דעם ערשטן בלוט־שטורץ פון האַלז. דעמאָלט האָט מען געמיינט, אַז ער — דער עלטסטער און גראָטנסטער אין שטוב — איז אַ פאַרפאַלענער. פונדעסטוועגן האָט ער צו צוויי און צוואַנציק יאָר חתונה געהאַט. גענומען אַ ווייב אַ דיקע, אַ הויכע, מיט אַ סך לייב. געהאַט אַ טעכטערל, וואָס איז יונגערהייט געשטאָרבן. נאָר דאָס אַלץ האָט אים נישט געשטערט צו קריגן פון צייט צו צייט נייע בלוט־שטורצן און צווישן איין בלוט־שטורץ און דעם צווייטן — וווינען דערווייל מיטן ווייב.

בשעת ער האָט אַזוי געשפּיגן און געוווינט מיטן ווייב האָט ער גענומען פיר און צוואַנציק פּראָצענט אַ יאָר, געמאַכט

די בעלי-חובות ליציטאַציעס, און כאָטש ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט אַ פולן פּאָרטפעל מיט „וויראָקן", האָט עס אים פונדעסטוועגן נישט געשאַדט פון יאָר צו יאָר רייכער צו ווערן.

און אַז אַ ייד ווערט רייך און איז דערצו אַ קראַנקער מענטש פאָרט מען זיך ראַטעווען. איז ר' מאיר בראָמבערג אויך געפאָרן. ער, מיט זיין ווייב מלכהלע, וואָס האָט זיך גענומען נאָכפרעגן בא דאָקטוירים, פאַרוואָס זי ווערט נישט טראָגן. זענען אַזוי אַרום אַריבער די דרייסיקער. מאיר האָט פון מאָל צו מאָל ווידער אויסגעשפּיגן אַ שטיק בלוטיקע לונג — אָבער מיט דער צייט האָט זיך אין אים עפּעס געשטילט.

ער איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד אַ קיילעכיקער, ווייך-פליישיקער מיט אויפגעבלאָזענע באַקן... קיין איינגעפונ-דעוועט געשעפט האָט ער נישט געהאַט. געלט איז אים גע-קומען, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ צייט, ווי אַן אָרעמאַן נאָך אַ יום-טוב. מלכהלע זיין ווייב האָט געהאַט טענות פאַרוואָס ער נעמט זיך נישט צו עפּעס. איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. אַז אַזוי ווי ער האָט אַ סך באַקאַנטשאַפט צווישן די רוסישע מיליטער-לייט, בא וועלכע ס'קומט אים געלט, וועט ער פּרווון ווערן אַ שטיקל מאַכער. ס'הייסט — ער וועט באַפרייען יונגע-לייט פון מיליטער. איז אים דער געדאַנק געפעלן. האָט ער אָנגעהויבן גיין, שנאַפּן, פּראָלאָנגירן די וועקסעלעך. אַזוי גייענ-דיק און שנאַפּנדיק, איז מאיר בראָמבערג געוואָרן איינער פון די גרויסע מיליטער-מאַכערס אין וואַרשע.

איז — אַז ס'איז געקומען ראש השנה-צייט מיט די פאַר-וויינטע פאַרנאַכטן, ווען לאָמפּן ברענען זיך מיט אַ מיד פאַר-טראַכטן זיך איבערן תכלית פון מענטש — פלעגן זיך צו ר' מאיר בראָמבערג אין די פּראָטערירטע צימערן אַריינשאָרן פאַרדאגהטע מאַמעס אין פאַטשיילעס, טאַטעס מיט פאַרבלאָטיקטע שטיוול און מיט ציטערדיקער אומגעדולדיקייט אין די אָפּלען. דאָס

זענען זיי געקומען צום מאַכער האַלטן זיך אַן עצה מכּוח זייערע זין, וואָס דאַרפֿן היי יאָר שטיין.

פֿלעגט זיך מאיר בראַמבערג—אַ רויקער, אַ באַטראַכטער — פֿאַרמאַכן מיט זיי אין אַ באַזונדער חדר, איינטענהן, נאָכפֿרעגן, צי דער יונגערמאַן האָט עפּעס אַ שטיקל פֿעלער, אין וואָס עס באַשטייט דער פֿעלער, און וויפֿיל, אַ שטייגער, זיי קאָנען געבן פֿאַר אַזאַ מעשה. אַלץ געלאַסן מיטן אויסגעקיילעכטיקטן בייכל אין זיידענעם אַכטקאַנטיקן קאַפּעלע מיטן סאַמעטענעם לאַפּאַטע-בערדל, וואָס האָט זיך מיט ישוב-הדעת געהויבן און אַראָפּגע-פֿאַלן, ווען מאיר האָט געעצהט — אַז ס׳בעסטע איז צו מאַכן זיך אַן „אויער”. אַנדערש איז זייער שווער.

האָבן זיך די פֿאַרדאגהטע טאַטע-מאַמע דערשראָקן. אַן „אויער” זיך מאַכן האָט געהייסן בלייבן אַן אייביקער קאַליקע, אין בעסטן פֿאַל גיין פֿון דער וועלט. האָבן זיי געפּרוווט בעטן עפּעס אַנדערש. פֿלעגט ר׳ מאיר צענעמען ביידע הענט:

— אַנדערש קאָן ער זיך נישט אונטערנעמען. היי יאָר וועט זיין שטרענג. אַ „וואָיענני וראַטש” — אַ שונא ישראל. וואָס זאָל מען טון, אַז מען איז אין גלות.

טאַטע-מאַמע האָבן זיך מיישב געווען, און מאיר, אין אַכטקאַנטיקן זיידענעם קאַפּעלע, האָט זיך ליב געהאַט אין אַזאַ פֿאַל אַוועקצושטעלן באַם שפּיגל, וואָס האָט געגלאַנצט אויף דער שטוב אַרויס מיט אַ נגידישער פֿאַרשייטקייט, — און באַ-טראַכטן זיך.

געגנוג הויך איז ער. די אויגן גליען. נישט איין יונגער-מאַן וואָלט אים נאָך מקנא געווען. אָט יענץ ווייבל פֿון קייגנאיבערדיקן פּענסטער איז גאָר אַ לייטיש ווייבל. ער זאָל נאָר וועלן אַביסל זיך מי געבן, וואָלט ער שוין צוגעקומען צו איר. נישט מער, די צייט איז נישט דערויף און ער האָט גראָד נישט דעם קאָפּ דערצו.

טאַטע-מאַמע זענען זיך כּסדר מיישב. מאיר קעמט זיין לאַפּאַטע-בערדל, קעמט פּאַמעלעכער און טראַכט, אַז דאָס וואָס

מענטשן זאָגן, אַז ער איז ענלעך צו ד״ר הערצל, איז טאַקע נישט קיין ליגנט. אַ סימן האָט ער, אַז בשעת ער איז געווען אין באַזעל – גראַד אין אַ קאָנגרעס-וואָך, האָט מען אים נאָכגע-קוקט אין די גאַסן. נישט געוווסט, ווייזט אויס, צי ער איז ד״ר הערצל, צי ד״ר הערצל איז ער.

אַז מען וויל אַזוי אַ טראַכט טון – אויף אַן אמת אַ טראַכט טון – ווייסט נישט מאיר בראָמבערג מיט וואָס ער איז דאָס ערגער פון ד״ר הערצל, אים צו לאַנגע יאָר. ד״ר הערצל האָט געטון טובות יידן – ער טוט אויך טובות יידן. ד״ר הערצל איז אַ שיינער מענטש געווען – ער איז אייך אַ שיי-נער מענטש. נישט מער, יענער האָט גערעדט אויף קאָנגרעסן און ער, מאיר, רעדט נישט. ווען ער, מאיר בראָמבערג, זאָל האָבן צייט און אַ גרינגן קאָפּ, וואָלט ער אויך געוואָרן אַ ד״ר הערצל.

האָט ער אָבער נישט געהאַט דעם קאָפּ דערצו. מחמת דעמאָלט, ס׳הייסט פאַר דער מלחמה, ווען מאיר בראָמבערג איז געווען ענלעך צו ד״ר הערצל, געבאָרגט געלט אויף פראָצענט און געווען אַ מאַכער באַם מיליטער, זענען גאָר אַנדערע צייטן געווען. אַ רובל איז געווען אַ רובל. איין מענטש דעם אַנדערן האָט געהאַלטן בכבוד. פאַר אַ גביר האָט מען דרך-ארץ געהאַט און אַ גאָט איז אויך געווען אויף דער וועלט. ער אַליין, כאָטש ער האָט שוין לאַנג געהאַט פון זיך אָראָפּגעוואָרפן די זיידענע קאַפּאָטע און מלכהלע, זיין ווייב, איז געגאַנגען אין שול אַריין נישט מער, ווי פון איין מזכיר-נשמות צום אַנדערן, האָט ער פונ-דעסטוועגן אַלע טאָג געלייגט טלית און תפילין. אַ צייט געווען גבאי אין שול. שבת נאָכן עסן געלייגט זיך שלאָפן. אַלץ אין אַכטקאַנטיקן קאַפּעלע מיט די ווייכע לעטשלעך. אַביסל אונ-טערגעשפיגן... אָבער געלעבט האָט מען און אין גאָט האָט מען געגלייבט.

מלכהלע איז נאָך דעמאָלט געווען גאָר יונג. האָט זיך פאַרגלוסט – איז מען אין אַ מיטן מיטוואָך פאַר מיטאָג, ווען זי, מלכהלע, האָט זיך אַרומגעדרייט אין די צימערן אַן אויס-געשלאָפענע מיט פולכנע געסקלאַרעוועטע הענט, – איז מען

צוזעגאַנגען מיט אַ שמייכעלע, אַ ווייכיטשקער — און געוואָרעמט זיך די הענט באַ איר סטאַניק.

האָט מלכּהלע מיט אַ צעגאָסן חנדל, וואָס האָט צעשפּרייט איר גוידערדיק פּנים, אָפּגעשטופּט אים פון זיך:

— נו, גיי שוין, נואָף, גיי שוין.

האָט מאיר געפאָלגט און איז אַוועקגעגאַנגען ערגעץ אין אַ פרעמדע שטוב, צו אַ פרעמד ווייבל מיט נאָך וואַרעמערע הענט ווי זיין מלכּהלע.

האָט עס זיך געפירט טאָג איין, טאָג אויס, נישט העכער, נישט שטילער, אַזוי ווי דאָס רעגלמעסיקע קלאַפּן פון זייגער. קיין קינד, וואָס אַן אמת, האָט שוין מלכּהלע מער נישט געהאַט. אָבער „אויערן" האָבן זיך יונגעלייט געמאַכט, דער חשבון פון קאַפּיטאַל האָט זיך פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערט, ביז די צייט, ווען אַ רובל איז געווען אַ רובל און אין הימל איז געווען אַ גאָט — האָט פלוצלינג, איבער נאַכט, געפּלאַצט.

ר' מאיר איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. אָט אַזוי — מיט אַן אָפן מויל און פאַרחידושטע אויגן:

— שוין?... אויס?...

ווייזט אויס, אַז ס'איז טאַקע געווען „אויס".

צווישן „אַ יאָ מיט אַ ניין" איז אין אַ פאַרנעפּלטן פרימאָרגן אַריין אין שטאָדט אַ מיד פערד מיט אַ גרויען פאַרשוין — אַ שטייפן אַ לאַנגן, אַ פאַרגליווערטן. און דערדאָזיקער פאַרשוין האָט געזאָגט:

— אָט אָ, בין איך!

דאָס איז געווען דער ערשטער דייטש אין וואַרשע.

האָט ר' מאיר בראָמבערג נישט געהאַט באַ וועמען צו „מאַכן" „אויערן". איבער גאַסן און געסלעך האָט זיך גענומען טראָגן אַ ריח פון ביער, אַ געקלאַנג פון פּאָדקאָוועס אונטער מענטשלעכע שטיוול און אַ גיך, געדיכט גאָרגלען מיט העלזער:

— אונזער קייזער... דאָננער וועטער!...

זענען מענטשן אַרומגעגאַנגען, ווי הינט אין גרויסע היצן מיט אַרויסגעשטעקטע לעקערס. איז מען געפאָרן, געשוואַרצט

סחורה, געשוואָלן געוואָרן. בשעת מעשה האָט דער ריח פון ביער צוזאַמען מיטן שלעכטן טיטון געשלאָגן פון ווייבערישע און מיידלשע בעטן אַרויס.

צו יענער צייט, ווען דער עולם האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו די נייע באַלעבאַטים מיט זייער גאָרגלדיק לשון, האָבן זיך אין יידישע גאַסן געגומען עפּעס קליינע געוועלבלעך, וואָס האָבן זיך גערופן — „וועקסל-שטובע". דידאָזיקע „וועקסל-שטובן" האָבן געשטעקט אין די מויערן, ווי ביליקע שטיינדלעך אין טאָמבאַק-רינגען. יונגעלייטלעך, וואָס האָבן געמאַכט אַביסל געלט באַם בויען דייטשע בריקן, אָדער וואָס זייערע ווייבער זענען געשלאָפן מיט די קאָמענדאַנטן — האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף יעדן לײדיקן געוועלבל און אויסגעהאָנגען אַ שילדל — אַז דאָ קויפט מען און מען פאַרקויפט פרעמדע וואַליוטע.

איז שוואַרץ געווען פון טוכענע היטעלעך און צעקנעפּלטע קאַפּאָטעס. מען האָט געשוויצט מיט פאַרריסענע דאַשקעס, געיאָגט זיך איינער מיטן אַנדערן, אַזוי ווי צעשראָקענע שעפּסן.

אין יענער בהלהדיקער שוויץ-צייט איז באַ מאיר בראָמבערגן נישט גוט געווען. ער האָט געהאַט פאַרקויפט זיין הויז אין די יידישע גאַסן און באַלד צומאַרגנס חרטה געהאַט. אים איז געבליבן דאָס געלט. צו וואָס זיך צו נעמען האָט ער נישט געוווסט. איז ער אַרומגעקראָכן אויף זיינע ווייכע אָפּצאַסלעך אַ שטילער מיט אַ פאַרפינסטערט פנים, געשפּיגן מער פון אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר און אויפגעהערט אין זינען צו האָבן זיין ווייבס סטאַניק.

איצט איז מלכהלע, זיין ווייב, אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזע מיט אַן אויסגעצויגן שנעבעלע — אַלע טאָג אין דעם זעלבן בלוזקעלע מיט דער זעלבער ספּודניצע. צו וואָס האָט איר געטויגט איבערצוטון זיך? פאַר וועמען, מ'שטיינס געזאָגט? אָט האָט זי זיך אייערנעכטן געוויגן, איז איר אָפּגעקומען גאַנצע פינף פונט. וואָס איז ס'וונדער? אַז מען איז געגאַנגען און מען האָט פאַרנאַרט אַ הויז פאַר „אַ שיבוש". אַליין טוט מען נישט

די האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריין. זיצט אַ מאַן אין שטוב און וואַרט אויף נסים. שוסטערס און שניידערס זענען געוואָרן גבירים. און דאָ ?... נאָך אַ שפּיי, נאָך אַ הוסט, רבש"ע! מיט וואָס האָט זי זיך אַזוי פאַרזינדיקט ?

האָט איר דער מאַן, מאיר בראָמבערג, געענטפערט, אַז ער איז נישט קיין שוסטער און נישט קיין שניידער. און אַז אויב איר געפעלט נישט קאָן זי זיך לאָזן צוריקשפּילן

האָט עס זי פאַרדראָסן, די מאַדאַם בראָמבערג. זי האָט נאָך מער פאַרשנאָבלט ס'מיילעכל און צווישן די שמאָלע פּעל-דעלעך באַ די אויגן האָט זיך צעלייגט יענץ גרימאַסעלע, ווען ווייבער טופּען צו מיט אַ פּיסל און טראַכטן :

— וואַרט, וואַרט... וועסט נאָך דאַרפן אָנקומען צו מיר אויך.

איז — אַז ר' מאיר האָט פאַרגעסן, וואָס ער האָט גע-זאָגט און ס'איז אים אָנגעקומען זיין מאַנספאַרשויגישע מינוט — האָט זיך דאָס ווייב איינגעקנוילט אין דער קאָלדרע און נישט צוגעלאָזט צו זיך. איז ער געלעגן, דער מאַן, אויף אַ קאַנט פון בעט און געבעטן זיך — זי זאָל אים אַריינלאָזן. האָט זי געענטפערט מיט אַ פאַרדומפּן קול פון אונטער דער קאָלדרע אָפּער — אַז אויב אים געפעלט נישט — קאָן ער זיך לאָזן צוריקשפּילן.

פונדעסטוועגן איז מאיר נישט בייז געווען אויף זיין ווייב. באַ זיך אין האַרץ האָט ער איר געגעבן גערעכט :

— פאָרט — ווי זיצט עס אַ מענטש און טוט גאָרנישט? ווי לאַנג איז דער שיעור צו עסן פון גרייטן ?

האָט ער זיך גענומען אַרומזען. אַ טאָג, נאָך אַ טאָג. און איידער מלכהלע, זיין ווייב, האָט צייט געהאַט נאָך אַמאָל אים נישט אַריינצולאָזן צו זיך אין בעט, האָט שוין מאיר בראָמבערג געהאַט געדונגען אַ געוועלבל אין אַ ראָג פון צוויי גאַסן און מיט אַמאָל איז ער פון אַ מאַכער באַם מיליטער געוואָרן וואַ-ליוטע-סוחר.

האָט זיך מלכהלע, זיין ווייב, נאָכאַמאָל געוויגן און אין

אַ שטילן שמועס צווישן באַגינען און טאָג-ווערן — האָט זי אים מגלה געווען אַ סוד, אַז ס'איז איר, ב"ה, שוין צוריק צוגעקומען צו דער וואָג.

אין שטוב אַריין האָט מען צוגענומען נאָך אַ דינסט-מיידל. די פּאַרקעטן האָבן גענומען גלאַנצן מיט אַ טונקל-געלער גלעזערנער שפּיגלדיקייט. מאַדאַם בראָמבערג האָט זיך צוגעפּאַסט צום שטערן אַ שמאָל פּאַסיקל שוואַרצן סאַמעט, וואָס האָט ברייטער געמאַכט איר ווייך פּנים און צוגעגעבן אים אַן אויסזען פון אַ גרויסן ערדענעם טאָפּ. זי האָט גענומען רעדן מיט אַ פּאַרצויגן ניגונדל, וויגן מיט די צעוואַקסענע באָקעס און אַ גאַנצן טאָג געהאַט צו אַכצן און צו קרעכצן אויף די דינסט-מיידן — אַז ס'איז אַ שטראָף פון גאָט הײַנטיקע צייטן צו האָבן צו טון מיט דידאָזיקע „טליקעס".

אַז דער מאַדאַם בראָמבערג איז צוגעקומען אַ סאַמעטן פּאַסיקל אויפן שטערן, איז דעם הער בראָמבערג אָפּגעקומען פון קאָפּ דאָס אַכטקאַנטיקע קאַפּעלע.

ס'איז געשען צווישן אַ יאָ מיט אַ ניין. ער האָט עס געהאַט אַ מאָל פאַרגעסן אין שלאָפצימער. ווּאַרעם איז געווען, האָט זיך אים נישט געגלוסט אַריינגיין אויפזוכן עס. איז ער אַזוי געבליבן אָן אַ קאַפּעלע ביזן היינטיקן טאָג. און אַז מען בלייבט אָן אַ קאַפּעלע, פאַרגעסט מען שוין אויך צו נעמען טלית ותפלין און גיין דאַווענען. ווערט מען במילא אויס גבאי. ווער האָט דעם קאָפּ צו אַזעלכע נאַרישקייטן?

איז — אַז ס'איז געקומען פרייטיק צו נאַכטס האָט מען פאַרגעסן אַרויסצונעמען פון שויבן-שענקל די זילבערנע לייכטער. מאַדאַם בראָמבערג האָט גראָד נישט אָנגעטון די טונקל-פאַרזילבערטע זײַדענע בלוזקע, וואָס זי פלעגט טראָגן אין די פרייערדיקע פרייטיק צו נאַכטסן. איז אויסגעקומען, אַז באַם גרויסן עס-טיש, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט אויף דער שטוב אַרויס מיט אַ טונקל-געבלומט טישטוך און ס'זענען געשטאַנען שטייפע דראָטענע בלומען, איז איצט ר' מאיר געזעסן מיט אַ פאַרחשבונט פּנים. לעבן אים — אַ טעקע מיט צעלייגטע ווערט-פּאַפּירן. איינער

אַ יונגערמאַן מיט האַרטע וואָנסעלעך און מיט אַן אויסגעמאָגערט פּנים האָט אָפּגעגעבן חשבון פון געשעפט.

ר׳ מאיר אַליין האָט גענעצט מיט דער צונג די בלייפעדער. געצייכנט גרויסע, קרומלעכע ציפערן אויפן פּאַפּיר און אַלעמאָל אָפּגעשטעלט זיינע גליסטנדיקע אָפּלען אויפן אויסגעמאָגערטן יונגערמאַן:

– איז וויפיל, זאָגט איר, איז געבליבן „לאָקשען" אין דער קאַסע?

– געבליבן איז פינף טויזנט, קומט בירגצווייגן – צוויי...

– אַהאַ – האַקט איבער ר׳ מאיר – בלייבט הייסט עס, דריי.

אַ נעץ מיט דער צונג. אַ שרייב אויפן פּאַפּיר.

דאָס שטוב-מיידל ברענגט אַריין אַ גלאָז טיי און שטעלט עס אַנידער פאַרן הער. מאַדאַם בראָמבערג גייט דורך מיט אַן אויפגעהויבן געפּאַלדעוועט גוידערל. זי קלינגט מיטן בינטל שליסעלעך, חנדלט דעם גרויסן ערדענעם טאָפּ און נישט האָבנדיק, סוף-כּל-סוף, וואָס צו טון, גיט זי אַזוי אַ קוק פון אַ זייט אויפן אויסגעמאָטערטן יונגנמאַן.

יענער פאַרשטעקט די נאָז אין אַ גרויס פּאַפּיר אַריין און האָט נישט קיין צייט צו זען.

שפּעטער, ווען ער גייט אַוועק, דער יונגערמאַן, און אויפן אַמאָליקן שבתדיקן טיש שטעלט מען אַרויף געפּרעגלטע אייער מיט פּיליזשאַנקעלעך קאַקאַאָ, רופט זיך אָן, צווישן איין שלינג און דעם אַנדערן, מאַדאַם בראָמבערג:

– עפּעס אַ „מרוק" דער קאַסירער דיינער.

– וואָס האָסטו געוואָלט, ער זאָל טאַנצן?

– ווער רעדט װעגן טאַנצן. נאָר ווי איז מען אַזוי פאַרחושט?

– און אַז פאַרחושט – איז וואָס? אַ גאַנץ אָרנטלעך מענטשל

מאַדאַם בראָמבערג בייסט איין אירע פּלאַטינענע ציין

אין ווייכן זעמעלע אַריין און קוקט מיט אַ לאַנג חוזק-פּעלדעלע צווישן די אויגן.

ר׳ מאיר איז פאַרנומען. איצט גייט אים זיין ווייב ווייניק אָן. ער האָט נישט דעם קאָפּ צו איר. דאָס געשעפט צעוואַקסט זיך. צייטן — גאָלדענע.

דאַכט זיך וואָס ? — אַ קליין שוואַרץ געוועלבל. מען זעט עס כמעט נישט אָן. פאַר אַ פרעמד אויג מאַכט עס דעם איינדרוק פון אַ שטיק טרייפענער סחורה, וואָס שאַרט זיך בּאַ דער זייט. נאָר אַז מען קומט אַריין אינעווייניק גיט אַ שלאָג אין פּנים אַריין אַן ענגע שטייענדיקע וואַרעמקייט פון צעשוויצטע מאַנסבּילשע לייבער. ס׳רוב דרייצן זיך דאָרט פאַרשוויגען הפקרדיקע מיט מאָגער-אויסגעשיטע בערדלעך, וואָס די שפּיצן ווערן כסדר געציפּט פון נערוועזע ליפּן.

אָט פראַלט זיך אויף די שוואַרץ-געמאָלטע טיר און צוזאַמען מיט אַ שטיק ליכטיקן דרויסן שטופּט זיך אַריין אַ צעקנוידערט זעקל-יידל, אַ קיילעכיקס, אַ ווייכס און שלעפּט פון בויך אַרויס וואַליוטע. דער יונגערמאַן מיטן אויסגעמאָגערטן פּנים און מיט דער בלייפעדער אונטערן אויער ציילט די אַלע אויסגעוואַרעמטע „לאַנגע“ מיט די „קורצע“, סדרט זיי אויס אין באַזונדערע פּעקלעך, באַחשבונט און באַצאָלט.

איז עס אַזוי געגאַנגען אין יענער שוויץ-צייט פון אינדערפרי ביזן שפּעטן אויף דער נאַכט אַריין. דער טעלעפאָן האָט זיך געריסן, ווי אַ הונגעריקער הונט. מאיר בראָמבּערגס חשבונות אין די בענק האָבן גענומען אויף זיך פלייש. מאַדאַם בראָמבּערג איז אַרויס אין גאַס אַריין אין אַ לאַנג מאַלפּע-פוטער — אַ גרויסע אָן אָנזעעוודיקע. און אַזוי ווי דער מאַן איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען אין געשעפט, איז איר געוואָרן לאַנגווייליק צו זיצן מיט די צוויי דינסטן אין די פראַטעריירטע צימערן, האָט זי זיך דערמאַנט אָן טעכטערל, וואָס איז ייִנגערהייט געשטאָרבן.

אַז זי האָט זיך דערמאַנט אָן טעכטערל, האָט זי שוין אין איין וועגס אַ טראַכט געטון, אַז ער, מאיר, איז לעצטנס

שטאַרק פאַרנומען מיט דער וואַליוטע. ס'גייען אַדורך וואָכן, וואָס ער שלאָפט דורך די נעכט, ווי נישט קיין היגער. סוף כּל סוף איז זי דאָך נאָך אַ יונגע פרוי. איז דאָס אַ לעבן?...

לאַנג טראַכטן האָט אָבער מאַדאַם בראַמבערג נישט געקאָנט... זי פלעגט קריגן גרויס קאָפּ-ווייטיק. איז ס'בעסטע מיטל געווען אָנטון זיך און אַביסל אַראָפּגיין. געגאַנגען פון איין געוועלב אין אַנדערן אַריין. אויסגעפּרעגט זיך די פּרייזן און כּמעט קיינמאָל נישט געקויפט.

פאַרבייגייענדיק פאַרן שוואַרצן געוועלבל מיט די גרינלעך-אָפּגעשאָסענע פאָרהענגלעך אויף די שויבן, האָט זי טיילמאָל, צווישן טאָג און נאַכט, פאַרבלאָנדזשעט אַריין און צוגעקוקט זיך, ווי ס'גייט צו דער האַנדל.

איר איז נישט געפעלן, ווי אַזוי דער אויסגעמאָגערטער יונגערמאַן סדרט אויס די פּעקלעך געלט. האָט זי געטראַכט, אַז ער מוז זיין גאָר אַ גרויסער „מרוק", און אַז דאָס ווייב זיינס מוז פון אים האָבן קאַלט און וואַרעם.

אַהיימגעגאַנגען איז זי פון געוועלבל מיט נישט-ניחהדיקע טריט. אויפן וועג האָט זי ווידער געטראַכט, אַז זי וואָלט אַזאַ „מרוק" נישט געהאַלטן. אַזעלכער קאָן נישט זיין קיין גוטער קאַסירער. נאָר מאיר איז דען אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך זאָגן? אַלץ — אַליין. ער הערט זי דען? זי האָט דען אַ דעה בּאַ אים, אָט בּאַ דעם מאַן אירן, וואָס האָט געלעכצערטע לונגען און קאָן שוין מער קיין קינד נישט האָבן?

טראַכט אַזוי מאַדאַם בראַמבערג, אַרויפגייענדיק אויף די שטיינערנע טרעפּ פון הויז און פילט זיך אומגליקלעך. קומט איר טיילמאָל אַקעגן פון אויבן אַראָפּ דער דייטשער לייטענאַנט מיט דער שאַרף-געשניטענער דיגער נאָז, וואָס וווינט אַ טיר אין אַ טיר מיט מאיר בראַמבערגן. כאַפּט ער געשווינט די האַנט צום היטל און באַגריסט זי אין ליידיקן הויז אַריין:

— גוטן אָוונט, מאַדאַם!

ווערט מאַדאַם בראַמבערג אַזוי ווי הינטערשטעליק. זי

פאַרגווידערט דאָס פּנים מיט אַ שטילער מתיקות, וואָס דריקט זיך אויס אין האַלב צומרוזשען די אויגן:

— גוטן אַוונט הער לייטענאַנט!

שפּעטער זיצט זי אַ שוואַר-לייביקע מיט צעלאָזענע בענד-לעך פון די קליידער, מיט אויסגעפּופלטע וואַרעמע הענט און טראַכט, אַז אָט דער לייטענאַנט האָט אויסטערליש-גלייכע פּליי-צעס... אַז די נאָז באַ אים איז זייער דין... וויינט ער דאָ קעגנ-איבער. און מאיר מיט די געלעכערטע לונגען שלאָפט... שלאָפט...

— האַ, מאירל, ווי לאַנג איז דער שיעור, מאירל?...

איז אָבער מאיר בראָמבערג געווען אַ קראַנקער מענטש. דאָס שוואַרץ-איינגעפּאַסטע געוועלבל מיט די צעבהלהטע יונגע-לייטלעך האָבן אים מיד געמאַכט. ער האָט צופיל גערעדט און צופיל געשוויצט. איז — אַז ס'איז געקומען פאַרנאַכט האָט זיך אים די טעמפּעראַטור געהעכערט. די שטים איז הייזעריקלעך געוואָרן. האָט ער אַפילו געוואָלט אַרויפניין צום דאָקטאָר.

נאָר אַזוי ווי די וואַליוטע איז געפלויגן פון מינוט צו מינוט — האָט ער עס אָפּגעלייגט אויף אַ פרייען טאָג. אָפּגע-לייגט און צופרידן געווען. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס מאָל זאָל אים דער דאָקטאָר נישט זאָגן אַזעלכעס, וואָס קיינער האָט אים ביז אַהער נישט געזאָגט.

קומט ער אַמאָל אַהיים אין אַ פאַרנעם אויפדערנאַכט מיט אַ פולער טעקע געלט. עפנט די אייזערנע קאַסע, וואָס שטייט באַ אים אין שלאָף-צימער און לייגט אַריין די אָנגע-פּאַקטע טעקע. האַלט ער שוין באַם פאַרמאַכן די געשוואָלענע קאַסע-טיר, גיט זיך אים עפּעס אַ וויג אין קאָפּ. בעט ער דעם קאַסירער, וואָס איז מיט אים מיטגעקומען, יענער זאָל אים העלפן צומאַכן. נאָר ר' מאיר האַלט שטייף די קליאַמקע פון דער קאַסע, פאַרקייכט זיך פלוצלינג מיט אַ שטילן שליוכץ און גיט אַ וואָרף אַרויס פון אויסגעקיילעכדיקטן מויל אַ צע-שפּריצטן גאָס בלוט. עס צעפּאַלט אויף דער קאַסע-טיר, אויפן

געל־גלאַנצנדיקן פּאַרקעט און אויף אַ פּאָלע פון קאַסירערס מאַרינאַרקע.

דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער בלוט־שטורץ, וואָס מאיר בראָמבערג האָט ווען עס איז געהאַט.

ער איז געלעגן דערנאָך מיט אַ גרויס ווייס פּנים, געשלונגען אייז און נישט געטאָרט רעדן.

מלכהלע, זיין ווייב, איז אַרומגעגאַנגען פאַרפינסטערט איבער די אָפּגעלאָזענע צימערן, וואָס האָבן געשמעקט מיט דושנער זויערקייט פון רפואות און שווייס. אַלע טאָג איז גע־קומען דער דאָקטאָר. האָט מלכהלע געלייענט אויף זיין שטרענג פּנים אַ פאַרדאגהטע נישט זיכערקייט.

איז איר איינמאָל, אין אַ מיטן דער נאַכט איינגעפאַלן, אַז מיט מאירן האַלט שמאָל. וואָס וועט דאָ ווערן?... מיט וואָס בלייבט זי?

האָט זי באַלד אינדערפרי אָוועקגעקלאַפּט אַ דעפּעשע צו אירע טאַטע־מאַמע אין קליינעם שטעטל אַריין — מען זאָל גלייך קומען.

האָבן זיך אין אַ טריבן נאָכמיטאָג אַריינגעשטופּט צוויי אַלטע לייט מיט פאַרגרעסערטע, פרעגנדיקע פּנימער און שטילערהייט גענומען אַרומטשאַפּען איבער מאיר בראָמבערגס וווינונג.

אויסגעזען האָבן זיי, ווי אָפּגעשוואַכטע הינדלעך, נאָר געגעסן האָבן זיי אַ סך. געפּאַטשט מיט די ליפּן און געהאַלטן זיך אין איין סודן מיט זייער טאָכטער. זיי האָבן באַטאַפּט מיט די אויגן דאָס מעבל, אויסגעפרעגט זיך, ווו די בריליאַנטן ליגן. צי האָט זי, מלכהלע, עפּעס אַן אַקט.

האָט מלכהלע, מיט אַ פּייכט נאָז־טיכל אויפן שטערן, צע־נומען הילפלאָז די הענט אַזוי, אַז טאַטע־מאַמע האָבן פאַרשטאַ־נען, אַז ס'איז איר, נעבעך, אַ גרויס אומגליק געשען. האָבן זיי זיך געפרעגט גוטע־פריינט. גוטע פריינט האָבן געעצהט... און ר' מאיר איז אַלץ געלעגן און נישט געטאָרט רעדן.

ער האָט זיך אָבער אין דאָזיקן מלאך־המותדיקן שווייגן

איינגעהערט אין שווער און שוויגערס ווייך-לאַטשענדיקן אַרומ-טשאַפּען איבער די שטיבן און געהאַט ס'געפיל, אַז אָט די צוויי האַלב-געפּגרטע הינדלעך דרייען זיך דאָ אַרום ווי וועלף באַ שאָסייען. האָט ער כסדר געפרעגט אויף שטום-לשון נאָך וואָס זיי זענען געקומען... וואָס האָבן זיי אַזוי פיל אַרומצוקריכן?

האָט מלכהלע, זיין ווייב, אים געבעטן — ער זאָל ליגן רויק. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט — ער זאָל אַפילו מיט קיין האַנט נישט אַ ריר טון.

איז ער געלעגן רויק, נאָר ס'פּנים איז אים פאַרגאַנגען מיט אַ גרינעם כּעס. די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבערן שלאָף-צימער מיט אַ הונגעריקער נייגיריקייט, אַזוי ווי ער וואָלט דאָסדאָזיקע צימער צום ערשטן, אָדער צום לעצטן מאָל געזען.

דאָס געוועלבל, דערווייל, האָט געררוישט אָן אים. ס'איז צוגעקומען דאָרט נאָך אַ יונגערמאַן מיט אַן אויסזען פון אַ פּערדס-הענדלער. ער האָט הויך גערעדט און געהאַט אַ טבע צו קריכן יעגעם מיט די הענט אין דער באָרד אַריין.

דאָס איז געווען אַ לייבלעכער ברודער פון ר' מאיר בראָמבערגס ווייב. ר' מאיר האָט אים פיינט געהאַט. ער האָט געהאַלטן, אַז דערדאָזיקער יינג, וואָס האָט אין יעדער שטאָט אַ ווייב — וועט נאָך אַמאָל פאַרפוילט ווערן אין קייטן. איצט איז ער קאַפּויר געקומען. מאיר האָט נישט געוואָלט מסכּים זיין יענער זאָל אַריין אין געשעפט. נאָר מלכהלע האָט נישט גע-פרעגט נאָך איר מאַנס שטומען ווינקן און האָט דעם ברודער יאָ אַריינגעזעצט.

האָט זיך דאָרט ווייטער געקנוילט דער גרויער שטויב פון אויסגעשמעלצטע קאַפּאָטעס, פון פּראָווינצער שטיוול און פון ביליקן טיטון.

אויף דער נאַכט, אַז מען האָט פאַרמאַכט די שוואַרצע לאָדנדלעך און עולם קאַפּאָטעס האָט זיך צעשיט אויף די טראָ-טואַר-בערזעס, איז דער קאַסירער מיטן אָפּגעמאָגערטן פּנים

אַרויפגעגאַנגען צום פּרינציפּאַל אָפּגעבן השבון פון אַ גאַנצן טאָג.

דערווייל איז ר׳ מאירן לייכטער געוואָרן. ער האָט שוין אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַראָפּקריכן פון בעט. האָט ער זיך אָוועק־געזעצט באַם טעלעפאָן אַרומגעשטעקט מיט ווייכע טיכער און אַזוי אַרום דיספּאָנירט אין געשעפט אַריין.

און אַז ווארעמע טעג האָבן אָנגעהויבן פאַלן פון דעכער, איז ר׳ מאיר ס׳ערשטע מאָל אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין. געווען אַ פּאָר שעה אין געשעפט. צוגעקוקט זיך, ביז ער האָט אָנגעהויבן קומען אַלע טאָג און געוואָרן צוריק מאיר בראָמ־בערג.

קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז ס׳וואָלט זיך אַזוי געפירט, ווער ווייסט ווי לאַנג. ר׳ מאיר וואָלט אפשר קיינמאָל נישט געוואָרן קיין שותף אין קיין פּאַפּיר־פאַבריק. איז אָבער געקומען ס׳מאָל, ווען דער דייטש האָט געמוזט צוריק אַרויס. פּלוצלינג, צווישן טאָג און נאַכט האָט מען גענומען לויפן איבער שאָ־סייען. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן בהלהדיקע צייטן. מען האָט פאַר־ווערט צו האַנדלען און מאיר בראָמבערג איז געווען נאָך אַ קרענק. דער דאָקטאָר האָט דורכויס געהייסן פאָרן קיין מצרים. קיין פרישן פּאַטיענט האָט מען מאירן נישט געוואָלט אַרויס־געבן. האָט ער פאַרקויפט ס׳געוועלבל. דער קאַסירער מיטן אויסגעמאָגערטן פּנים איז אַרויס אויף דער טראָטואַר־בערזע. מאירס שוואָגער איז אַוועקגעפאָרן זוכן נייע ווייבער. און מאיר גופא איז געזעסן אין מצרים.

צוריקגעקומען איז ער פון דאָרט אַן אָפּגעברענטער מיט אַ רוי פּנים. נישט מער, וואָס דאָס קול זיינס איז געווען הייזעריק. ער האָט גערעדט שווער, אַזוי ווי עס זאָל עפּעס שטעקן באַ אים אין דער קעל און געפּוילט זיך לאָזן פאַלן אַן איבעריק וואָרט.

האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט אין זיינע פּראָטערירטע צימערן. ווידער אָן אַ געשעפט. שטילערהייט האָט ער אַפילו געקויפט אַביסל וואַליוטע אָדער געבאָרגט דאָלאַרן אויף צען

פראָצענט אַ חודש. אָבער קיין פירמע איז ער שוין מער נישט געווען. טאַקע דער אייגענער מאיר בראָמבערג מיטן גרויסן קאַפּיטאַל, מיטן גרויסן קענטשאַפט אין די באַנק-קרייזן, אָבער צו אים שרייבט מען שוין נישט: „דאָ פירמי מ. בראָמבעריג, וואַרשאַווא". די בלאַנקעטן מיט זיין פירמע ליגן ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ שופלאָד, וואָס ר' מאיר עפנט זייער אָפט אויף און באַטראַכט די געדרוקטע אותיות מיט זיין נאָמען. ער פאַרשעלט די נייע מענטשן מיט די נייע „פּאָזשאָנדקעס", וואָס האָבן אים געמאַכט פאַר אויס באַנקיר, נאָר פאַר עפּעס איינעם מאיר בראָמבערג, וואָס וווינט דאָ און דאָ אונטער אַזאַ און אַזאַ נומער און פּטור.

האָט זיך אין די פראָטערירטע צימערן צעלייגט די אייגענע הייזעריקע טונקלקייט, וואָס אויף ר' מאירס פּנים. די אַלטע שווער און שוויגער זענען שוין געהאַט לאַנג אַוועקגעפאָרן. נאָר זייער כיטרע אָרומטשאַפּען איבער די גלאַטע פּאָדלאָגעס האָט נאָך אָפּגעקלונגען מיט אַ פאַרזשאַווערט ווידערקול. יעדעס מאָל האָט זיך ר' מאירן געדאַכט, אַז פון דער אָדער פון יענער שטול פּילט מען עפּעס אַ פאַרלעגנעם ריח.

האָט ער געהאַט טענות צום ווייב:

— אַז אָט האָט זי געשווינד אַראָפּגעשיקט נאָך טאַטע-מאַמע. טאָמער מאַכט ער צו אַן אויג. אַז אָט אַרט זי גאָרנישט, וואָס מען זיצט אָן אַ געשעפט.

האָט מלכהלע געענטפערט, אַז זי איז סיי ווי סיי אומגליקלעך. אַז ער באַהאַנדלט זי ערגער, ווי אַ דינסט. אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט שוין לאַנג געהאַט פון אים אַנטלאָפן. אַ לעבן — מ'שטיינס געזאָגט. קיין קינד, קיין רינד, וואָס האָט זי פון אים, וואָס?

האָט מאיר, דער מאַן, געענטפערט, אַז דאָס איז זי שולדיק זי קאָן נישט האָבן.

האָט עס פאַרדראָסן די מאַדאַם בראָמבערג. געקרענקט ביז דער זיבעטער ריפּ, האָט זי פאַר גרויס כּעס אַ וואָרף געטון

אים פון די פלאַטינענע ציין אַרויס, אַז זי וויל נישט האָבן קיין „זדעכליאַקעס".

דעמאָלט איז ר' מאיר בראָמבערג שטיל געוואָרן. און מלכהלע, זיין ווייב, איז זיך אין מיטן טאָג אַוועקגעגאַנגען ערגעץ איבער די גאַסן. געוואָרן צוגעלאָזן צו אָרעמעלייט. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק געשטאַנען מיט אַ „בלימל" אין ראָג פון צוויי גאַסן — אַ חנדלדיקע, אַן אויסגעפּופּלטע. און נישט איין יונגן מענטש געשענקט אַ לאַנגן אויסגעוואַרעמטן בליק. פון יענעם מין בליקן, וואָס הויבן זיך אָן בײַ ווייבער צו פּופּצן יאָר און ענדיקן זיך קיינמאָל נישט.

און מאיר איז געזעסן אין שטוב אַ וואַרעמער, אַ ווייכער און געזאָרגט. נאָר אַז דאָס פרישע שטוב-מיידל איז אַריינגע-קומען אויפרוימען און מאיר, זיצנדיק אויף דער אָטאָמאַנע, האָט זיך צוגעקוקט צו איר געפּאַקטן יונגן בוזעם — האָט עס אים אַ צאַפּל געטון אונטערן האַרץ-גריבל. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז הייזעריק, אַז ער זיצט אָן אַ געשעפט. און ווען יענע האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו די פּראָטעריר-טיכער — האָט דער ווייכער, אויסגעוואַרעמטער מאיר בראָמבערג מיטן אויס-געפּוצטן סאַמעטענעם בערדל צוגעגליטשט זיך און מיט אַ הפקרדיקער פאַרגאַוועטקייט אַרונטערגעשטעקט די האַנט אונ-טער יענערס קלייד:

— כי, כי... — האָט ער נאָס געשמייכלט — יוזשע נישט קיין מורא האָבן... מאַדאַם וועט נישט וויסן...

צו יענער צייט האָט מאיר בראָמבערגס ברודער, פאַן הע-ראַנים, אַרויסגעקוקט אין אַ רעגנדיקן נאָכמיטאָג דורכן פענצטער פון זיין קאַנטאָר אין פאַבריק-הויף אַריין און געטראַכט:

— אַז אַזוי, ווי ער איז שטאַרק געענגט אין קאַפּיטאַל און מיט וואָס צו קויפן רוי-מאַטעריאַל האָט ער נישט, שטייט די פאַבריק אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך. און אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז דער ברודער זיינער, מאיר, זיצט אָן אַ געשעפט, וואָלט אפשר אַ יושר געווען איבערצובעטן זיך מיט אים און

אָנשלאָגן — יענער זאָל צושטיין פאַר אַ שותף צו דער פאַבריק.

זענען אָבער ביידע ברידער אַ צייט געווען ברוגז. עפּעס האָט מען זיך אַמאָל צעקריגט איבער אַ מצבה פאַר אַ געשטאָר־בענעם ברודער. מאיר האָט געטענהט, אַז אַזוי ווי יענער, דער געשטאָרבענער, איז געווען אַן אָרעמאַן, איז אַ חוב פון ביידע לעבעדיקע ברידער צו שטעלן אַ מצבה. האָט הערשנים געזאָגט, אַז ער האַלט נישט פון קיין מצבות. אַז אויב ער, מאיר, וויל, קאָן ער יענעם שטעלן וויפיל מצבות זיין האַרץ גלוסט־ איז אַזוי ווי מאיר איז נאָך דעמאָלט געווען פרום און אין שטאָט איז ער אָנגעגאַנגען פאַרן גרויסן גביר, האָט ער געלאָזט שטעלן אַ מצבה אויף זיין אייגענעם חשבון. פאַר דאָס אָבער האָט ער זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז מער וועט ער זיין ברודערס שוועל נישט איבערטרעטן.

פאַן הערשנים האָט דערווייל חתונה געהאַט. דערשלאָגן זיך צו אַ פּאַפּיר־פאַבריק. אָבער מאיר האָט אַפילו נישט גע־וואָלט הערן פון אים.

זיצט ער אַמאָל, ר׳ מאיר בראָמבערג, אין אַ ווינטערדיקן אויפדערנאַכט באַ זיך אין עס־צימער און קוקט אַריין אין אַ צייטונג.

דאָס טונקעלע, שווערע מעבל מיט די לויטערע קרישטאָלן פון שויבן־שענקל שווייגן אין וואַרעמער שטילקייט. דער אומ־רו פון שטיי־זייגער וויגט זיך מעשה מידער זקן פאַר קריאת־שמע. מאַדאַם בראָמבערג זיצט באַם צווייטן עק טיש. זי שיילט ברחבהדיק אַ פּאָמעראַנץ און שטופּט אים אַריין אַ נישט־צענומענעם צווישן די גלאַטיקע פּלאַטינענע ציין. קלינגט מען באַ דער טיר.

אויפדערנאַכט קלינגט מען זייער ווייניק באַ ר׳ מאיר בראָמבערגס וווינונג. האָט ר׳ מאיר אָוועקגענומען דאָס לאָפּאַטע־בערדל פון דער צייטונג און מלכהלע, זיין ווייב, איז געבליבן מיט אַן איינגעביסענעם פּאָמעראַנץ צווישן די ציין. קומט אַריין

דאָס שטוב-מיידל אַ האַלב-פאַרשלאָפענע און שנאָפּלט אויס, אַז עפּעס אַ „פאַן" פרעגט זיך צום זוער.

לייגט שוין מאיר אַוועק די צייטונג. מאַדאַם בראָמבערג ווישט גיך אָפּ די ליפּעלעך און ביידע מיט אויסגעשפּיצטע פנימער, ווי אַן אַלט פּאָר פּאַלק אין אַ פאַרוואָרפן שטיבל, ווען אַ קאַץ גראַבלט אויפן דאַך, וואַרטן זיי — ווער ס'וועט דאָ אַריינקומען.

עפנט זיך פּאַמעלעך די טיר און ס'בלייבט שטיין פאַן הערצאָנים — אַ שטייפער מיט אַ געמיטלעך שמייכעלע אויפן גרויען פנים.

— גוטן-אָוונט!

ר' מאירן איז געוואָרן וואַרעם אין האַלז. מלכהלע האָט זיך אַ הויב געטון און גיך אַוועקגעשטעלט דאָס קרישטאָלענע טעצעלע, ווו ס'זענען געלעגן די שאָלן פון פּאָמעראַנץ.

פאַן הערצאָנים איז געווען רויק. אַ קוש געטון דער שווערין אין פולכנע הענטל אַריין. געגעבן שלום-עליכם דעם ברודער, וואָס איז געזעסן, ווי נישט קיין היגער, און אַליין אַוועקגעזעצט זיך בײַם טיש.

מאַדאַם בראָמבערג האָט אָנגעקלונגען נאָך טיי. האָט פאַן הערצאָנים וואַרעמער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול און אָנגערופן זיך צו מאירן, אַז ער, מאיר דאַרף זיך נישט אַזוי וווּנדערן. ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין ברוגז? הערצאָנים האָט פאַרשטאַנען, אַז מאיר וועט צו אים נישט קומען. ערשטנס איז יענער עלטער, און צווייטנס האָט ער שוין אַזאַ טבע, מאיר, אַז ער בעט נישט איבער. ווי זאָגט מען עפּעס: אַז מאַכמעד גייט נישט צום באַרג, קומט דער באַרג צו מאַכמעדן, כע... כע... כע!..

מלכהלען זענען געפעלן געוואָרן דעם שוואָגערס רייד. זי האָט אים שוין לאַנג נישט געהאַט געזען. האָט זי געקוקט אויף אים מיט אַ צעשמייכלט גוידערל און געטראַכט בײַ זיך,

אַז העראָנים איז טאַקע אַ מענטש און איר מאיר איז אַלץ געבליבן דער אייגענער „טשאַפּטשאַק".

מאיר ווידער, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַביסל באַרויקט, איז פונדעסטוועגן געזעסן אַ צוריקגעהאַלטענער. נאָר אַז יענער האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען ס'גלעזל טיי און אויסגעפרעגט זיך אויפן געזונט און אויף פרנסה — האָט מאיר אים געפרעגט — וואָס אייגנטלעך ס'האָט אים באַוויגן אַזוי אומגעריכטערהייט אַרויפצוקומען.

האָט פאַן העראָנים, וואָס האָט ליב געהאַט אונטערצושטרייכן יעדעס וואָרט, געענטפערט — אַז קודם כל האָט ער געוואָלט ווערן אויס ברוגז. וואָס איז דאָס פאַראַ ברוגז מיט אַן אייגענעם ברודער?... דאָס איז איינס. צווייטנס... ווי זיצט מען דאָס אָן אַ געשעפט? איז אָט וואָס, מן-הסתם האָט מאיר געהערט, אַז ער, העראָנים, האָט אַ פאַפּיר-פאַבריק. אַ גאָלדן געשעפט. מען קאָן נתעשר ווערן. נישט מער, ער העראָנים, פילט זיך נישט בכוח אַליין עס צו פירן. ער האָט פאַרטראַכט גרויסע פּלענער. ער וויל אַריינשטעלן נאָך עטלעכע מאַשינען. איז אים איינגעפאַלן, אַז אַזוי ווי מאיר זיצט אָן אַ געשעפט און אַ גוטער סוחר, ווייסט ער, איז ער, — צי וואָלט נישט אַ יושר געווען — ער מאיר זאָל צושטיין פאַר אַ שותף. קיין גרויסע קאַפּיטאַלן דאַרף מען נישט. דער עיקר — ענערגיש נעמען זיך צו דער אַרבעט...

ר' מאיר האָט געהערט און קאַרג געווען אויף אַ וואָרט.

ביידע ברידער זענען געווען ענלעך צו זיך. ביידע האָבן געהאַט אין די בליקן יענץ אויסגעוואַרעמטע פייערל, וואָס האָט צו טון מיט לונגען און מיט געהעכערטער טעמפּעראַטור. פאַן העראָנים האָט אויך גערעדט הייזעריקלעך, מיט אַ האַרטן „שין" און מיט אַ יידיש אונטערניגונדל. פון רעדן יידיש האָט ער נישט געהאַלטן. זיין שפּראַך איז געווען — פּויליש. נאָר איצט, צוליב דעם ברודער, האָט ער אַ גאַנצן אָוונט אונטערגעהאַנדלט אויף יידיש.

זענען זיי געזעסן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין.

פֿאַן הערצאָגים האָט געגנוי צעלייגט זיינע פּלענער. און מאיר האָט זיך געהאַלטן פֿונדערווייטנס. צום סוף, ווען אונטער די פֿענצטער האָט זיך געהערט וואַרפֿן דאָס נאַכט-גלעקל פֿון טויער, האָט מאיר געענטפֿערט דעם ברודער זיינעם, אַז אין עצם געפֿעלט אים דער פּלאַן, נאָר ער מוז זיך נאָך מיישב-זיין.

שפּעטער, ווען פֿאַן הערצאָגים האָט זיך געהאַט געזעגנט, איבערלאָזנדיק זיינע אויסגעוואַרעמטע ליפּן אויף דער שווענע-רינס פּוליכנע הענטל, האָט מאיר מיט צעברענטע פּלעקן אויף ביידע קינבאַקן געפֿרעגט זיין ווייב — ווי זי פֿאַרקוקט זיך אויף דעם גאַנצן ענין. האָט מלכּהלע געזאָגט, אַז לויט ווי איר דאַכט זיך, דאַרף עס זיין אַ גוט געשעפֿט. ערשטנס, איז עס אַ ברו-דער... ער וועט דאָך אים נישט גיין אָפּנאַרן. און צווייטנס, גייט ער דאָך אַריין אין אַ פּאַרטיק געשעפֿט.

איז מען אין אַ פֿרעסטלדיקן טאָג געפֿאָרן צום רעיענט. מאיר מיטן ברודער זיינעם, הערצאָגים. דאָרט האָט מען זיך פֿאַרבונדן אויף דריי יאָר. געמאַכט פּונקטן און פּונקטעלעך. פֿאַן הערצאָגים איז געווען רויק. מאיר האָט געשוויצט. און אַזוי — צווישן דער רויקייט און צווישן צעברענטע פּלעקן אויפֿן פּנים — האָבן ביידע ברידער אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך.

איז אָט שוין גאַנצע צוויי יאָר, מאיר בראָמבערג, דער וואַליוטע-הענדלער, וואָס זעט נאָך איצט אויס ווי ד"ר הערצל — איז שותּף אין דער פּאַפּיר-פֿאַבריק מיטן גרויסן פּירקאַנטיקן קוימען, וואָס וואַרפֿט אַרויס פֿון זיך פֿיר און צוואָנציק שעה אין מעת-לעת דעם אָטעם פֿון איינגעשוואַרצטע מענטשן מיט פֿאַרקאָפּטשעטע לונגען.

איצט פֿאָרט ער דאָס אַראָפּ אין געשעפֿט אַריין. הינטער די טראַמוואַי-פֿענצטער שטייען אין אַשיקן נעפּל פֿאַרגליווערטע מויערן מיט פֿאַרהויכטע שוי-פֿענצטער. גאַסן ליגן גרויע, אָפּגע-ריבענע פֿון ווינט. די טראַמוואַי-טיר רוקט זיך מיט רוגזה אויף און אַלע פּאָר מינוט שטופּט זיך עמיצער אַריין מיט אַן אויסגע-

קנייפט פנים, טראַגנדיק אין די פּאַלעס אַ שטייפע קעלט פון אויסגעטרוקנטע טראָטואַרן.

אַקעגנאיבער מאירן זיצט אַ יונגע דאַמע מיט טונקל אונטער־געפאַרבטע אויגן. מאיר האָט די דאַמע איצט נישט אין זינען. אויפן האַרץ בא איס „זשענזשעט" און פייפט, אַזוי ווי עמיצער וואָלט געבלאָזן אין אַ העלזל פון אַ גאַנז. אים דאַכט זיך, אַז אָט וועט זיך אין אים עפעס אַ ריס טון און ער וועט אויס־שפייען די גאַנצע לונגען. זיצט ער אומרויק, אַזוי ווי איינער, וואָס דאַרף אַ ניס געבן און קאָן נישט. ער איז אָנגעשטרענגט. דאָס וואַרט ער — עס זאָל זיך דאָרט אינעווייניק אָנזאַמלען אַ שפּאָר ביסל לייכעץ — וועט עס אים אַ שטיק־טון אין האַלז, דעמאָלט וועט ער לייכטער אָפּהוסטן און דאָס „זשענזשען" וועט אויפהערן.

ציט ער דעם אָטעם, ביז עס גיט אים אַ קום אָן אַ מאָד־נע ענגשאַפט אין שלינג־רערל. עס גיט אַ שטיק און ער קריגט אַ פול מויל מיט פלעגמע. שפייט ער עס אַריין אין טיכל און באַרויקט זיך.

דער טראַמוויי שניידט די גאַסן מיט אַ שטאָלענער אכזריות־דיקייט. ס׳שווינדן שילדן מיט נישט דערלייענטע נעמען. גרוי־סע שוי־פענסטער האַלב אין פראָסט, האַלב אין פאַרהויכטקייט. פון אַ מויער אַרויס הענגט אַ זייגער אין גאַס אַריין אויף הפקר מיט אַ פאַרשנייט האַלב ציפערבלאַט. ס׳לויפן פאַרביי פּראָפילן פון יונגע דאַמעלעך מיט שפּיץ־נעזעלעך אין פוטערנעם קאָל־נער אַריין. אַקעגנאיבער מאירן זיצט שוין איצט עפעס אַן אַלטער עמעריט און קוויקט זיך מיט דער פאַרע, וואָס גייט פון זיין אייגן מויל. מאיר האָט נאָך לאַנג צו פאָרן. אויפן האַרץ האָט אויפגעהערט צו „זשענזשען". אין די פיס פילט ער די וואַרעמע ווייכקייט פון אויסגעבעטע שיך. זיצט ער און זאָרגט.

און צו זאָרגן האָט מאיר בראָמבערג די לעצטע צייט מער, ווי אַלע יאָר פון זיין גאַנץ לעבן. אַלע זיינע יאָרן איז מאיר בראָמבערג געווען אַליין באַלעבאָס. אַליין פאַן בראָמ־בערג. איצט איז ער געוואָרן אַ שותף. און אַ שותף נישט מער

ווי צום ריוח. אַלץ, וואָס די פּאַפּיר־פּאַבריק פּאַרמאָגט — דער לעבעדיקער און טויטער אינוועטאַר מיט אַלע מאַשינען, אַלע איינריכטונגען — דאָס אַלץ געהער דעם ברודער זיינעם.

איז מאיר נישט צופרידן. ער פילט זיך אַזוי ווי פאַר־רוקט אָן אַ זייט. עפּעס גייען דאָרט מאַשינען אָן אים. דער רויך פון קוימען ציט זיך אָן אים. און אפילו פאַרדינען פאַר־דינט מען אויך אָן אים.

ערשט איצט גיט ער זיך אָפּ אַ קלאָרן חשבון, אַז דאָס שותפות, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין יענעם ווינטערדיקן אויפ־דערנאַכט, ווען זיין ברודער הערצנים איז אַזוי שטיל אַריינגעגע־קומען צו אים אין שטוב און אַזוי שטיל אַ קוש געטון זיין ווייב מלכהלען אין פולכנעם הענטל אַריין — אַז דאָסדאָזיקע שותפות איז געמאַכט אָן אים. אמת, ער האָט טאַקע אונטער־געשריבן, אַריינגעלייגט קאַפּיטאַל, נעמט אַרויס ריוח, נאָר ער איז דערביי נישטאָ. וואָרום אַז אַ מענטש, נישט קיין פאַכמאַן, שטייט־צו צו אַ געשעפט, וואָס ער קאָן נישט, איז ער נישטאָ דערביי. כאָטש ווען ער וואָלט זיך מער אָפּגעגעבן מיטן גאַנג פון דער פאַבריק און וואָלט אַזוי אַריינגעלייגט דעם גאַנצן חוש, ווי עס לייגט אים אַריין דער ברודער זיינער, וואָלט ער געווען דער אייגענער חכם, וואָס יענער און אפשר נאָך אַ גרעסערער. נישט מער, ער איז אַ קראַנקער מענטש און „ס'זשענזשעט" אים אויפן האַרץ. אינדערפרי מוז ער היטן די פּאָרציע „ווישי" מיטן פראָשעק. גיין גיך טאָר ער נישט. אַרבעטן שווער — אַוודאי נישט, — האָט ער עס אָפּגעלאָזט. פירט עס זיך אָן אים. שרייבט מען דאָרט אין די ביכער וואָס מען וויל און ווי אַזוי מען וויל. ער, מאיר, קען זיך נישט אַזוי געניי אויף דעמ־דאָזיקן שרייבעכץ. ער פילט אָבער, אַז מען שרייבט דאָרט צו־פיל, אָדער גאָר צו ווייניק. דער ברודער זיינער, פאַן הערצנים, איז אַ מענטש, וואָס די גאַנצע וועלט שטייט בּאַ אים אויף פּרינציפּן. אָן אַ פּרינציפּ רירט ער זיך נישט פון איין טיר אין דער צווייטער אַריין.

האָט ער אַ פּרינציפּ, דער ברודער זיינער, צו ווייזן אַלע

שבת דעם שותּף די ביכער. זאָל ער, מאיר, זען וואָס מען שרייבט אין זיי.

האָט אָבער מאיר קיין האַרץ נישט צו די דידאָזיקע בי־כער. ער זעט ציפֿערן, אָנגעשטאָפּט ווי פֿליגן. קוקט אויף זיי, זיי – אויף אים, און ווייסט נישט – צי זענען דאָס זיינע ציפֿערן, צי האָט מען זיי פֿון ערגעץ־ווו אַרויסגעשלעפּט און אַריינגעשטעלט.

דער בוכהאַלטער, אַ יונגערמאַן אין ברילן, מיט מלמדי־שע העויות, גיט אים צו פֿאַרשטיין דעם שכל פֿון דעבעט און פֿון קרעדיט, אָבער ער, מאיר, זעט נישט מער, ווי יענעמס באַברילטע נאָז, זיין וואַרפֿן מיט די הענט בשעתן רעדן. און אין זינען האָט ר׳ מאיר, אַז אַט דערדאָזיקער בוכהאַלטער, וואָס קען זיך אַזוי געשיקט אויף די ציפֿערן, מוז זיין אַ גרוי־סער שלימזל, אַז נישט – וואָלט ער נישט געוואָרן בוכהאַלטער און וואָלט אים נישט געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם דעבעט מיטן קרעדיט.

פֿונדעסטוועגן הערט ער אים אויס. שאָקלט־צו מיטן סאַ־מעטענע בערדל און גייט־אַוועק אַ קאַלטער. דעם בוכהאַלטערס דרשה העלפֿט נישט. מאיר ווייסט איינס – אַז דעם גרעסטן פּראָצענט ריוח נעמט־צו דער ברודער. די רעשט בלייבט פֿאַר אים. אָפּגעמאַכט אַזוי דעמאָלט באַם רעיענט. ער, מאיר, האָט עס אונטערגעשריבן. בלייבט אים נישט מער ווי צו קוקן און שווייגן.

שווייגט ער אַזוי און טראַכט: אַז וואָס וועט זיין, ווען דער קאָנטראַקט וועט זיך ענדיקן און ער וועט מוזן אַרויס פֿון געשעפֿט. הערצנים האָט זיך שוין איצט אַזוי אויפֿגעשטעלט אויף די פֿיס, אַז ער וועט נישט וועלן, מאיר זאָל ווייטער בלייבן זיין שותּף. וועט ער אים אויסצאָלן דאָס ביסל געלט, וואָס אים וועט קומען. און מיט דעם וועט ער, מאיר בראָמ־בערג, דער גרויסער וואַליוטע־סוחר, דער געוועזענער באַנקיר אַרויס־גיין אין גאַס אַריין.

– וואָס זשע ווייטער?

נאָך אַ הויז וועט ער שוין דעמאָלט נישט קאָנען קויפֿן. איצט איז אים געלונגען. דאָס הויז אויף פּיענקנע גאַס איז אַ

ווילדע מציאה. אַ ראָג אין צוויי גאַסן אַריין. פיר און צוואָנציק פענסטער פראָנט.

האָט ער טאַקע הנאה פון דאָזיקן הויז. ס'איז די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט פאַראיבעריקט פון שותפות. איז — אַז ער וויל אַ ביסל פאַרגעסן אָן דעם הודזשען פון די מאַשינען, אָן דעם בוכהאַלטערס דרשות און אָן זיין ברודערס פרינציפן, קלייבט ער זיך אויס אַ טאָג אַ טרוקענעם, נעמט דאָס שטעקעלע מיטן ביינערנעם הענטל און בנעימותדיק, ווי אַ גביר שבת נאָכן עסן, גייט ער זיך אַ ביסל איבער מיט באַלעבאַטישע טריטלעך צום הויז זיינעם אויף פיענקנע גאַס.

ער שטעלט זיך אַוועק אויפן ראָג פון ביידע גאַסן, פאַררייסט דאָס צוגעקעמטע בערדל צו די פיר און צוואָנציק פענסטער פראָנט און רעכנט וויפיל עס האָט געקאָסט און וויפיל מען וויל אים איצט געבן. קוקן די פיר און צוואָנציק פענסטער אַראָפ צו אים, צום שוואַרצן יידל מיט דער הויכער פלייצע, וואָס טראָגט אויסגעבעטע שטיבלעטן, האָט אַ הייזעריק קול און געלעכערטע לונגען. קוקן זיי און וווּנדערן זיך, וואָס אַזאַ מסופּנדיק יידל האָט צו שאַפן איבער זיי. הייסט זיי מאָלן, טונקעווען, פּזרריכטן — אָט דאָס סאַמעטענע יידל, וואָס איין ציגל פון דערדאָזיקער רחבותדיקער געביידע וועט אים צען מאָל איבערלעבן.

נאָר מאיר בראָמבערג פאַרשטייט נישט, אַז הייזער קאָנען טראַכטן. שמייכלט ער צו די פענסטער און האָט הנאה פון דעם, וואָס דער סטרוזש ציט פאַר אים דאָס היטל און רופט אים — „פּאַניע גאָספּאָדאַזשו!" פון דעם, וואָס באַ אים אין הויז איז דאָ אַן אַפּטייק מיט אַ גרויס קלאָר שוי-פענסטער און פון דעם, וואָס אין דעם אייגענעם הויז וווינט דער פּראָקוראָר פון געריכט און אַן אַלטער מאַיאָר.

דאָ, אין זיין הויז, פאַרגעסט מאיר אָן דער טעגלעכער פּאָרציע „ווישי", אָן די דאגות פון שותפות. פאַר גרויס פאַרגעניגן גייט ער אַרום עטלעכע מאָל די מויערן פון איין גאַס אין דער צווייטער. דער סטרוזש מיטן היטל אין דער האַנט דרעפּ-

טשעט אים נאָך. עפּנט זיך אויפן ערשטן שטאָק אַ טיר פון אַ באַלקאָן-פענסטער און ס'קומט אַרויס אַ יונגע, בלאָנדע דאַמע,— צאַפּלען אויף די גלוסטיקע אויגן און ס'דאַכט זיך אים, ר' מאירן, אַז אָט דידאָזיקע דאַמע אין לייכטן פעניואַר קוקט אַראָפּ צו אים — צום ווירט פון דאָזיקן הויז און איז אים מקנא, וואָס ער און נישט קיין אַנדערער פאַרמאָגט אַזאַ געביידע אין ראָג פון צוויי גאַסן מיט פיר און צוואָנציק פענסטער פראָנט.

מעגן די דאָקטוירים זאָגן וואָס זיי ווילן, ער לאַכט פון זיי. אָט זענען שוין אַריבער די פערציקער... אַ הויז האָט ער און צו אַזאַ הויז דאַרף מען לעבן. און זאָל דער ברודער זיינער נישט רעכענען, אַז ער וועט אים אַזוי גיך פּטור ווערן. ער, מאיר, וועט יענעם איבערלעבן, כאָטש הערצאָגים מיינט, אַז ער האָט שוין אָנגעכאַפּט די וועלט באַם גאָרגל.

דערפאַר טאַקע קאָן מאיר נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער — אַזאַ איבערגערעכנטער מענטש, וואָס האָט כל ימיו שווער „גע-אַרבעט" אויף זיין קאַפּיטאַל — איז געגאַנגען און אַריינגעלייגט זיך מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט.

נישט אַנדערש — ער איז אין יענעם ווינטערדיקן אויפ-דערנאַכט נישט געווען באַם קלאָרן זינען.

אַז אַליין איז דער היינטיקער פאַן הערצאָגים געווען אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט. ער, מאיר, האָט קיינמאָל נישט גע-האַלטן פון אים. נאָך דעמאָלט, ווען זיי זענען ביידע געווען אין דער הייב באַ טאַטע-מאַמע, איז מאיר געווען אַ געלאַסע-נער, געלערנט באַ אַ גמרא-מלמד; שפּעטער — אין שטיבל. און הערשל, דער היינטיקער הערצאָגים איז אַרומגעלאָפן אין די גאַסן. אויפגעכאַפּט זיך אויף אַלע פורן און אָנשטאָט צו גיין אין חדר אַריין, האָט ער זיך פאַרקליבן אין אַ הויף, וווּ ס'שטייען פּע-סער פון צוקער און אָפּגעלעגן אין די פעסער, ביז מען איז געגאַנגען פון חדר. אַזאַ תכשיט איז ער געווען, דער היינטי-קער פאַן הערצאָגים.

אַז ער איז אַלט געוואָרן זעכצען יאָר דער דאַמאָלסדיקער הערשל, איז ער אַוועקגעגאַנגען פון שטוב. ער וויל נישט זיצן

אויפֿן טאַטנס פּלייצעס, האָט ער געזאָגט. ער, מאיר, איז שוין דעמאָלט געווען חתן. דער טאַטע איז געל געוואָרן פֿאַר צער. הערשלען האָט עס געאַרט, ווי דעם פֿאַריאָריקן שניי. איז מען געקומען דערציילן, אַז הערשל, זאָל געזונט זיין, האָט שוין אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך ס'לאַנגע קאַפּאָטקעלע, גייט שוין „דייטש", אַרבעט עפּעס אין אַ געשעפֿט און שרייבט שבת.

האָט דער טאַטע געשיקט צו אים מאירן.

— האַ, הערשל, וואָס מאַכסטו לייטיש געלעכטער?

האָט הערשל געענטפֿערט, אַז ער וויל נישט ווערן קיין באַנק-קוועטשער אַזוי ווי ער, מאיר, — און זאָל ער גיין געזונטערהייט, מאיר...

געדענקט ר' מאיר, אַז דעם טאַטנס פּנים איז געוואָרן געריבצלט. עפּעס האָט ער געקריגן אַ בייזן קנייטש אין די נאָזווינקלען; און די אַסטמע, וואָס האָט אים געהאַט אַ צייט אָפּגעלאָזט — האָט אים צוריק גענומען פּייניקן.

דערנאָך איז אינגאַנצן קיין הערשל נישט געווען. ער, מאיר, האָט שוין געהאַט חתונה געהאַט.

מלכהלע האָט שוין געטראָגן. געדענקט ער, אַז ווען ער איז אַמאָל צוריקגעקומען פֿון פֿרישע לופֿט, איז מען אים אַקעגנגעגאַנגען מיט אַ בשורה, אַז דער ברודער זיינער, הערשל, זיצט. אַז ער הייסט שוין מער נישט הערשל, נאָר „טאָוואַזשיש הערצנים." געכאַפּט אים אין גאַס מיט דער פֿאָן און אַריינגעפּאַקט אין חד-גדיא.

זיצט ער זיך דאָרט אונטער די פֿאַרקראַטעטע פֿענסטער. און די יונגע שוועסטער זייערע, חוהלע, וואָס איז אויך געווען אַ פֿרעמדע אין שטוב און מיטן אייגענעם טאַטן נישט געוואָלט רעדן קיין יידיש — טראָגט אים עסן.

שפּעטער איז חוהלע אויך אַוועק פֿון שטוב. אויך נישט געוואָלט ליגן אויפֿן טאַטנס פּלייצעס. האָט די מאַמע געמאַכט אַ געוואַלט:

— ס'טייטש, אַ יידישע טאָכטער גייט וווינען פֿאַר זיך?

האָט זי איר געענטפֿערט, די היינטיקע פֿאַני שטערן — אַז זי איז נישט קיין יידישע טאָכטער.

איצט, ווען דאָס אַמאָליקע שוואַרצע חוהלע איז געוואָרן פאַני עוואַ שטערן, און דער ברודער אירער, פאַן הערצאָנים, האָט זי צוגענומען צו זיך אין געשעפט אַריין און האָט איר איבערגעגעבן די גאַנצע דעה, געדענקט מען נישט, אַז אַמאָל איז מען געזעסן אין קרימינאַל, אַז מען האָט געטראָגן טעפּ־לעך עסן. און ווען נישט ער, מאיר טאַקע, וואָלט דאָס פאַר־דאַרטע חוהלע אַפילו נישט חתונה געהאַט.

היינט געדענקט מען דאָס נישט. פאַני שטערן האַלט, אַז טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן זי געהאַט, זענען נישט געווען אירע טאַטע־מאַמע. אַז מאיר בראָמבערג איז גאָרנישט אירס קיין ברודער. עפּעס איינער, מאיר, וואָס איז צוגעשטאַנען צום שותפות, מער גאָרנישט.

האָט זי טאַקע איינגעפירט, דאָס שוואַרצע חוהלע, אַז אום רופט זי נישט אַנדערש ווי מאיר, און הערצאָנימען — פאַן בראָמבערג.

— פאַן בראָמבערג איז פאַרנומען. פאַן בראָמבערג וויל נישט. פאַן בראָמבערג האָט געזאָגט...

און וועגן אים.

— מאיר איז שוין דאָ? וואָס רעדט ער אַזוי פיל, דער מאיר?

פון תמיד־אָן האָט מאיר זי פיינט. נאָך דעמאָלט, ווען זיי זענען געווען אין שטוב און זי האָט צום טאַטן נישט גע־וואָלט אַנדערש רעדן ווי פויליש, האָט מאיר זי געווייכט. עפּעס איז זי געגאַנגען אויף אַ פּענסיע צו אַן אָפּגעקומענעם דאָקטאָרס אַ ווייב. זי האָט פיינט געהאַט די שטוב. אַרומגע־קריגט זיך, און אים, מאירן, האָט זי גערופן „זשידלאַק“... טאַטע־מאַמע האָבן געבעטן אויף איר טויט. פלעגט זי זיך רייצן מיט זיי — אַז זיי אויף להכעיס וועט זי אַלע איבער־לעבן. איצט זיצט זי אין געשעפט. איז מער תקיף ווי הערצאָנים, און שטילערהייט וואַרפט זי נאָך צו מאירן:

— זשידלאַק!...

קאָן ער נישט קוקן איר אין פּנים אַריין. זיין שנאה צו־

איר איז אַזוי גרויס, ווי די שווינדזוכטיקע גלוסטיקייט, וואָס ברענט באַ אים אין די אויגן צו ווייך-אויסגעבעטע ווייבער. פּונקט אַזוי ווי ער קאָן זיך נישט אָנזעטיקן מיט יענע, אַזוי שטילט נישט באַ אים אויף קיין איין רגע די פיינטשאַפט צו דער שוועסטער.

ער האָט זי, זאָגט ער, נישט פיינט. דאָס האָט זי אויסגעטראַכט. ער האָט זי נאָר נישט ליב. אָט אַ שטייגער, ווי מען האָט נישט ליב קיין חזיר. אַז מען זעט, ווי מען הרגעט אַ חזיר, אַרט נישט.

מאיר האַלט, אַז ווען נישט זי, וואָס אי׳ז תּמיד דאָ מיט אירע זייטיקע, שטענדיק עפּעס אויסנדיקע עצות, וואָלט אין יענעם רעגנדיקן נאָכמיטאָג דעם ברודער זיינעם נישט איינגע-פאַלן צו פאַרטראַכטן דאָס שותּפות.

ער שטעלט זיך פאָר, אַז אין יענעם רעגנדיקן נאָכמיטאָג איז זיין שוועסטער חוהלע אַריינגעגאַנגען צום ברודער אין קאַבינעט. זעענדיק, ווי ער קוקט אַזוי אין גרויען דרויסן אַרויס און דער קוימען שטייט ווי אַן אָפּגעקומענער גביר — האָט זי אים אַ זאָג-געטון, גלאַט אַזוי אַ זאָג-געטון, אַז זי האָט געהערט דאָס מאיר איז אַ גרויסער גביר געוואָרן. און זינט מען האָט צוגענומען די קאָנצעסיעס אויף „וועקסל-שטובן", זיצט ער אָן אַ געשעפט.

האָט פאַן הערשאַנים גרוי אַ קוק-געטון אויף זיין שוועס-טער. דער ליידיקער קוימען מיטן כמורנעם רעגנדיקן דרויסן האָבן זיך אַזוי ווי נענטער צוגערוקט צום פענסטער. פאַן הע-ראָנים האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ווייכער שטול, פאַר-טראַכט זיך. און אַזוי ווי אַ טבע האָט ער געהאַט גיך צו באַ-שליסן און גיך אויסצופירן, איז דער פּלאַן פון שותּפות גלייך פאַרטיק געוואָרן.

און אָט זיצט איצט מאיר בראָמבערג אין דער פאַפּיר-פאַבריק, ווו דער קוימען זעט שוין אויס אַן אויפגעריכטער, ווו דער הויף איז פול מיט פערד און-וועגן און ס׳פילט זיך שווייס פון מענטשלעכע לייבער. ער זיצט דאָ ווי אַן איינגעבעטענער. און דער ברודער, וואָס האָט זיך אַזוי שטילערהייט אַריינגעשאַרט

צו אים אין שטוב, טראַכט שוין איצט, ווי אַזוי פון אים פּטור צו ווערן. דאָס שוואַרצע חוהלע ווידער, וואָס איז דעמאָלט באַלד נאָכן שותּפות געקראָכן אים אונטער די נעגל, האָט איצט געקריגן אַ זיכערע שטים. זי רעדט שוין נישט, נאָר באַפעלט. זי איז דער דופק פון געשעפט. איר גלויבט מען. אַז פאַן הערענים דאַרף עמעצן אָנשייגעצן, אָדער אָפּזאָגן פון דער אַר־בעט, רעדט ער דורך איר. אַז פאַן הערענים דאַרף עפּעס וויסן, ווערט ער געוווּיר דורך איר. ער, מאיר, ווייס פון גאָר־נישט, אים דערציילט נישט פאַני עווא. אים האַלט זי פאַר אַ מין בחינמדיקן פּרעסער, וואָס האָט זיך אַהער מיט געוואַלט אַריינגעריסן און נעמט אַרויס געלט, וואָס אים קומט נישט.

אַנומלט האָט אין קאַבינעט אַ פרעמדער סוחר געראויכערט אַ ציגאַר. די שטאַרקייט פון רויך האָט מאירן געגעסן אין האַלדז. האָט ער איבערגעלאָזט דעם סוחר מיטן ברודער זייגעם און אַליין איז ער געגאַנגען אין ערשטן צימער, ווו עס אַרבעט דאָס פּערסאָנאַל.

ר' מאיר האַלט, אַז צום פּערסאָנאַל דאַרף מען זיין צוגעלאָזן.

— וואָס זענען זיי נעבעך שולדיק, אַז זיי דאַרפן אַרבעטן באַ יענעם?

האָט ער ליב אַריינצוגיין אין דער בוכהאַלטעריע, אַוועקזעצן זיך, זאָגן אַ חכמהלע, דערציילן עפּעס און הנאה האָבן פון דעם, וואָס דאָס פּערסאָנאַל האָט אויך הנאה.

דער טאָג איז געווען אַ קלאָרער. אַ קאַנטיקע זון איז געשטאַנען אויף אַ האַלבן סופיט. האָט עס מאירן צעוואַרעמט. ער האָט זיך ברייטלעך אַוועקגעזעצט, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע פּערסאָנאַל זאָל אים זען. און גענומען דערציילן עפּעס אַ מעשה וועגן אַ ווייבל, וואָס איז געפאָרן צום רבין מכּוח קינדער.

איז געזעסן דער בוכהאַלטער מיט די גאָלדענע ברילן און זייטיק אַריינגעשמייכלט אין די אויסגעווייסטע בלעטער פון צעלייגטן בוך. האָט דער קאַסירער אַריינגעציילט זיינע שמייכ־

לען אין די פעקלעך פּאַפּיר-געלט. בלויז ר׳ מאירס שוועסטער, פּאַני עוואַ שטערן, איז געזעסן אַ פאַרשלאָסענע איבער אירע קאַסע-אַסיגנאַציעס און נישט דורכגעלאָזט פונדעסטוועגן קיין איין אות פון מאירס ווייבל מיטן רבין.

נאָר אַזוי ווי אַלע מעשיות, וואָס ר׳ מאיר האָט דער-ציילט, האָבן זיך שטענדיק געענדיקט מיט דעם, וואָס ער האָט געמוזט ווערן אַ שותף אין דער פאַבריק, איז ער דאָסמאָל אויך אַריבער אויף דערדאָזיקער שוואַכער זייט זיינער. אַז ער איז שוין דאָ געווען, האָט ער שוין אין איין וועגס אָפּגעטרעטן באַ דער שוועסטער זיינער.

האָט ער ווידער איבערגעחזרט זיין אַלטע חכמה, אַז זי, פּאַני עוואַ שטערן, איז גאָר זיינס קיין שוועסטער נישט. ס׳איז געשען אַ טעות. געזאָלט האָט גאָר געבוירן ווערן אַ יינגל. איז זיך מיישב חוהלע, אָט די אייגענע פּאַני עוואַ, און אַנשטאָט אַרויסצולאָזן דאָס נייע ברודערל, גיט זי זיך אַ רוק-צו — און אָט איז זי דאָ... כע-כע-כע... נישט אמת, עוואַ?

נאָר פּאַני עוואַ ווערט אַנגעצונדן. אַ פייכטע שלאַם גליטשט זיך איר צווישן די ציין. זי וויל געבן אַ כראַקע-אויס אין סאַמעטענעם בערדעל אַריין. ר׳ מאיר באַמערקט עס ווערט זיין שמייכעלע נאָך ברייטער און עפּעס הויבט ער אָן אומרויק צו דרייען זיך אויף דער שטול.

פּאַני עוואַ אָבער האַלט זיך איין. זי הויבט נאָר גע-לאַסן אויף דאָס קעפּל און אויך מיט אַ שמייכעלע ענטפערט זי אים:

— אויב עס געפעלט אים נישט די שוועסטער, קאָן ער זיך אָפּזוכן אַן אַנדערע. און ווי ס׳זאָל דאָרט נישט זיין — צי זי איז יאָ זיינס אַ שוועסטער, צי נישט — ער אירס אַ ברו-דער איז אודאי און אודאי נישט...

האָט מאיר מיט אַ כאָרכלדיק גרימאַסעלע צוריק געענט-פערט, אַז

— פאַרקערט, זי געפעלט אים זייער גוט, נאָר אַ שוועס-טער וואָלט ער געוואָלט האָבן אַן אַנדערע.

גראָד איז אין קאָנטאָר אַריינגעפאַלן דער מאַגאַזינער, אַ הויך-געשניטענער יינג מיט אויסגעגלייכטע אַקסלען. פאַני עוואַ העקלט זיך מיט אים שטענדיק, און העקלענדיק זיך, האָט זי ליב צו הערן זיינע קאָמפּלימענטן.

איז ער איצט אַריינגעפאַלן צום טעלעפאָן. ר' מאיר האָט אויסגעדרייט צו אים זיין סאַמעטן בערדל:

— נישט אמת, פאַניע אייזמאַן!

— וואָס?

— אַז פאַני שטערן איז אַ שיין ווייבל.

— ווי פאַר וועמען.

— אפשר וועסטו מיך לאָזן אַרבעטן? — איז פאַני עוואַס קול געוואָרן הייזעריקלעך — אַ סימן, אַז עפּעס האָט דאָרט אַ קלאַפּ געטון אין די אָדערן, און זי וויל נישט, מ'זאָל רעדן דערפון.

ר' מאיר האָט פאַרקנייטשט אַ שמאָל אַקסעלע און אויף די אויסגעוואַרעמטע גומענע אָפּצאַסלעך איז ער צוריק אַריין אין קאַבינעט. דאָ האָט ער זיך אַוועקגעזעצט באַם קאַנט פון טיש, ווו זיין שטענדיק אָרט איז געווען און געבעטן דעם קאָ-רעספּאָנדענט, אַ יונגערמאַן מיט אַ מילכיק פנים, וואָס האָט גע-קלאַפּט אין די שרייב-מאַשין אַריין, יענער זאָל אַביסל עפע-נען דאָס פענסטער.

האָט ער געאָטעמט מיטן זוניקן דרויסן, ר' מאיר, און איז צופרידן געווען, וואָס ער האָט אַ ביסל אַריינגעזאָגט דער שוועסטער זיינער.

דערנאָך איז אַריינגעקומען פאַן הערמאַנים, וואָס האָט אַרויס-באַגלייט דעם סוחר מיטן ציגאַר. די מאַשין האָט זיך טרוקן געבייזערט. פאַן הערמאַנים האָט עמעצן קורץ אָפּגעענטפערט דורכן טעלעפאָן.

איצט איז שוין גאָרנישט געווען וואָס צו טון. די צוויי ווייזערס זענען געשטאַנען, ווי אַ פאָר צעשפּרייטע פיס, איבער דער „דריי" אַריבער. האָט ר' מאיר אויסגעציילט אויפן טיש

אַ גלייכן מספּר געלט אויף אַ טראַמוויי-בילעט, גענומען ס׳שטע-קעלע און געזעגנט זיך.

צומאָרגנס, ווען ער איז אַריינגעקומען מיט זיין גליטשיקן גוטמאָרגן, וואָס אַ העלפט פון אים בלייבט תמיד אויף יענער זייט טיר — ווען ער האָט זיך אויסגעהוסט און גענומען דערציילן דעם ברודער, אַז די לעצטע צייט האָט ער געקריגן אַ מין קאָפּ-מישעניש, האָט אים פאַן הערצאָגים מיט אַ קאַלטער, גע-לאַסענער שטים איבערגעשלאָגן די רייד:

— וואָס איז די מעשה, וואָס ער, מאיר, דער שותּף פון געשעפט, זעצט זיך אַוועק אין מיטן טאָג דערציילן מעשיות און לאָזט נישט אַרבעטן די מענטשן.

האָט ר׳ מאיר אַ קוק-געטון מיט אַן אומרויק בלישטשל אין די שווינדזוכטיקע אויגן:

— אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. ווען האָט ער דאָס נישט געלאָזט אַרבעטן די מענטשן?

— אָט נעכטן, אין מיטן טאָג. וואָס איז ער דאָ אַ שותּף, צי אַ ליידיקגייער?

איז ר׳ מאיר שטיל געוואָרן. זיין שוואַרץ ערדיש פּנים האָט זיך אויסגעצויגן. מיט דער אויסגעהויקערטער פּלייצע האָט ער זיך געגעבן אַ הויב-אויף, אויפגעפּראַלט די טיר אין דער בוכהאַלטעריע אַריין און מיט אַ געהאַקט הייס קול אַריינגעשריגן:

— זרש! ווען האָב איך דאָס דיך נישט געלאָזט אַרבעטן?!

האָט זרש, די שוועסטער זיינע, אַראָפּגעשלונגען אַ קאַלט שמייכעלע און אויסגעשטעלט אַ פּאָר פרעמדע אויגן:

— ווער זאָגט עס, אַז ער האָט זי נישט געלאָזט אַרבעטן?

האָט עס נאָך מער אַ וואָרף-געטון מיט דער אויסגעהוי-קערטער פּלייצע פון ר׳ מאירן. דאָס וויטערדיקע געשריי איז אים שוין געבליבן פאַרשטעקט אין דער אָנגעקומענער פלעגמע.

אין קליינעם קאַבינעט אַריין זענען געפאַלן ברייטע סנאָ-פּעס ליכטיקייט. פאַרן פענסטער זענען פאַרבייגעגאַנגען צוויי שיקסעס און אַריינגעלאַכט אין דער אָפענער ליכטיקייט.

היינט אין דער פרי האָט זיך מאיר אויסגעצייכנט גע-

פילט. אויפן האַרץ האָט אים נישט „געזשענזשעט”. מלכּהלע האָט עפּעס זייער שטיל געדעדט צו אים. ווען זי איז נאָך געלעגן אין בעט, האָט ער געוואָרעמט די הענט בּאַ אירע אויסגעשלאָפענע בּריסטן. איז ער געקומען אין געשעפט אַריין אַן אויפגעלייגטער. האָט אָט דאָס מרשעת, די שוועסטער זיינע, נישט פאַרגינען אים. און ער, דער בּרודער, דער קלוגער קאָפּ, וואָס האָט אָנגעכאַפּט די וועלט בּאַם גאָרגל, האָט שוין גאָר־נישט פון וואָס צו זאָרגן, ווי נאָר וועגן דעם, אַז ער, מאיר, לאָזט נישט אַרבּעטן די מענטשן. זענען דאָך די מענטשן אַזוי זיינע, ווי הערצאָגנימס.

די זון האָט זיך געשטעלט אויף די אויבּערשטע צוויי שויבּן און אַריינגעקוקט מאירן אין די אויגן אַריין.

ער איז געזעסן אַן אָנגעצויגענער. געדרייט אַ בּלייפעדער צווישן די פינגער. האָט, ווייזט אויס, די זון אים צופיל געוואָרעמט, איז ער אויפגעשטאַנען פון עק טיש, און אַן אַ זיי־געזונט אַוועקגעגאַנגען.

אייגנטלעך, איז ר׳ מאיר צו אַזעלכע געשעענישן צוגע־וווינט. שוין צוויי יאָר, ווי אַלע פּאָר טעג הערט ער עפּעס אַנדערש. און אַלע פּאָר טעג גייט ער אַוועק אַ בּרוגזער. קומט נישט אַ שטיקל צייט, נאָר זיצט אין דער היים און וואַרט בּיז עס וועט איבּערגיין.

איז — אַז מאיר זיצט אין דער היים, דאַכט זיך, אַז די שטילע פּראָטעריטע צימערן מיטן טונקעלן מעבּל קורטשען זיך איין אין אַ בּרוגז שווייגעניש. ר׳ מאירס ווייכע, אויסגע־וואַרעמטע לאַטשן מיטן נאַסן לייכעטס, וואָס ער הערט נישט אויף פון זיך אַרויסצוואַרפן, דערמאָנען אין ווינטערדיקע אויפ־דערנאַכטן ערגעץ בּאַ פּאַרקאַנעס פון בּית־עלמינס.

ער טשאַפּעט אַרום פון איין גלאַנצנדיקן פּאַרקעט אין אַנדערן אַריין. קוקט דורך די קלאָר־אויסגעפּוצטע שויבּן אין אַ שווינדזוכטיק גערטנדל אַריין און האָט אַלץ אין זינען דעם גדלותדיקן קוימען פון דער פּאַפּיר־פאַבּריק, וואָס פאַרצערט און פרעסט אויף זיין שווער־אויסגעהאָרעוועטן גראָשן.

— האַ, מלכהלע, האָב איך דאָס באַדאַרפט?

מלכהלע ליגט אויף דער אָטאָמאַנע מיטן פּנים אַרויף. עפּעס איז מלכהלע לעצטנס נישט מיט אַלעמען. דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט גאַלשטיינער. ליגט זי איצט מיטן גרויסן ווייכן גוף, וואָס זעט אויס פּלאַטשיקער ווי אַלע מאָל און טראַכט ווּהין זי זאָל הייַנטיקן זומער פאָרן און וואָסער קלייד זי זאָל זיך לאָזן מאַכן.

אַז מען ליגט אַזוי מיטן פּנים אַרויף, בלאָנדזשען די אויגן איבערן טונקל-שטוקאַטירטן סופיט. זעט מען אויסגעמאָלט אַן אָפּגעבלאַקעוועטן גרינעם הימל מיט מיתה-משונה-וואָלקנדלעך, ווּ ס'האַלטן זיך אין די לופטן פּוכיקע מלאכימלעך מיט פעטע הינטער-חלקלעך. דערמאָנט זיך מלכהלע, אַז זי האָט אַמאָל געהאַט אַ טעכטערל, נעבעך געשטאָרבן. איז דאָס טעכטערל, איז — ווער ווייסט? אפשר שוועבט עס דאָ אַרום באַ איר אין שטוב צווישן די מלאכימלעך. און זי, די אָרעמע מאַמע, וואָס ליגט אַזוי מיד און אומגליקלעך, ווייסט אַפילו, נישט, וועלכעס עס איז.

ווערט איר סמוטנע, דער מאַדאַם בראָמבערג. זי דערמאָנט זיך, ווי שיין זי איז דאָס אַמאָל געווען און ווי מארו מיט די געלעכערטע לונגען האָט דאָס אַביסל אַ תל געמאַכט פון איר. אַ מאַנספּאַרשוין — משטיינס געזאָגט. הוסט, שפּייט און אַלע נאַכט וואָלט ער נאָר געוואָלט קומען צו איר. וואָלט זי כאָטש אַ קינד געהאַט... איז ער דאָך, נישט צו זינדיקן מיט די רייד, אַ שטרויענער צעלייגער... פאַבריקן... געשעפטן... דער טייוול ווייסט וואָס. זי מוז אָפּליגן אירע יונגע יאָר אין די שטיבן. זי מוז קוקן, ווי ס'לייב פאַלט פון איר שטיקערווייז און צו די צרות קריגן נאָך גאַלשטיינער.

— האַ, מאיר, איז עס רעכט אַזוי?

— וואָס? — פרעגט ר' מאיר אַ פאַרקוקטער אין די קלאָרע שויבן אַריין.

— כ'מיין דאָס, וואָס דו דרייסט זיך אַזוי אַרום.

— דאָס האָב איך דאָך דיר צו פאַרדאַנקען.

— מיר? וואָס עפּעס מיר?

— אודאי דיר. אַ קוש אין הענטל אַריין און ס׳עסק איז פֿאַרטיק.

— וואָסער קוש אין הענטל אַריין, וואָס רעדסטו, משוגענער?

— זאָל איך שוין משוגע נישט זיין. אַרויפגעקומען ס׳ברודערל. אויסגעפּוצט. פֿאַרדרייט די וואָנסעלעך. אַ קוש דער שווענערין און... אָפּגעשאָכטן מיך אויפן גאַנצן לעבן.

— אַ שוואַרצער בייזער חלום זאָל מיר אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפּ — קאָן שוין מלכהלע רויק נישט איינליגן און גיט זיך שווער אַ דריי אויס אויף אַ זייט מיטן פּנים צום פֿענסטער צו — כ׳פֿאַרשטיי נישט, וואָס דו ברומסט דאָרט אין די שויבן אַריין, מאיר.

— האָ, האָ — הערט ר׳ מאיר נישט אויף צו טענהן אויפן אויסגעפּוצטן גלאָז אַרויף — ער האָט געהאַט אַ קלוגן טאָטן, דאָס ברודערל מיינס. ער האָט געוווסט, ווי אַזוי מען מאַכט עס. קודם כל — אָפּסמען די הינט.

— אַ הונט ביסטו אַליין.

— אַז כ׳האָב דיך פֿאַר אַ ווייב בין איך אַ הונט.

— קאָנסט דיר לאָזן צוריקשפּילן.

— הלואי, וואָלט איך געקאָנט.

— ווער לאָזט דיך נישט?

— ווער ס׳לאָזט מיך נישט? און דו לעבסט דען נישט?

— פֿאַר מיר זאָל דיר דיין קאָפּ נישט דאַרן.

— ער דאַרט מיר אָבער פֿאָרט. ביסט דאָך, נעבעך, אַ קראַנק מענטש. גאַל-שטיינער.

מלכהלע דערפֿילט, אַז מאיר מאַכט חוזק. הויבט עס זי אונטער. זי גיט זיך ראַפּטום אַ זעץ אויף מיט אַ גרויס צעקנייטשט פּנים. דאָס גאָמבעלע ווערט טאָפּלטער און ציטערט אונטער.

בטבע איז מאַדאַם בראָמבערג נישט קיין שרייערין. נאָר ווי גוט מען זאָל נישט זיין און ווי מען זאָל נישט קאָנען שרייען — אַז מען זעט, ווי אַ מאַן שטייט אַזוי באַם פֿענסטער און קוקט אַרויס מיט אַ קאַלטער לונג און לעבער אין דרויסן

אַרויס און מאַכט נאָך חוזק—מוז מען זיך אַ ביסל אָפּשרייען פון האַרץ.

און מלכהלע בראָמבערג, וואָס איז אַן אָנגעזען מענטש אין עטלעכע „הכנסות-כלות״ און „תּומכי יולדות״ און אַז זי גייט אין גאַס שטעלט זיך נאָך אָפּ אַ יונגערמאַן און קוקט איר נאָך — אָט די אייגענע מלכהלע וואַרפט אַרויס פון זיך מיט כעס און פאַרביסנקייט:

— גואף! און ווער האָט מיר געמאַכט די גאַלשטיינער? אַזעלכע בליענדיקע יאָרן געפּטרט מיט גאָרנישט. מאַנספאַרשוין מיינער...

זעט ר׳ מאיר — ס׳איז שלעכט, אָט אָט וועט זי זיך צע-וויינען און ער אַליין וועט נאָך מוזן רוקן שיפלאָדן און דער-לאַנגען פלעשלעך מיט וואַלעריאַן-טראָפּנס, — גיט ער זיך אַ שאַר אַוועק פון פענסטער און מיט דער קלאָרקייט פון די אויסגע-פּוצטע שויבן אין ד׳אויגן גייט ער ווייך און גיך אַריין אין שלאָפצימער.

אין שלאָפצימער איז העל. די קרעם-גאַרדינען זענען פּו-נאַנדערגערוקט. פון די שפּיגלדיקע פענסטער פאַלט אין געהאַק-טע פאַסן אַ שטויביקע ליכטיקייט אויפן מעבל. דאָ האָט מאיר ליב אַריינצוקומען. אַז עס קומט אַמאָל עמעצער צו גאַסט ווייזט אים ר׳ מאיר דאָסדאָזיקע צימער און גיט צו מיט אַ הייזע-ריק געלעכטערל, אַז אָט דאָ קריגט ער זיך מיטן ווייב.

זיין שוואַרצע פיגור שניידט זיך שאַרף צווישן דעם מאַטן מעבל, וואָס איז געהאַלטן אין העלפאַנט-ביין-קאָליר און וואָס גיט צו דעמדאָזיקן גערוימען צימער אַ מין קרענקלעך אויסזען. דאָ איז ווייך, אַזוי ווי בא ר׳ מאירן אין די אויסגע-בעטע לאַטשן. איבער די בעטן הענגט אַ גרויסער אָפּגעשאָסע-נער גאָבעלין מיט עטלעכע פאַרצייטישע דאַמען. פון הינטער דער טיר אַפּער רוקט זיך אַרויס אַ בייכיקע אייזערנע קאַסע, וואָס ר׳ מאיר האָט געלאָזט אָפּשמירן אויך אויף העלפאַנט-ביין קאָליר

פילט ער זיך דאָ וואַרעמער. די טריט זיינע גייען פאַרלוירן אין גרויסן דיוואַן אויפן פאַרקעט. שפּאַנט ער אַזוי

אין דער קרענקלעכער ווייכקייט און באַרויקט זיך נאָכן ווייבס מענה-לשון. נאָר אַזוי ווי ער האָט סוף-כּל-סוף גאָרנישט וואָס צו טון, נעמט ער אַרויס די שליסלען פון קעשענע און עפנט געלאָסן די אייזערנע קאַסע.

קיין פרעמדע אויגן קוקן נישט. שטיל איז. דאַכט זיך, אַז מען איז ערגעץ אין אַ ווייטע הייל. צענעמט ר׳ מאיר די שווערע קאַסע-טיר, עפנט די קליינע טירלעך פון אינעווייניק און ווי אויף להכעיס דעם ווייב זיינעם, וואָס ליגט דאָרט אויף דער אָטאָמאַנע און האָט שוין אודאי געקריגן מיגרען — שטעלט ער זיך אַוועק אַ קאַלטער מיטן סאַמעטענעם בערדל אין דער אָפענער קאַסע און קוקט.

ס׳איז גוט אַזוי צו שטיין איינער אַליין באַם באַהאַלטע־נעם אוצר און פאַרגעסן, אַז ס׳איז דאָ אַ ווייב אויף דער וועלט, מיט אַ פּאַפּיר-פאַבריק, מיט אַ שוועסטערל אַ מרשעת. דאָס אויג גליטשט זיך איבער אַלט-מאָדישע גאָלדענע בעכערלעך, איבער גדלותדיק-זילבערנע לייכטערס, וואָס האָבן שוין פאַרגעסן דעם טעם פון די שבתדיקע טישן. ס׳איז גוט צו נעמען אין האַנט אַ שמאָל שטאַבקעלע גאָלד, אָדער אַ זילבערין וואַזעלע מיט אויסגעשניצטע, לויפנדיקע הירשן. ס׳גיט אַ קיצל אונטערן האַרץ-גריבל, ווען מען עפנט אויף אַ זיידן-אויסגעבעט שאַכטעלע און ס׳גיבן אַ גלאַנץ אין ערדענעם פּנים אַריין צוויי גרויסע ברי-ליאַנטענע „קעפּ״. אָדער ווען מען הויבט אויף אַ קעגן פענס-טער אַ לאַנגע שנור אָנגעגעסענע פּערל. שמייכלט דאָס סאַמע-טענע בערדל. שמייכלט צוריק די אָפענע קאַסע. נאָר — עפּעס קרום, אַזוי ווי מיט חוזק. ווערט איבער דער טבע. עס דאַכט זיך, אַז אַ טיר האָט אַ סקריפּ געטון. אַז אַן אויג האָט זיך איינגעשניטן אין דער שמאָלער שפּאַרע פון דער אָפּגעלענטער טיר.

גיט ר׳ מאיר זיך אַ וויג. מיט גיריקע הענט פאַרמאַכט ער צוריק דאָס זייד-אויסגעבעטע שאַכטעלע. לייגט ציטערדיק אַריין די פּערל, וואָס פאַלן באַ זיך אַראָפּ, ווי אין חלשות.

פאַרשליסט די קאַסע-טיר איינמאָל און נאָכאַמאָל און גייט צו־ריק אַריין צו זיין ווייב אין עס-צימער.

גייט מיט אים מיט אַ לאַנגער, נודנער טאָג. אין גע־שעפט דאָרט, טראַכט ער, דרייען זיך די מאַשינען. דער בוכ־האַלטער שרייבט. דאָס שוועסטערל זיצט באַם טעלעפאָן און פרעגט זיך אַפילו נישט, פאַרוואָס ער, מאיר, קומט נישט. און ער זיצט זיך גאָר אין שטוב מיטן שווייגנדיקן ווייב און וואַרט.

אויף וואָס וואַרט ער? עמעצער זאָל קומען. עמעצער זאָל אים איבערבעטן. מען זאָל אים זאָגן:

— מאיר, וואָס ביסטו עפּעס ברוגז? געלאָזט אַ געשעפט אויף הפקר, האַ, — מאיר?

קלינגט מען גראָד באַ דער טיר. אַז מען קלינגט אין מיטן טאָג באַ דער טיר, איז מאיר נישט צופרידן. שפּיצט ער אויף די אויערן און וואַרט. קומט אַריין דאָס שטוב-מיידל מיט אַ פּזמון, אַז אַ ייד מיט אַ באָרד פרעגט זיך צום הער.

ר׳ מאיר קאָן נישט פאַרטראָגן קיין שום יידן מיט בערד. ער ווייסט, אַז די אַלע יידן מיט בערד, וואָס קומען אין מיטן טאָג, זענען שלעפּערס. און שלעפּערס האָט ער פיינט.

באַפעלט ער מיטן שטוב-מיידל, אַז ער איז נישטאָ אין דער היים. קומט זי אָבער צוריק, אַז יענער וויל נישט אַוועק־גיין. ער איז געווען, זאָגט ער, אין פאַבריק, האָט מען אים געשיקט אַהער. דער פאַן איז אין דערהיים.

טאַפּט ר׳ מאיר אָן די קאַסע-שליסלען, וואָס ליגן באַ אים אין קעשענע. גיט אַ בליק אַריין אין שלאָפצימער צו דער קאַסע. מאַכט אַ פּנים פון אַ ליידנדיקן מענטש און שטעלט אַרויס אַ האַלבע באָרד אין פאָדערצימער אַריין:

— וואָס האָט איר געוואָלט ר׳ ייד?

רוקט זיך דאָרט צו אַ פאַרוויקלטער פאַרשוין מיטן היטל אין דער האַנט. אין דער טונקלקייט פון קאָרידאָר פאַלן נישט-דרייסטע, שנאַפּלדיקע ווערטער וועגן עפּעס אַ טאָכטער, וואָס עמעצער דאַרף חתונה מאַכן.

טאַפּט זיך ר׳ מאיר בײַ דער קעשענע און ענטפערט אין דער טונקלקייט אַריין, אַז ער קאָן גאָרנישט העלפן. וויי-ניק חברות פאַרמאַגט וואַרשע? ער, מאיר, האָט וועמען צו געבן. געגנוג אייגענע.

בלייבט דאָרט דער ייד שטיין מיט אַ נישט פאַרענדיקטן געדאַנק צווישן דער צונג. און מאיר האָט שוין אַוועקגענומען די האַלבע באָרד פון דער אָפּגעלענטער טיר. ער זיצט שוין אַ ווייכער, אַ הוסטלדיקער בײַם טיש און קוקט אַריין אין דער אָוונט-צייטונג, וואָס מען האָט ערשט נישט לאַנג געבראַכט.

ס׳איז נאָכמיטאָג. פרוי בראָמבערג האָט היינט אַ זיצונג אין עפּעס אַ „חולה-נופל"-חברה. שטייט זי בײַם שפּיגל און פאַרדרייט די שוואַרצע לעקעלעך בײַ די אויערן. דער גרויסער באַגילדעטער אומרו פון זייגער טיקעט, אַזוי ווי ער וואָלט גע-כאַפּט אַ דרימל נאָכמיטאָג. ר׳ מאיר האָט שוין דורכגעקוקט די קורסן פון דער בערזע און לייענט איצט אַ מעשה מיט אַ שנאָרער, וואָס איז כּלומרשט אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, און אין אמתן האָט ער גאָר געגנבעט. טראַכט ער, ר׳ מאיר, אַז מיט די אָרעמע לייט איז גאָרנישט אויסצוהאַלטן. קאָרג אייגענע, דאַרף ער נאָך פרעמדע. אָט איז נעכטן ווידער גע-ווען איטשע. גיב אים. ווי לאַנג איז גאָר, אַז ער האָט אים גע-געבן. און דער קליינער אַבראַמעק הערט נישט אויף צו קריכן אַלע טאָג. באשר — מען וועט אים אַרויסוואַרפן פון דער שול. וועט מען אים אַרויסוואַרפן. זיין שוואָגער האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן קינדער, מוז ער, מאיר, צאָלן פאַר זיי שכר-לימוד.

אַ מאָדנע יינגל, דער אַבראַמעק. זופט מיט דער נאָז. פאָנפעט עפּעס. און דאָס שטוב-מיידל האָט כּסדר צו ווישן נאָך אים די פּאָדלאָגעס. קומט ווידער איטשע, האָט ער אויך אַ טבע אַריינצוקריכן מיט די פאַרבלאָטיקטע שיך.

אַ מיאוסע אומה, די אָרעמעלייט. נאָר גיב און גיב... ווי לאַנג איז דער שיעור?...

איטשע, ר׳מאירס דריטער ברודער, האָט נישט קיין פאַב-ריק פון פּאַפּיר און נישט קיין קאַסע אויף העלפאַנט-ביין גע-

מאָלט. איטשע איז אַ יונגערמאַן אַ שטשופּלער מיט אַ צעשניטן פּנים. אַ הייזעריקער, אַזוי ווי מאיר און מיט גרויסע צעברענטע אויגן.

אין די יידישע גאַסן האָט איטשע אַ שפּייז-געוועלבל, אַ הויך ווייב מיט קראַנקע אויגן און פיר קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין.

אַליין איז ער שוין געווען ניין און ניינציק מאָל אויף יענער וועלט. ניין און ניינציק מאָל האָט מען אים שוין געשניטן דאָס פּנים צוליב דער פּלעגמע, וואָס האָט נישט קיין אויסגאַנג און שלאָגט דעריבער אַרויס אין פּנים אַריין.

האָט ער נישט קיין פּרנסה, דערדאָזיקער דריטער ברודער פון די בראָמבערגס. ער, צוזאַמען מיטן געוועלבל און מיטן הויכן ווייב. קומט ער פון צייט צו צייט צו די ברידער זיינע, זיי זאָלן אַרויסהעלפן.

שטייט ער אין ערשטן צימער פון קאַנטאָר און וואַרט, עמעצער זאָל אַרויסקומען צו אים פון קאַבינעט.

מאַדאַם שטערן, די שוועסטער זיינע גיט אים פון איר טיש אַוועק אַ שאָקל מיטן קאָפּ און פרעגט, נישט אויפהערנדיק צו שרייבן די קאַסע-אַסיגינאַציעס, וואָס ער מאַכט און ווי עס גייט אים אין פּרנסה. ענטפערט ער מיט אַזאַ מין פּישטשל, וואָס מען קאָן נישט וויסן, צי עס גייט אים גוט, צי שלעכט.

קוקט ער אַזוי אויף דער פאַרמאַכטער טיר פון קאַבינעט. ווייסט מען נישט, צי פון זיינע צעברענטע אויגן, צי סתם אַזוי, נאָר אין דער טיר בלייבט שטיין פאַן הערנאָנים אַ קאַלטער, אַן אויסגעצויגענער. ער גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ מער אויף דער שטוב אַרויס ווי צום ברודער זיינעם. און מיט דער אייגענער קאַלטער רויקייט פאַרמאַכט ער די טיר צוריק.

קוקט איטשע ווידער אויף דער פאַרמאַכטער קאַבינעט-טיר, פרעגט אים מאַדאַם שטערן, צי ער האָט שוין גערעדט מיט מאירן.

אַזוי פירט עס זיך, איידער ער קומט אַראָפּ אין דער

פּאַפּיר-פֿאַבריק, מוז ער צווערשט אַרויפגיין צו מאירן — קלאָגן זיך, אַז דאָס געוועלבל טראָגט נישט. זאָגט אים מאיר, אַז אַן אוצר קאָן זיך אויך אויסשעפּן. לאָז זיך אים דאַכטן, איטשען, אַז ער האָט נישט קיין צוויי ברידער, וואָס קאָנען געבן.

ווערט ער בלאַס, דער צעשניטענער איטשע, הויבט אָן הייזעריק שטאַמלען. און אַזוי ווי אַן אָרעמאַן האָט אַ ווייך האַרץ — גייט עס אים איבער און ער מוז זיך אַביסל אין דער שטיל אויסוויינען.

ווערט מאיר בראָמבערג ווייכער. עפּעס נעמט ער זיך פֿאַרקנעפּלען דעם שטוב-ראָק און נישט טרעפנדיק אין די לעכ-לעך אַריין, ברומט ער אין אַ זייט — ער, איטשע, זאָל אַראָפּקומען אין געשעפט אַריין.

גאַפּיעט ער דאָס אַצינד אויף דער קאַלטער טיר פון קאַבינעט, ווו ס׳זיצן זיינע ברידער און שפּאַרן זיך וויפיל ווער ס׳זאָל געבן.

פאַן הערשטנים טענהט, אַז ער איז נישט מחויב כּסדר צו געבן. און פאַרוואָס זאָל ער דאָס געבן די גרעסערע העלפט און מאיר — די קלענערע. ענטפערט מאיר, אַז ער, הערשטנים, איז רייכער דאַרף ער ממילא געבן מער. און צווייטנס, וואָס האָט ער זיך אַזוי איינגעשפּאַרט? ער גיט דאָך אַן אייגענעם ברודער. ער איז דאָך נעבעך קראַנק — איטשע.

שמייכלט פאַן הערשטנים און קוקט דורך אַ שמאָל שפּעלטל אויף זיין ברודערס סאַמעטן בערדל און זאָגט — אַז געגעבן וואָלט ער טאַקע מער, נאָר אַזוי ווי מאיר וויל אָפּקומען מיט אַ שיבוש און וויל נאָך אָנגיין פאַר אַן אָרנטלעכן מענטש — וויל ער אים דאָס פאַרגעניגן נישט אָנטון.

שמייכלט מאיר צוריק. ער האָט שטאַרק הנאה פון ברו-דערס המצאה. אָט זיצט דערביי דער קאָרעספּאָנדענט מיטן מילכיקן פּנים און ער הערט, ווי דער שעף זיינער פאַן הערשט-נים בראָמבערג רעדט זיך אַזוי געלאַסן און קאַלט וועגן אַ קראַנקן ברודער. זאָל ער וויסן, דער קאָרעספּאָנדענט, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טון. ער האַלט דאָך פון שעף זיינעם

שטאָל און אייזן. עפּעס אַ קליינינקייט — פֿאַן בראָמבערג. איצט הערט ער כאָטש. קומט צו גיין אַן אייגענער ברודער, אַ חרובדיקער מענטש, זשאַלעוועט מען אים אַ גראָשן. און זאָל באַר קומען עפּעס אַ „טאָוואַזשיסטווע" אָדער אַ פּשיטולעק פֿון דער „פּאַנגע מאַריע" וועט דער גרויסמוטיקער פֿאַן בראָמבערג הייסן דעם קאָרעספּאָנדענט מיטן מילכיקן פּנים אָנשרייבן אַ בריוו, אַז ער שיקט צו אַזאַ און אַזאַ נדבה און בעט מען זאָל זי אים באַשטעטיקן.

און דאָרט, אין דער ערשטער שטוב, שטייט אַ ברודער מיט אַ צעשניטן פּנים. אָט הערט מאיר, ווי ער שפּייט דאָרט, כאָרכלט מיטן האַלז, ווי אַ געשאָכטענער. קאָן ער שוין רויק נישט איינזיצן און אויף להכעיס דעם פֿאַן הערנים עפּנט ער ראַש די טיר פֿון קאַבינעט און גייט אַרויס צום חרובדיקן ברודער מיט אַזאַ גדולה, ווי יענער וואָלט פּלוצלינג באַגליקט געוואָרן.

ער פֿרעגט אים הויך, וואָס ער מאַכט און פֿאַרוואָס האָט ער נישט צווויסן געגעבן, אַז ער וואַרט דאָ. אַזוי רעדנדיק מיט אַ געהעכערטער הייזעריקייט און גוזמהדיקער צעפּראַלטקייט, הייסט ער דער פֿאַני שטערן אויסשרייבן אַן אַסיגנאַציע אין קאַסע אַריין פֿאַר זיין ברודער איטשע. זאָל מען זען, ווער ס'איז דער פֿאַן הערנים און ווער — דער פּשוטער מאיר בראָמבערג.

ער, מאיר, האָט נישט ליב די וועלט זאָל וויסן, אַז ער גיט. ער שרייבט נישט קיין בריוו און בעט נישט קיין באַ-שטעטיקונג. גענוג איז, אַז ער אַליין ווייסט.

מאַדאַם שטערן אָבער שמייכלט אין דער קאַסע-אַסיגנאַציע אַריין. אַז דער חרובדיקער ברודער איז שוין אויף יענער זייט טיר און מאיר זיצט שוין צוריק אין קאַבינעט אַ פֿולער מיט באַוועגונג און געפּראַלטקייט — רופֿט זיך אָן מאַדאַם שטערן צום בוכהאַלטער — אַז היינט וועט מאיר אַ גאַנצע נאַכט קאָפּן ס'לייפֿעך. אָט דאָס איצטיקע אַריינקומען און דאָס הייסן אויסשרייבן אַן אַסיגנאַציע אויף זיין אייגענעם חשבון איז נישט מער, ווי אויף

להכעיס דעם פאַן בראָמבערג. זאָלן די מענטשן וויסן, ווער ר׳ מאיר איז. אַז ער וועט אַהיימקומען — וועט ער עס דער־ציילן מלכהלען זיין ווייב. וועט מלכהלע אַרויסשטעלן איר ביוסטל, פאַרשנורעוועט דאָס מיילכל און אַ זאָג טון:

— וואָס דען, דיין ברודער איז אַ מענטש...

זי אָבער, מאַדאַם שטערן, קען דעמדאָזיקן מאיר. ער וועט אַרומגיין אין די ווייכע לעטשלעך אַן אויסגעוואַרעמטער און חרטה האָבן:

— אַ מענטש איז אַזוי נישט באַרעכנט... צעלאָזט זיך... וואָס איז? הערנים איז קיין ברודער נישט?..

און אַז עס וועט קומען דער פאַרשטאָרבענער שוועסטערס יינגל וועגן שכר לימוד וועט ער אים אַראָפּשיקן אין פאַבריק אַריין צום פעטער הערנים. די מומע מלכהלע וועט קרומען דאָס פיסקל און האָבן טענות צום מאַן אירן, אַז דער אַבראַ־מעק איז שלעכט דערצויגן. קומט אַרויף און גיט אפילו נישט קיין קוש אין האַנט אַריין.

מאיר האָט אים שוין נישט איינמאָל אָנגעשייגעצט דערפאַר. איז זי אָבער פּאָרט נישט צופרידן געווען.

— אַ יינגל זאָל האָבן אַזעלכע גראָבע ליפּן. ער באַשפּייט זי דאָך אינגאַנצן. האָט אין ווענמען אַריינצוגעראָטן. און ער, מאיר, האָט שענערע? קושט, ווי אַ שכורער גוי. ווער האָט דאָס אַזעל־כע ליפּן?

— אונזער משפחה — פאַרשפּיצט ר׳ מאיר זיין אויסגע־קעמט בערדל אין דער שטוב אַריין.

לאָזט מלכהלע אַראָפּ דאָס גוידערל. און מיר נישט, דיר נישט, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט הויבט זי ווידער אָן קוואָקען איר אַלט קוואָקעכץ: באשר — ער, מאיר, באַהאַנדלט זי נישט גוט. באשר — אירע יונגע יאָרן זענען אָפּגעשניטן. זינט סאַלקעלע איז נעבעך געשטאָרבן — האָט זי נישט קיין איין גוטע מינוט.

— וועל איך זען — דו זאָלסט שוין יאָ האָבן אַ גוטע מינוט — האָבן זיך מאירס וואָנסעס צענומען.

— מען ווייסט שוין דיינע גוטע מינוטן — האָט מלכּהלע האַלב ברוגזלעך און האַלב חנדלדיק געבלאָזן דאָס גוידערל...
איצט איז זי גאָרנישט בייז געווען אויף איר מאַן מאירן... אַנומלט — איז ער עפּעס גאָר אַן אַנדערער געווען, מאיר. ס'איז איר געקומען אויפן זינען יענער לייטענאַנט מיט די גלייכע פּלייצעס, וואָס האָט דאָ געוווינט אין שכנות... איז ער גאָר אַן אַנדערער געווען, מאיר...
מאירן אָבער ווערט סוף־כּל־סוף נמאס דאָס זיצן אין שטוב. דאָס קוקן אין קאַסע אַריין. דאָס ווערטלען זיך מיטן אייגענעם ווייב. זיינס איז שוין איבערגעגאַנגען. און אַ שותּף צו דער פאַבריק איז ער פאַרט. מאַכט ער זיך פאַרגעסן. און אַז מלכּהלע, זיין ווייב, זעט אַמאָל אין דער פרי, ווי ער גרייט זיך אַוועקצוגיין, פרעגט זי אים פון דער צעקנוידערטער קאָלדרע אַפּער, — צי ער האָט זיך שוין איבערגעבעטן מיט די לייט דאָרט פון דער פאַבריק. ענטפערט מאיר, אַז נעכטן, בשעת זי, מלכּהלע, איז נישט געווען אין שטוב — האָט טעלעפאָנירט העראָנים — ער, מאיר, זאָל זען אַראָפּקומען. ער איז נויטיק אין געשעפט.
גייט ער דאָס איצט אַראָפּ.

אונטער די קלאָר־געצוואָגענע שויבן שטייט אַ זאַטער, אויסגעוואַרעמטער פרימאָרגן. ר' מאיר פילט זיך גוט. דער רבש"ע — זאָגט ער — האָט באַשאַפן אַ זון נאָר צוליב דעם — ער, מאיר, זאָל נישט שפייען און נישט הוסטן.
האָט ער צעקעמט דאָס בערדל, גענומען דאָס שטעקעלע, וואָס האָט זיך שוין אָפּגערוט אַ צייט — און מיט אַ גרינג געמיט, פּאַמעלעך און ווייך אַראָפּגעגאַנגען צום טראַמוויי. פון שלאָפצימער האָט מלכּהלע נישט פאַרגעסן נאָכצורופן:
— מאירל, געטרונקען „ווישי", מאירל?
— געטרונקען, געטרונקען.
— און אַ פראָשעק גענומען?
— גענומען... גענומען...

האָט מאיר, אַראָפּגייענדיק פון די שטיגן געטראַכט, אַז ווי זי זאָל זיך נישט קריגן מיט אים — איז זי אים פּאָרט געטריי. און אַז זי וויל קאָן זי נאָך צושטעלן אַ שטיקעלע פאַרגעניגן בעסער ווי דאָס יינגסטע מיידל...

— מאירל — האַ, מאירל? — וואָס אַנטלויפסטו שוין, ליג נאָך...

אַז זי וויל, מלכהלע, קאָן זי נאָך... כע... כע... כע...

אין געשעפט אַריין איז מאיר געקומען מיט אַזאַ קאַלטער רויקייט, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר וואָס געהאַט אַוועקגעגאַנגען פון דאַנען. ער איז גאָר קיינמאָל נישט ברוגז געווען. דאָס האָט עמעצער אויסגעטראַכט, ווען ער איז נישט געווען דערביי.

איז ער אַריין מיטן גוטמאָרגן צו אַלעמען און צו קיינעם נישט. אויפגעהאָנגען דעם האַרטן הוט אויף דעם זעלבן הענגער, ווו ער הענגט אים שוין טאָג טעגלעך צוויי יאָר נאָכאַנאַנד. און אַוועקגעזעצט זיך באַם קאַנט פון טיש, ווו ער זיצט שוין טאָג טעגלעך צוויי יאָר נאָכאַנאַנד.

אין קליינעם קאַבינעט ליגט די זון אַ צעשפּריצטע אויף די מיט פּאַפּיר-אָנגעוואָרפענע טישן, אויף די רערלעך פון די צוויי טעלעפאָנען, וואָס שטייען מיד און שווייסיק פון היץ, צווישן די קנייטשן פון די אויפגעבלאָזענע טאַפּעטן. ס׳שמעקט מיט שטויב.

פאַן הערענים זיצט איינגעפּרעסט אין זיין נידעריקן לע-דערנעם פאָטעל און קוקט-איבער די אָנגעקומענע קאָרעס-פּאָנדענץ.

דער יונגערמאַן מיטן מילכיקן פּנים קלאַפּט אויף זיין שרייב-מאַשין, ווו די זון האָט זיך באַהאַלטן צווישן די קלאַווישן.

קומט ער אַריין, ר׳ מאיר:

— גוט מאָרגן.

— גוט-מאָרגן, גוט יאָר.

דרייט זיך אויס פֿאַן הערֲאַנים מיט אַ פּאָר פֿאַרוווּנדעטע סאָווע־אויגן:

— וואָס האָט מען אים עפּעס נישט געזען, מאירן?

— נישט געזונט געווען.

— וואָס איז געווען?

— דושנאָשטש.

— האָט ער געהאַט אַ דאָקטאָר?

— וואָס דאַרף ער דעם דאָקטאָר. לייג אים באַלד אַנידער אַ פּולע קעשענע מיט געלט.

— קאָן ער זיך דאָס נישט פֿאַרגינען, מאיר?

— פֿון וואַנען ווייסט ער, הערֲאַנים, אַז ער קאָן זיך עס יאָ פֿאַרגינען.

ענטפֿערט נישט פֿאַן הערֲאַנים, נאָר קוקט אים אָן מיט אַ ביטול־שמייכל:

— מאיר, מאיר, — ווען וועט שוין ווערן פֿון דיר אַ שטיקל מענטש?

דער יונגערמאַן בײַ דער שרייב־מאַשין לאָזט אַראָפּ זײַן שמייכל צווישן די באַזוניקטע קלאַווישן.

זעט עס ר׳ מאיר — פֿאַרשטייט ער, וואָס ביידע מיינען. נאָר אַזוי ווי מלכּהלע, זײַן ווייב, האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל שאַנעווען דאָס געזונט און נישט אַרומקריגן זיך — האָט ער נישט קיין אַנדערע ברירה, ווי אַראָפּצושלינגען שווייגנדיק ביידנס שמייכלען און אַליין אויך צו שמייכלען.

דערנאָך רעדט מען שוין וועגן געשעפֿט. מאיר פֿרעגט זיך אויס, וואָס מען האָט דאָ געמאַכט אָן אים. רופֿט מען אַריין דעם בוכהאַלטער מיט דער באַברילטער נאָז — הויבט ער אָן רעדן, מישן דאָס הויפּט־בוך, ווייזן פּאָזיציעס. שטייט ער אַזוי מיט דער פֿעדער אונטערן אויער אַ פֿאַרשוויצטער. ר׳ מאיר קוקט צו אים אַרויף פֿון זײַן געזעס און טראַכט מיט אַ שמייכעלע ערגעץ דאָרט אין די געהירן:

— וואָס רעדט ער דאָרט אַזוי פֿיל, דערדאָזיקער ברילמענטש?

אין פענסטער וואַקסט די זון. אויפן הויף שטייען וועגנס מיט געלאָדענע סחורה. פורמאַנעס שרייען זיך הפקרדיק איבער. אין דער זון אַריין וואַרפט דער קוימען זיין געוויקלטע רויך־וואַטע, אַזוי, אַז אַלע פּאָר מינוט גיט אַ לויף פאַרביי איבער די טישן פון קאַבינעט אַ גרויסער, ציטערדיקער שאָטן.

זיצט ר׳ מאיר בּאַ אַ גלעזל טיי מיט מילך, וואָס דעם פאַן הערצאָגימס שטוב־מיידל האָט אַראָפּגעבּרענגט. זעט ער דעם שוואַרצן שאָטן איבער די צעוואָרפענע פּאַפּירן, נעמט אים ווי־דער אָן אַ ברוגז:

— אָט שטייט געלאַדעוועטע סחורה. לויפן די מאַשינען פיר און צוואָנציק שעה אין מעת לעת. און פון אַלעמען וואָס וועט ער, מאיר, האָבן? מיט וואָס וועט ער אַרויס פון דאַנען? דאָס אַלץ, וואָס ער זעט אַצינד — וועט דאָ בלייבן. די מאַ־שינען וועלן ווייטער לויפן. די סחורה וועט גיין אין דער וועלט אַריין. און ער, מאיר בראָמבערג, וואָס האָט דאָס אַלץ פון טויט לעבעדיק געמאַכט — ער וועט זיצן אין זיינע פּראָטע־רירטע צימערן מיט זיין ווייב מלכהלע און ביידע וועלן זיי היטן דאָס געלט? איז עס אַ תּכלית?

ווערט אים טרויעריק, מאירן. אין האַלז אַריין קומט אים אַ פּייכט שטיקל פלעגמע. פאַרהוסט ער זיך. שפּייט איין מאָל און נאָכאַמאָל און כּדי נישט געבּן צו דערקענען, וואָס אים קוועטשט, גיט ער אַ זאָג מיט שטיקל טענה:

— הייס דאָ.

— יאָ, הייס — ענטפערט פאַן הערצאָגים, וואָס האַלט אין אונטערשרייבן אַ בריוו.

— אויף אַלץ האָט מען, נאָר אויף אַ פּאָר ראָלעטן פעלט אויס געלט. — האָט מאיר ווייטער טענות.

ענטפערט פאַן הערצאָגים אין אונטערגעשריבענעם בריוו אַריין:

— הייסט מען קומען אַ בעל־מלאכה — ער זאָל אָנמאַכן ראָלעטן.

— איך זאָל הייסן? און וואָס וועסטו זאָגן?

— וואָס זאָל איך זאָגן... כ׳וועל זיין צופרידן.

ר׳ מאיר מאַכט זיך נישט הערן. ער רעדט שוין, דאַכט זיך, צו דער זון, וואָס שטייט אין פענסטער:

— איך זאָל הייסן. וואָס פאַרא דעה האָב איך דאָ?

— ווילסט דיך שוין ווייטער קריגן, מאיר? — ווערט פאַן הערצאָנימס פנים שפיציק און די סאָווע-אויגן הערן אויף צו שמייכלען.

— חלילה. איך וויל מיך קריגן?... כ׳זאָג נאָר, אַז מען דאַרף לאָזן מאַכן ראַלעטן.

— מאַכט מען און פטור. וואָס מיינסטו, כ׳האָב שוין מער קיין דאגות נישט אויפן קאָפּ נאָר דיינע ראָלעטן?

— אַ באַלעבאָס דאַרף געדענקען אָן אַלעמען.

— אפשר וואָלט שוין גענוג געווען, מאיר? האָסט געמוזט אויפשטיין אויף דער לינקער זייט.

— פאַרקערט — דוקא אַ גוטע נאַכט געהאַט — דרייט זיך אויס ר׳ מאיר מיט אַ לאַכעדיק בערדל צום קאָרעספּאָנ-דענט. גיט יענער אַ קוק מיט איין אויג און לאָזט פאַרפאַלן אַ מילכיקע גרימאַסע אין „אלף-בית” פון דער שרייב-מאַשין.

דער טעלעפאָן רייסט זיך. די זון באַקט. ווערט מאירן נמאס דאָס זיצן. שטעלט ער אויף זיין אויסגעבויגענע פלייצע און גייט אַביסל אַריין אין דער בוכהאַלטעריע.

דאָ איז קילער. פון די צוויי קאַשטאַן-ביימער אונטערן פענסטער פאַלט אַ גרויסער שאָטן. דער בוכהאַלטער שניצט גע-מיטלעך אַ בלייפעדער און באַקוקט דעם שפיץ אַ קייגן פענס-טער. באַם טעלעפאָן שטייט דער יונגער מאַגאַזינער און שרייט מיט זיין הפקר-שטים אין רערל אַריין. מאיר קוקט אויף אים מיט הונגעריקע אויגן. ער קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן אַזוי געזונט זיין און אַזוי אַריינשרייען אין טעלעפאָן.

עטלעכע יידן אין צעקנעפלטע כאַלאַטלעך דינגען זיך מיט פאַני שטערן וועגן מקח פון סחורה.

פאַני שטערן איז אָבער אַ האַרטער ביין. יידן מיט צע-

קנעפּלטע כאַלאַטלעך און פאַרשטויבטע שטיוול האָט זי פיינט. זיי שמעקן, זאָגט זי, מיט טשאָלנט.

לאָזט זי זיי אַזוי דינגען און אַליין צעפּראַלט זי טיר און פענסטער — דער יידישער „זאַדוך" זאָל אַרויסגיין.

קוקט אויף דעם ר' מאיר. שטאַרק אַרן אַרט עס אים נישט. נאָר כדי אַ שטאָך צו טון דעם גוטן שוועסטערל — רופט ער זיך אָן:

— געדאַרפט מאַכן מער פענסטער. אויף יעדן ייד אַ פענסטער.

— וואָסזשע מיינסטו, זיי זענען דאָך ברודיק, די יידן דיינע.

— מיינע יידן?!.. איך לאָז זיי דיר אָפּ מיט קנין און מיט מנין.

— מוחל.

דעם בוכהאַלטערס פלייצע איז ביז אין דער העלפט פאַרגאָסן מיט דער דרויסנדיקער ליכטיקייט. די צעקנעפּלטע יידן האָבן אַביסל אונטערגעשמייכלט פון מאירס וויץ און אַוועקגעגאַנגען זיצט ר' מאיר ברייטלעך, אַזוי ווי נאָך אַ זאַט מיטאָג און האָט נישט וואָס צו טון. פרעגט ער דעם בוכהאַלטער וואָס אַ שטייגער, ער האָט עס אַזוי פיל צו שרייבן אין די ביכער. דאַכט זיך, וואָס מאַכט מען דאָ — און צו שרייבן איז דאָ אַזוי פיל... טאָג און נאַכט, נאָר מען שרייבט.

דרייט אויס דער בוכהאַלטער זיין פאַרנומען באַברילט פּנים און ענטפערט געלאַסן:

— איר זעט דאָך.

— כ'זע טאַקע. אָבער וואָס קומט אַרויס פון זען?

— פירט מען נישט קיין ביכער, וועט מען פאַרשפּאָרן אַזוי פיל צו שרייבן.

— ווען מען פרעגט אים, מאירן — וואָלט ער זיכער נישט געהייסן פירן קיין ביכער. וואָס האָט מען דערפון?

— איר ווילט באַלד האָבן — ענטפערט דער בוכהאַלטער

שוין אַ ביסל באַליידיקט און גיט אַ צי אַרויס די בלייפעדער פון אונטערן אויער.

— און איר ווילט נישט? — רוקט זיך צו ר׳ מאיר — גלויבט מיר, פאַניע מרגליות, איך האָב געהאַט אַ באַקאַנטן אַ פּראָסטן חי-וקים...

גייט אַ מעשה וועגן איינעם, וואָס האָט נישט געפירט קיין ביכער, נישט געהאַלטן קיין בוכהאַלטערס. זיין בוכהאַלטעריע איז געווען די קעשענע. איז אַזאַ יאָר אויף אים, אויף מאירן, ווי יענער האָט בעסער אויסגעשפּילט, ווי ער — מאיר בראָמ-בערג. ער איז כּלומרשט אַ שותּף צו אַ פאַבריק, אָבער אין אמתן האָט ער אַפילו קיין פּרנסה נישט.

גיט פאַני שטערן אַ שיס אַרויס מיט אַ געלעכטער. דעם בוכהאַלטערס שמייכל צערינט אויף די גרויסע בלעטער פון די צעלייגטע ביכער. און דער קאַסירער — אַ יונגערמאַן מיט לע-כער אין די באַקן, וואָס זיצט אין אַ דערבייאיק צימערל — שטעקט אַריין דעם קאָפּ:

— איר האָט טאַקע נישט קיין פּרנסה, פאַניע בראָמ-בערג?

— וואָס לאַכט איר אַזוי? — ווערט ר׳ מאירס פּנים ערנסט — דאָס הייסט פּרנסה? איר הערט דאָך, פאַניע פיינ-גאָלד, כ׳ווייס נישט, צי איר וועט מיר גלויבן, — נאָר איז מיין נאָמען נישט מאיר בראָמבערג — ווען איך זאָל האָבן אַ רויקע פּרנסה, כ׳זאָל נישט דאַרפן אַזוי דאגהן...

דעם סוף זאָץ ענדיקט ער נישט. מאַדאַם שטערן צעלאַכט זיך שוין כּמעט היסטעריש. דער בוכהאַלטער צעשפּריצט אַ פול מויל שפּייעכטס אויף אַ פרישן בלאַט פון הויפּט-בוך. און דער קאַסירער, צו וועמען מאיר האָט זיך געווענדט — ווייסט נישט, וואָס ער האָט צו טון. באין ברירה נעמט ער צוריק אַריין דעם קאָפּ אין צימערל און ברומט דאָרט אין די פּעקלעך פּאַפּירן-געלט אַריין:

— פּשיאַקרעוו, גנידאַ!

מאיר בראָמבערג פאַלט אָבער באַ זיך נישט אַראָפּ. מאיר

בראַמבערג איז אַ ייד, וואָס קאָן זיין אַ תקיף און זאָגן אַ דעה און נישט דרך-ארץ האָבן פאַר קיינעם. בפרט פאַר אַזאַ איינעם, וואָס איז נישט מער ווי אַ מענטש באַ יענעם.

אַרט אים נישט, וואָס חברה לאַכט. סוף כל סוף פאַר־שטייען זיי נישט — די „קליינע" מענטשעלעך — אַז ער לאַכט פון זיי טויזנט מאָל אין טאָג. ער האַלט זיי פאַר שוטים שבשוטים. וואָרום ווען עס זאָל, חלילה, זיין פאַרקערט — ד. ה. ווען זיי זענען חכמים — וואָלט ער, מאיר, געמוזט אַרבעטן באַ זיי און נישט זיי באַ אים.

וואַרט ער, ביז זיי וועלן זיך אויסלאַכן און אויסשפּריצן. און אַז זיי האָבן שוין זייערס אָפּגעטון — רופט ער זיך ווי־דער אָן — זייער קאַלט און זייער רויק:

— אָט, ווי כ'שטיי און גיי. כ'זאָל נישט דאַרפן אַזוי דאגהן. און די פּרנסה זאָל זיין אַ רויקע, קאָן אַזאַ ייד, ווי מאיר בראַמבערג קויפן זיך אַ שטיקל ערד, באַזעצן זיך אויפן לאַנד און לעבן אַ רויק אָרנטלעך לעבן. וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, האָט מען שוין, אַז מען איז אַ שותף צו אַ פּאַפּיר-פאַבריק און מען פאַרמאָגט אַביסל געלט.

— ווילט איר, הייסט עס, קויפן אַ נחלה? — האַקט איבער דער בוכהאַלטער און דרייט אויס די גאָלדענע ברילן אויף דער שטוב אַרויס.

זיין פּנים איז איצט פאַרהערט, אַזוי ווי ס'וואָלט איינ־גאַנצן געווען פון אויערן. ער — וואָס זיצט כסדר איבער די פאַרשטויבטע ביכער, ברעכט זיך דעם קאָפּ איבער די טרוקע־נע איינגעגעסענע ציפערן — ער חלומט אויך וועגן אַן אַנדער לעבן נישט וועגן קיין שטיקל ערד ער דאַרף עס אויף כפּרות. נאָר וועגן אַ טאָג, ווען ער וועט געבן אַ קלאַפּ-צו די פאַרשאָל־טענע ביכער, זאָגן אַ גוטן טאָג און היידאַ אין דער וועלט אַריין. ערגעץ ווייט הינטער די הרי-חושך — די ציפערן זאָלן שוין אויף אים קיין שליטה נישט האָבן.

— אין ארץ-ישראל ווילט איר עס קויפן — דאָס שטיקל ערד?

— חלילה! וואָס בין איך, אַ ציוניסט, צי וואָס, — האָט זיך ר׳ מאיר אָפּגעשאָקלט — דאָ בּאַ אונז אין פוילן. עטלעכע מאָר־געס פעלד, אַ גאָרטן, אַ צוויי דריי קועלעך... אַלע טאָג אַ פריש ביסל מילך. שטיל. רויק. וואָס דאַרף איך געלט? וואָס האָט דען אַ מענטש פון געלט? צרות, קאָפּ־דרייעניש.

— נו, יאָ — אַ רחמנות נעבעך — באַוויזט זיך ווידער דעם קאַסירערס קאָפּ.

— גלויבט מיר — הערט נישט אויף ר׳ מאיר בנעימות־דיק צו פּלאַפּלען — גלויבט מיר, אַז אייך איז ווײַלער פון מיר. זיצט זיך אויף אַ שטעלע. דאָס געהאַלט איז זיכער. דאגהט נישט. קומט זיך צו גיין אינדערפרי. טוט זיך אָפּ זײַן אַרבעט און פּטור. וואָס אַרט אייך, אַ שטייגער, אַז די וואַליטע פאַלט, אַז פּאַדאַטקעס מוז מען צאָלן, אַז מיט יעדער מינוט ווערט מען בדלות, בפירוש בדלות.

— אפשר וואָלט מען זיך געטוישט, פּאַניע בראָמבערג?

— אַדרבה, פאַר וואָס נישט, נאָר גיט מיר אַוועק אייער גע־מיט מיט אייערע זאָרג.

אין מיטן שמועס איז פון הויף אַרײַנגעפאַלן דער יונגער מאַגאַזינער.

ר׳ מאיר האָט פון זײַן שטול אַרויפגעקוקט צו אים און אין זינען געהאַט, אַז אָט דער מאַגאַזינער, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג צו טון מיט פורמאַנעס, מיט לאַדעווען סחורה, מיט אויס־געריסן ווערן פון קעלט און פון זון — אַז אָט ער איז גע־זונט, האָט אַ יונג ווייב, צוויי קינדערלעך און שפּייט נישט. טרינקט נישט קיין „ווישי״ אַלע אינדערפרי. און דער עיקר — ער זאָרגט נישט. איז ער נישט קיין גביר! וואָס האָט ער, מאיר, פון זײַן גבירישקייט?

— האָ, פּאַניע אייזמאַן, איז אייך נישט בעסער פון מיר?

— מיט וואָס, אַ שטייגער?

מיט אַלעמען... איר זענט דאָך אַ גליקלעכער מענטש. איר דאגהט נישט... אַ ווויל ווייבל. קינדערלעך זאָלן לעבן...

און וואָס גייט דען אייך אָוועק אַ וואָך, האַ, פּאַניע אייזמאַן?

האָט פאַן אייזמאַן געענטפערט, אַז אים גייט דווקא אַוועק אַ סך. ער ליגט נישט אויפן גראָשן ווי אַ הונט אויפן ביין. אַז אויסער דער אכילה, מוז ער האָבן אַלע טאָג אַ בלאַט און אַמאָל אַ בוך. איינמאָל אין צוויי וואָכן מוז ער גיין אין טעאַטער. אָדעו׳ אין קינאָ. טאָ וואָס־זשע איז ער אים אַזוי מקנא, דער פּאַן בראָמבערג?

דאָ האָט שוין ר׳ מאיר אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס מען רעדט.

די זון האָט זיך דאָרט אינדרויסן איבערגערוקט. פון גרויסן פאַבריק־קוימען האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ גאַנץ פענסטער גלייך אין ר׳ מאירס פּנים אַריין.

האָט זיך ר׳ מאיר אויפגעהויבן און מיטטראָגנדיק די שטול — אַוועקגעזעצט זיך אין שאָטן.

מאַדאַם שטערן האָט פאַרעקשנט געשריבן און בשום אופן נישט געוואָלט אויפהויבן דאָס פּנים פון טיש כאָטש די זון איז איר געלעגן אויפן קאָפּ און געבריט אַן אויער.

האָט ר׳ מאיר, זיצנדיק איצט אין שאָטן, נישט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט דאָס — מען מוז כאָטש איינמאָל אין צוויי וואָכן גיין אין טעאַטער.

ער, וואָס איז, דאַכט זיך, אויך אַ היינטוועלטיקער מענטש, לעבט שוין ב״ה עטלעכע און פערציק יאָר, אויסגעוועזן אַ וועלט — ער קאָן עס נישט משיג זיין. יאָ, אַ מענטש דאַרף זיך אַמאָל אָפּרוען. דאַרף אַמאָל גוט אָפּעסן און... כ׳וויים וואָס. אָבער גיין אויסגעבן געלט אויף פּוסטע זאַכן, דאָס קאָן נאָר אַ הולטיי. אַ צייטונג דאַרף אַ מענטש לייענען. ער אַליין לייענט אויך צייטונגען. מען דאַרף וויסן, וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט. אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך אויך נאַריש געמאַכט. געלייענט מעשה־ביכלעך. פון זינט אָבער ער האָט חתונה געהאַט — האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט דערפון. ער פילט גאָרנישט, עס זאָל אים דאָס פעלן. כאָטש ער האָט אַ שוואָגער, אַ גאַנצער דעה־זאָגער באַ די ציוניסטן — ווייסט יענער פון אַלע ביכער

אין דער וועלט. אים אָבער, מאירן, אַרט עס נישט. ער דאַרף עס גישט. אַז אַלץ וואָס עס שטייט דאָרט אין די ביכלעך און וואָס מען שפּילט אין די טעאַטערס ווייסט ער פון אויסנווייניק. אָט האָט ער געקענט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ ווייבל מיט צוויי קינדער. האָט זיך דאָס ווייבל געגט און חתונה געהאַט מיטן דאָזיקן יונגנמאַן. גייט נישט אַוועק קיין צוויי יאָר, איז זיך ס'אייגענע ווייבל מיישב, גט זיך ווידער און האָט אויפסניי חתונה מיט אַן אַנדערן יונגנמאַן. דאַרף מען אַ בעסער טעאַטער? כע... כע... אי ס'איז אמת, אי ס'קאָסט קיין געלט נישט. דריי-ען זיך אַרום אַזויפיל בכבודיקע יידן — אָרעמע-לייט נעבעך — איז נישט גלייכער נעמען דאָס געלט, וואָס מען גיט אויס אויף די טעאַטערס און זיי אַוועקשענקען. אַנומלט קומט צו אים צו אויף דער גאַס אַ ייד אַ הדרת פנים. נישט חלילה קיין שנאָ-רער. קומט ער צו און שווייגט. ס'האַרץ האָט זיך פשוט צעריסן. האָט ער נישט גערעדט ס'אַנדערע וואָרט, מאיר, און דערלאַנגט אים אַ נדבה. אָבער אַ נדבה — ער זאָל דאָס אַלע טאָג פאַר-דינען. ווען ער גייט אָבער אין די טעאַטערס, וואָלט ער אויך געקאָנט געבן אַזאַ נדבה?

— ס'קאָן זיין — דערהערט זיך פּלוצלינג דעם קאַסירערס קול פון הינטערן קאַסע-פענסטערל — און דער יונגער מאַגאַ-זינער, וואָס באַרעכנט קיינמאָל נישט פריער, וואָס ער גייט זאָגן — ענדיקט:

— אַז ס'הויבט זיך נישט אָן.

מאיר בראָמבערג האָט אַפילו געשמייכלט, אָבער די גלוסטיקע אויגן האָבן נישט היימלעך אַ פינטל געטון:

— אודאי. איר קענט מיך דען? — אָט זי, — האָט ער אויסגעצויגן אַ פינגער צו זיין שוועסטער — אָט זי שטעלט דאָך מיך פאָר פאַר אַן אויסוווּרף, פאַר אַ גאָרנישט.

— איך?

— דו און מיין ברודערל, זאָל לעבן.

— נו, יאָ — ער האָט שוין מער נישט אין זינען, נאָר דיך, וואָס קלערסטו?

מאיר וויל איר עפּעס אַ זאָג טון — זי זאָל אויפשפּרינ־גען. נאָר אין דער קאַבינעט־טיר בלײַבט פּלוצלינג שטיין פּאַן הערמאַנים, אַ שטײַפער מיט אַן אָנגעצויגן פּנים און מיט אַ גרויסן בליק.

אין צימער ווערט פּלוצלינג שטיל, אַזוי ווי עמעצער וואָלט פאַרהאַקט אַ לאָדן. דער בוכהאַלטער בויגט אויס זײַנע פּלייצעס אין אָפענעם בוך אַרײַן. הינטערן קאַסע־פענסטערל הערט זיך אַ טרוקן קלאַפּן פון צייל־שטײַנדלעך. דער יונגער מאַגאַזינער בלײַבט שטיין מיט אַ דערשראָקן פּנים, אַזוי ווי איינער, וואָס קושט אַ פרעמד ווײַב.

פּאַן הערמאַנים גייט זייער שטיל צו צו מאַדאַם שטערן, וואָס האָט זיך אַרײַנגעטון אין אירע קאַסע־אַסיגנאַציעס — און פרעגט זי דורך זײַענדיקע ציין — צי זי האָט שוין אויסגע־געבן די קינדער אין פריידן.

— וואָס האָסטו צו מיר? אָט זיצט ער דאָך, מאיר, פרעג אים.

פּאַן הערמאַנים רעדט מער קיין וואָרט נישט. ער גייט צוריק אַרײַן מיט אַ קעצישער ווייכקייט אין קאַבינעט און פאַר־האַקט הינטער זיך די טיר.

דער מאַגאַזינער שאַרט זיך אַרויס מיט אַ זייט. מאַדאַם שטערן וואַרפט מיט פּאַפּירן איבערן טיש. די זון שטייט אַ שטויביקע איבער די טינטאַרנס.

ר' מאיר שווייגט. אָבער זײַן ערדן פּנים מיטן סאַמעטע־נעם בערדל שמייכלען. ער האָט, ווײַזט אויס, פון עפּעס הנאה. שטעלט ער זיך אויף, גלייכט אויס די אויסגעשפּיצטע פּלייצעס און אויף די גומענע אָפּצאַסלעך רופט ער זיך אָן צום בוכהאַלטער:

יאָ, יאָ, פּאַניע מרגליות — אַזוי איז מען אין גלות. איר האָט געהערט?

דער בוכהאַלטער איז שטום געוואָרן. ער לויפט מיט דער פעדער איבערן גלאַטיקן אויסגעקראָכמאַלעטן פּאַפּיר און האָט שוין אַצינד נישט אין זינען צו לאָזן זיך הינטער די הרי־חושך.

מיטאָג-צייט. אין דרויסן שפּאַנט מען דאָס פֿאַבריק-קעטשל. דער יונגער אָגער האָט, ווייזט אויס, טענות צו עמעצן — וויערזשגעט ער מיט די פֿאָדערשטע פֿיס און פֿאַרסקעט מיט די אויפגעשטעלטע נאָז-לעכער.

דאָס שפּאַנט מען איצט — ר׳ מאיר זאָל קאָנען אַהיים פֿאָרן אויף מיטאָג. אַזוי האָט געהייסן פֿאַן הערנים. מאיר איז אַ קראַנקער מענטש און ס׳איז אים שווער צוצוגיין צום טראַמוויי.

מאיר אָבער איז חושד, אַז דאָס טוט דער ברודער זיי־נער מיט אַ כּיוון. אָט וויל ער ווייזן, אַז ס׳איז אים נישט קיין שאָד נישט דאָס פֿערד, נישט דאָס קעטשל — כאָטש ס׳געהער אויסשליסלעך צו אים.

דאס אַלץ פֿאַרשטייט מאיר. נאָר עס אַרט אים נישט. לאָז ער מיינען, דער ברודער, אַז ער, מאיר, ווייסט פֿון גאָרנישט.

ער פֿאָרט גאַנץ גערן מיטן קעטשל איבער די גאַסן און האָט הנאה פֿון דעם כּסדרדיקן קוקן אויף אַנדערע און פֿון דעם, וואָס אַנדערע קוקן אויף אים.

דער בוכהאַלטער נוצט אויס די געלעגנהייט און כאַפּט זיך אויך מיט אויף מיטאָג.

איבער די צעוואַרעמטע דעכער שטייט אַ ווייסע זון. ס׳שניידן זיך אויסגעטרוקנטע טראָטואַרן מיט לאַנגע באַוועגלעכע שאָטנס פֿון פֿיס, וואָס ברעכן זיך באַ די רינשטאָקן. איבער גרויסע שוי-פֿענצטער פֿאַלן אַראָפּ לייוונטענע דעכלעך, ווו ס׳קילט זיך אַ בעטלער מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ און וויינט אויס זיין אביונישקייט אין אַ קלויסטער-ליד.

ר׳ מאיר זיצט נחתדיק אין קעטשל און קוקט מיט נאַ־קעטע אויגן אויף די דין-אָנגעטועטע דאַמען מיט די פֿאַרב־וינטע אַקסלען. נעבן אים האַלט זיך דער בוכהאַלטער אַ שווייגנדי־קער. ער האָט אין זינען אַ פּאָזיציע אין זשורנאַל, וואָס איז, דאַכט זיך, נישט ריכטיק פֿאַרבוכט.

אַ קייגן ר׳ מאירס קעטשל לויפֿט פֿאַרביי אַ דראָזשקע.

ציט ר׳ מאיר געשווינד דעם הוט פאַר איינעם אַ גוידערדיקן פאַרשוין, וואָס רויכערט מיט אויפגעבלאָזענע באַקן אַ ציגאַר.

ר׳ מאירס פּנים ווערט העל. ער זאָגט דעם בוכהאַלטער, אַז אָט דער הער, וואָס האָט זיך איצט געגריסט צו אים, איז הויפּט-דירעקטאָר אין דער האַנדלס-באַנק. אים, מאירן, קען ער שוין אַ יאָר צען. גרויסע געשעפטן געפירט מיט דער האַנדלס-באַנק. זאָל ער, דער בוכהאַלטער נישט מיינען, אַז מאיר בראָמבערג איז דער, וועמען ער זעט אין דער פאַפּיר-פאַבריק. ער, מאיר, איז אַ מענטש, וואָס גאַנץ פּוילן קען אים. זאָל ער ווען קרע-דיט אויף מיליאָנען וועט דער אייגענער באַנק-דירעקטאָר, וואָס איז איצט פאַרבייגעפאָרן, נישט רעדן ס׳אַנדערע וואָרט. אַמאָל -- איידער ער איז געוואָרן שותּף, מ׳שטיינס געזאָגט, אין דער פאַבריק, איז ער געווען איינער פון די גרעסטע אין וואַרשע. אָט, אַ שטייגער, דאָס הויז, וואָס שטייט דאָ אין דער זייט. היינט איז עס דער מיניסטאָרן-ראַט. אַמאָל האָט דאָ געוווינט דער רוסישער גובערנאַטאָר. איז ער, מאיר, געווען דאָ אַן אָפּ-טער איינגייער. כּמעט אַלע פּאָר טאָג איז ער דאָ געקומען. נישט איינמאָל האָט אים דער גובערנאַטאָר געקלאַפּט אין דער פּלייצע: —

— דאַ, דאַ, גאָספּאָדין בראָמבערג.

אַמאָל האָבן וואַרשעווער יידן געוווּסט, אַז טאָמער דאַרף מען עפּעס אַן עצה, צי אַ בוררות — איז מען געקומען צו מאיר בראָמבערג. האָט מען געקליבן דאָזאָרעס — איז מען געקומען צו מאיר בראָמבערג. נאָר ער האָט זיך תּמיד אָפּ-געזאָגט. ער האָט פּיינט כּיבודים. וויסן זאָל ער אָבער, דער בוכהאַלטער, אַז ער, מאיר, וואָלט געקאָנט זיין דאָזאָר און כּלל-טוער און אַפילו שרייבן אין די בלעטער. ער זאָל נאָר ווען און האָבן אַ גרינגן קאָפּ און אַ רויקע פּרנסה — וואָלט ער עס זיכער געקאָנט.

אַנומלט קומען צו אים אַריין עטלעכע גרויסע סוחרים. מען דאַרף, זאָגן זיי, קלויבן „פּאָסלעס" צום סיים. ווילן זיי

אים אַרויסשטעלן פון סוחרים-שטאַנד. האָט ער זיי גאַנץ פיין אויפגענומען, די סוחרים, און געענטפערט — אַז ניין. ער דאַרף נישט דעם כּבוד. יאָ, פּאַרוואָס נישט, צושטייער געבן אויף די וואַלן-מיט פאַרגעניגן. אַליין אָבער ווערן אַ „פּאָסעל" וויל ער נישט. נישטאָ שוין ס'געזונט און ס'געדולד.

רעדט ער אַזוי, ר' מאיר, מיט דער הייזעריקער קעל אין האַלז נעמט עפּעס שטיקן. וואַרט ער אַ ווײַלע, ביז ער הייבט אָן כאָרכלען און גיט אַ שפּײַ אויס אַ שטיק פלעגמע פון קעטשל אַרויס.

די זון רוקט זיך פון די אויסגעבויגענע גזימסן אין די פענסטער אַריין. דער טראַמוויי שניידט מיט חוצפּהדיקער רוגזה און קרעכצט באַם אָפּשטעלן זיך, ווי אַ חולה מסוכּן.

ס'קומט ווידער אַ קייגן אַ דראָזשקע. ר' מאיר ציט ווידער דעם הוט. דאָסמאָל פאַר אַ דיקלעכער פרוי מיט אַ קינד. ער גיט צו, אַז די הענט טוען אים שוין באַלד ווי פון כּסדרדיקן גריסן און אַז אַמאָל איז ער געווען דער שענסטער מאַנסביל אין וואַרשע.

ער, דער בוכהאַלטער, איז דאָך נאָך יונג פונדעסטוועגן האַלט מאיר, אַז ער איז יונגער פון בוכהאַלטער. און דאָס וואָס ער קאָן נאָך הײַנט באַווײַזן, וועט קיין צוואָנציק-יעריק בחורל שוין נישט קאָנען. אָט יענע דאַמע דאָרט אין ווייסן מיטן גרינעם שירם. לאָז ער זיך נאָר גוט צוקוקן, דער בוכ-האַלטער. איז אָט אין יענע יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען מאיר בראָמבערג — האָט ער זי געהאַט אַ פּאָר מאָל אין חודש. ער געדענקט, אַז איינמאָל האָט זי אים געפרעגט, אָט די איי-גענע דאַמע דאָרט, ווער ס'איז בעסער: זי, צי די מוטער אירע. כע, כע, כע.

דער שוויַגנדיקער בוכהאַלטער הויבט אויף זיינע צע-ברענטע גלעזער אויפן שוואַרצן סאַמעטענעם בערדל און קוקט פאַרחידושט. ר' מאיר שמייכלט:

— אַזוי האָט זי אים געפרעגט, די דאַמע דאָרט. הײַנט, פאַרשטייט זיך, וועט ער זי שוין נישט האָבן. נישט דערפאַר,

וואָס זי איז איצט אַן אַנדערע געוואָרן, נאָר ער, מאיר, וויל ניַשט. דער דאָקטאָר האָט געהייסן וואָס ווייניקער. מאַ, איז ווייניקער. נאָר אַז מען פאָרט אַזוי גאַס-איין, גאַס-אויס און מען קוקט אויף זיי, אויף די ווייבער, און מען דערמאָנט זיך, אַז דער נאַרישער דאָקטאָר האָט געהייסן וואָס ווייניקער — ווערט עפּעס זויער אין מויל... כע-כע-כע. וויסן זאָל ער אָבער, דער בוכהאַלטער, אַז אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף געלט, אויף געזונט און אויף אַ גוט שיקסל, כע-כע-כע...

ר׳ מאירס דיקע ליפּן זענען צעלאַכט אונטער די צע-שויבערטע וואָנסעס. אין די אויגן ליגט אַ שטיק פּייכטע ליכ-טיקייט. דער בוכהאַלטער קרומט דאָס פּנים פון הינטער די צעבערענטע גלעזער אָפּער. ער האָט, דאַכט זיך, פאַרגעסן אָן דער פּאָזיציע, וואָס איז פאַלש געבוכט.

ר׳ מאירן ווערט הייס. צופיל גערעדט. בלייבט ער זיצן אַ פאַרשלאָסענער און דערמאָנט זיך, אַז ערשט נעכטן, ווען מלכּה-לע איז שוין ווידער געגאַנגען צו אַ קימפּעטאָרין, איז ער גע-זעסן מיטן שטוב-מיידל אויף דער אָטאָמאַנע. האָט ער זיך פאַר-הוסט. עפּעס אויסטערליש פאַרהוסט זיך. האָט זי אים געזאָגט, דאָס שטוב-מיידל, ער זאָל זי אָפּלאָזן. נישט געזונט פאַר אים. זי זעט דאָך, אַז ער איז אַ קראַנקער מענטש. האָט ער, מאיר, געוויזן דעם שטוב-מיידל, אַז ער איז נישט אַזוי קראַנק, ווי זי מיינט:

— האַ, פּאַניע מרגלית, ווי זאָגט איר, איז זי גערעכט געווען?

איז אָט אַזוי פלאַפּלענדיק, פאָרט ר׳ מאיר צו צום הויז, ווו ער וווינט. אויף די שטיגן גייט ער פּאַמעלעך. שפּארט זיך אָן אויפן שטעקעלע און אויף יעדן האַלבן שטאָק רוט ער זיך אָפּ.

אַז ער האָט שוין געהאַט אָפּגעאָטעמט פון די צוויי שטאָק שטיגן און איז געזעסן אַ צעקנעפּלטער באַם טיש, האָט מלכּה-לע זיין ווייב אים געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ געקומען אַ בריוו פון דער יידישער קהלה. מאיר האָט עס אויפגענומען קאַלט, אַזוי ווי ער וואָלט נישט דערהערט.

די בריוו פון דער יידישער קהלה האָט ער פיינט געהאַט. גיי צאָל זיי שוין ווידער עטאַט. זיצט אַ קהלה מיט אַ מתים־שטיבל מיט עגלה־יידן — און דו, מאיר בראָמבערג, צאָל זיי געלט. פאַר וועלכע מעשים־טובים?

האָט ער זיך נישט געאיילט צו עפענען דעם בריוו, נאָר בנעימותדיק געציפּט קליינע פּיצלעך פלייש פון אַ היגעריש פוילקעלע אַראָפּ.

אויפן פענסטער איז געשטאַנען אַ מיד שטיק זון. מאַדאַם בראָמבערג איז געזעסן אַנטקעגנאיבער איר מאַן. אַן אויפגע־הייטערטע מיט פעטלעכע ליפּן און מיט אַ נידעריק גאָמבעלע, האָט זי צווישן איין ביס און דעם אַנדערן געפּלאַפּלט וועגן אַ באַקאַנטער פרוי, וואָס האָט פלוצלינג געוואָרפן אַ אומחן אויף איר מאַן און וויל מיט אים נישט וווינען.

מאיר האָט שווייגנדיק געציפּט דאָס פוילקעלע און גע־טראַכט בשעת־מעשה, אַז ס'וואָלט גאָרנישט געשאַדט, ווען זי — מלכהלע, זאָל אויך וואַרפן אַן אומחן און אויך נישט וועלן וווינען מיט אים.

אָט האָט זי טענות צו אים, אַז ער קאָן נישט האָבן קיין קינדער. נעמט מען און מ'גייט־אַרויף צום רב — און פּטור. דאַכט זיך, אַז אַזאַ ייד ווי ער — אַ גביר — אין די בעסטע יאָרן וואָלט נאָך געקריגן אַ שטיקל שידוך.

הערט ער אַזוי, ווי דאָס ווייב זיינס קוויקט זיך מיט יענער באַקאַנטער פרוי. שטעלט ער זיך פאָר, ווי דאָס וואָלט אויסגעזען, ווען איר פאַלט־איין אַזאַ משוגעת, און ער, מאיר, האָט נאָך אַ מאָל חתונה.

ער וואָלט גענומען אַ מיידל. אַ ווייבל—פאַר קיין שום געלט נישט. ער דאַרף נישט יענער מאַן זאָל אים צו חלום־קומען. וואָלט עס זיך דאָ אַרומגעדרייט, דאָס מיידל — אַ יונגס, אַ שיינס און גע־ווען זיין ווייב.

סוף כל סוף — ער זאָל זיך וועלן מודה־זיין פאַר זיך אַליין האָט ער מלכהלען קיינמאָל נישט איבעריק ליב גע־האַט. ווער שמועסט היינט, ווען איר לייב הויבט־אָן ווערן צו

ווייך און מער קיין קינד קאָן זי נישט האָבן – וואָס-זשע, אייגנט-לעך, פאַרבינדט אים מיט איר? וואָלט פשוט געווען אַ מצוה אי פאַר אים, אי פאַר איר זיי זאָלן זיך אָפּגטן.

– האַ, מלכּהלע, ווי מיינסטו?

– וואָס אַזעלכעס?

– גאָרנישט, גלאַט. זאָגסט, אַז עס איז געקומען אַ בריוו פון דער גמינע?

– יאָ. ער ליגט דאָרט באַ דיר אויפן שרייב-טיש.

– באַ מיר אויפן שרייב-טיש, זאָגסטו? איז וואָס-זשע האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? יאָ, האָסט נאָך עפּעס צו געבן אויפן טיש-אַרויף?

– וואָס פרעגסטו זיך עפּעס?

– סתּם אַזוי.

ער האָט אָפּגעווישט די פאַרפּייכטע וואָנסעס און גע-וואַרט, ביז דאָס דינסט-מיידל וועט ווידער עפּעס אַריינברענגען.

די פענסטער זענען געשטאַנען אָפן. ס'האָט געשמעקט מיט אויסגעוואַרעמט וואַסער פון אַספאַלטענעם ברוק. אין פענסטער איז געבליבן הענגען אַן אָפּגעריסן געלעכטער פון אַ קינד.

ר' מאיר האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן יענעם שיינעם מיידל, וואָס וואָלט זיך דאָ אַרומגעדרייט אַ יונגס, אַ שמאָלס און וואָלט געטראָגן די ברילִיאַנטענע „קעפּ" מיט דער שנור פּערל, וואָס ליגן דאָרט אין דער קאַסע. ער וואָלט נישט גע-לעגן מער אויפן קאַנט פון בעט און געבעטן זיך – זי זאָל אים אַריינלאָזן.

אָט גייט זי צו צו אים, דאָס מיידל. נעמט אים אַרום און רוימט אים איין, אַז ס'דאַכט זיך איר, דאָס זי טראָגט. ס'הייסט, נישט עס דאַכט זיך איר, נאָר ס'איז אויף זיכער. פון אַנומלט. זי ווייסט פון ווען. איז וואָס-זשע וויל ער – אַ ייִנ-געלע. צי אַ מיידעלע?

– האַ, מלכּהלע וואָס-זשע זאָגסטו?

– וואָס פרעגסטו מיך כּסדר, וואָס איך זאָג, וואָס ביסטו אַזוי פאַרחושט!

— איך — פאַרחושט? אַן איינפאַל. איך מיין נאַר, וואָס זעט מען זי נישט מיטן קאָמפּאָט?

— עפּעס ברענסטו היינט, ווי אַ שטרויענער דאַך.

— ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן?

— שוין, זי ·דערלאַנגט שוין. ברען נישט.

דאָס דינסטמיידל, אַן אויסגעקעמטע, אין אַ ווייס פאַרטוך האָט אַריינגעברענגט דעם קאָמפּאָט.

אין טונקעלן עסצימער האָט זיך צעטראָגן אַן אויסגע-וואַרעמטע פרישקייט, וואָס האָט אַ בלישטש געטון פון מאירס אויגן אַרויס. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס אייגענע דינסט-מיידל, וואָס גייט אַזוי שטיל און קוקט אַפילו נישט אויף אים — איז אַ סך באַטעמטער, ווי זיין ווייב מלכהלע, וואָס זיצט אַקעגנאיבער מיט ווייכן גוידערל און פלאַפּלט מיט פאַר-נאַשטע ליפּעלעך וועגן יענער באַקאַנטער פרוי.

זי, מלכהלע, עסט לעצטנס צופיל און נאַשט צופיל. תמיד זעט זי אויס, ווי זי וואָלט געווען הונגעריק. ער האָט זי נישט ליב צו זען עסן. זי ווערט פאַרפעצט אינגאַנצן. נישט אומזיסט קאָן זי קיין קינדער נישט האָבן. דאָס פעטס האָט זי פאַרשטאָפּט. מאיר ווייסט, אַז שמאָלע פרויען ברענען מער ווי מאַנסלייט. נישט בחינם איז דאָס שטוב-מיידל אַזוי באַטעמט.

— נישט אמת, מלכהלע? — האָט ער דעמאָלט געוואָלט פרעגן. נאָר אין מיטן האָט ער זיך אַ כאַפּ-געטון, אָפּגעווישט די וואָנסעס און אויפגעשטעלט זיך פון טיש.

דאָס מיטאָג איז געענדיקט. פון הויף דערגייט אַן אויס-געריסטע מידקייט פון זאַטע מענטשן. אַ שאַכער שרייט אַריין אין דער מידקייט זיין אויסגעהונגערטן „האַנדעל״ דאָס דינסט-מיידל טוישט דאָס טישטוך. מאַדאַם בראָמבערג רוט אין אַ וויגשטול און רוענדיק, שיילט זי אַ בייכיקע געלע באַרנע.

זי איז אָנגעטון לייכט. די גרויסע אויסגעפּופּלטע הענט זענען אויפגעדעקט ביז צום אַקסל. זי האָט הנאה פון דער

איינגעביסענער באַרנע און פון די ווייכע הענט, וואָס האָבן איצט אַ גלאַנציקע ראָזלעכע קאָליר און רייצן די אויגן פון מאַן אירן, וואָס איז אַריינגעקומען פון קאַבינעט מיט אַ צע־שמייכלט פנים.

— וואָס שמייכלסטו אַזוי, מאיר? — פרעגט זי אים מיט אַן אָפּגעלאָזענער זאַטער שטים און זעצט זיך טיפער אַריין אין דער וויגשטול.

— קוים דערמאָנט זיך — ענטפערט ר׳ מאיר און לייגט צוועק אַן אויפגעשניטענעם בריוו אויפן טיש.

— ווער?

— די קהלה, מ׳שטיינס געזאָגט.

— וואָס, שוין ווידער געלט?

— דאָס מאָל עפּעס אַנדערש.

— אַ שטייגער?

מאירס פנים איז ברייט. ער זעצט זיך אויף דער אָטאָ־מאַנע, ווי איינער, וואָס האָט יענעם אַ גרויסע טובה געטון און איז אַליין פון זיך צופרידן. ער נעמט אַרויס אַ ציין־שטע־כערל און גראַבלענדיק צווישן די גרויסע גאָלדענע ציין, ענט־פערט ער:

— דערמאָנט זיך, אַז ס׳איז דאָ אַ ייד מאיר בראָמבערג, וואָס קאָן אויך אַמאָל עפּעס אויפטון.

— וואָס אַזעלכעס ווילן זיי פון דיר?

— וואָס זיי ווילן?

— יאָ, נו רעד שוין, עפּעס ביסטו דאָך היינט אינגאַנצן צעטומלט.

— זיי ווילן — ציט מאיר שמייכלענדיק וואָרט באַ וואָרט— כ׳זאָל קומען אויף אַ זיצונג פון „זאַזשאָנד". אַזוי ווי איך בין אַ מענטש, וואָס קען גאַנץ וואַרשע און גאַנץ וואַרשע קען מיך — ווילן זיי כ׳זאָל קומען אויף אַ זיצונג און אויפגעבן זיי — ווער ס׳קאָן צאָלן עטאַט און ווער ס׳קאָן נישט צאָלן. האַ, וואָס זאָגסטו, מלכהלע? מיט אַזאַ ייד, ווי דיין מאַן, רעכנט זיך וואַרשע.

— אַ וואַזשנער יחוס קומען אויף אַ זיצונג — פּאַרציט מלכּהלע דאָס גוידערל מיט ביטול.

דער אויסגעצויגענער קנייטש אָבער, וואָס צעלייגט זיך בשעת מעשה אַרום די פּאַרנאַשטע ליפּעלעך, זאָגט עדות, אַז עס טוט איר פונדעסטוועגן הנאה.

— וואָס, עס געפעלט דיר נישט?

— וואָס איז דאָ צו געפעלן?

— נאַרישע יידענע, וואָס דו ביסט. ווייסט כאָטש, ווער ס'איז פּרעזעס פון גמינע?

— ווער, אַ שטייגער?

— הענריק בראָקמאַן! אָט דער אייגענער בראָקמאַן, וואָס האָט די צוקער־פאַבריק מיט די ציגעלניעס מיט די טאַרטאַ־קעס... דער אמתער בראָקמאַן.

דאָס קנייטשעלע בײַ פּרוי בראָמבערגס ליפּעלעך ווערט שמעלער. דער אויסגעפּופּלטער בוזעם — אויסגעשטופּטער. עס דאַכט זיך, אַז זי פאַרמרוזשעט די אויגן און ענטפערט עמעצן מיט אַן אויפגעקומען נגידיש תנועהלע:

— מיין מאַן, זאָל לעבן, איז דאָך פּרעזעס פון דער קהלה.

שפּעטער איז מאַדאַם בראָמבערג אַוועקגעגאַנגען. דאָס מאָל איז זי לענגער געשטאַנען בײַם שפּיגל צוגעפאַרבט אַ קליין ביסל די ליפּן און געגוידערט זיך אין גלאָז אַריין.

אַז ר' מאיר האָט איצט אַ קוק געטון אויף אירע אויס־געקיילעכדיקטע באַקעס, וואָס האָבן זיך ווייך געוויגט בײַם גיין, האָט ער חרטה געקריגן אויף זיינע פריערדיקע מחשבות. אַז מען וויל אַזוי אַ שמועס טון צוריק, האָט ער געטראַכט, איז זי נאָך אויך געגוג באַטעמט, מלכּהלע.

דערנאָך איז ער געזעסן אַליין. אויפן הויף זענען אַריין עטלעכע צערעדטע מענטשן און מיטגעברענגט אַ שטיק טומל פון גאַס. פון אַ פענסטער האָט אַן אויסגערוטע פּרויען־שטים גערופן:

— יאַנקאָ, יאַנקאָ!

מאיר איז געזעסן אין זיין ווייבס וויגשטול און געדרייעט דאָס מיטאָג. ווען ער זאָל זיך פילן אַלע טאָג אַזוי, ווי ער פילט זיך איצט — וואָלט ער גאָרנישט באַדאַרפט זינדיקן. אָט האָט מען זיך דערמאָנט אָן אים, אָן דעם אַמאָליקן מאיר בראָמבערג, וואָס האָט געשאָקלט מיט אַ האַלב פוילן.

נישט אין עטאַט גייט עס. דער עיקר איז דאָ דאָס געטרויען, וואָס מען געטרויט אים. ס'איז נאָר אַ וווּנדער, וואָס זיי האָבן זיך פריער נישט דערמאָנט. אָט, אַ שטייגער, פרעגט מען אים אַמאָל, פאַרוואָס ער, מאיר, ווערט נישט דאָזאָר. ער פאַרשטייט עס גאַנץ גוט. אַ ייִד אַ גביר, אַן אָנגעזעענער מענטש און קיין גראָבער יינג אויך נישט, קיין נאַר — אודאי נישט. איז טאַקע אַ ווּנדער, פאַרוואָס ער איז נאָך נישט געוואָרן דאָזאָר. נאָר ווייניק זאַכן פאַרזעט וואַרשע? האָט מען דאָס אויך פאַרזען.

איצט אָבער דאַכט זיך מאירן, ס'הייסט — נישט עס דאַכט זיך אים, נאָר ער איז מער ווי זיכער, אַז דאָסדאָזיקע פאַרבעטן אים אויף אַ זיצונג פון „זאַזשאָנד" איז די התחלה. מען פאַרשטייט דאָרט, אַז אַזאַ ייִד, ווי מאיר בראָמבערג, דאַרף זיצן אין קהל-שטוב.

וואַרשע וואָלט אַנדערש אויסגעזען. ער, מאיר, איז אַ מענטש, וואָס האַלט זיך נישט גרויס און האָט פיינט כּבֿודים. ער ווייסט, אַז יעדער ייִד דאַרף האָבן פּרנסה. און אָרעמעלייט דאַרף מען געבן שטיצע. אויף דעם זענען מיר דאָך ייִדן. וואָלט ער קודם-כּל איינגעפירט, אַז די אָנגעשטעלטע אין גמינע זאָלן האָבן פּרנסה בריוח. מענטשן אַרבעטן — זאָלן זיי האָבן. וואָס פעלט דען די מענטשן אין פאַבריק? אָט אַזאַ בוכהאַלטער. דאַכט זיך — נישט אַזאַ וואַזשנער צעלייגער, פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַ גאַנץ שיינע פּענסיע, איז מפרנס אַ ווייב מיט אַ קינד און האָט נאָך צו גיין אין טעאַטער אַריין אויך.

איז — ס'ערשטע וואָלט ער געזען די „אוזשענדניקעס" זאָלן זיין צופרידן. דערנאָך וואָלט ער אַ קוק געטון אין בית

עולם אַריין. אָט דעם אינטענדענט דאָרט, וואָס פירט אַלע באַ דער נאָז, וואָלט ער קודם-כּל אַראָפּגעהאַקט די פליגל. זאָל ער נישט מיינען, אַז ער איז באַלעבאָס. די אָרעמע יידן נעבעך, די מתעסקים, וואָלט ער אויך געהייסן דערלייגן. זאָלן זיי נישט אויסשטעלן די הענט באַ קיין לויה. ס׳איז דאָך אַ חרפּה. ער וואָלט געמאַכט, אַז דאָס געלט, וואָס די אל-מלא-רחמים-יידן קריגן פון די לויה-גייערס, זאָל אַריין אין איין קאַסע. אַלע וואָך, אָדער אַלע טאָג זאָל עס צעטיילט ווערן אויף גלייכע חלקים.

דאָסגלייכן מיטן עטאַט. האַלב וואַרשע צאָלט נישט. באַ אים וואָלט מען שוין יאָ געצאָלט. אַלע. קיין איינער וואָלט נישט געפעלט.

אין סינאַגאָגע וואָלט ער אויך אַריינגעשמעקט. די שמשים וואָלטן נישט געוואָרפן קיין יידן פון די טרעפּ. אַ שול פאַר אַלע.

אַזוי האָט געטראַכט ר׳ מאיר אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען זיין ווייב מלכּהלע איז אַוועקגעגאַנגען און ער אַליין איז געבליבן אין שטוב. שאָטנס זענען פאַרשלאָפן געוואָרן איבערן טונקעלן מעבל. אויף די דעכער פון הויף האָט זיך אָפּגעלייגט אַ ווייטער טומל פון טראָטואַרן. דאָס דינסטמיידל האָט געעפנט די טיר און געפרעגט, צי דער פאַן וויל נישט קיין טיי.

דער פאַן האָט אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, ווו ער איז און צי ער טראַכט בכלל. ער האָט זיך געזען אַן אַנדערן, אַן אויסגעגלייכטן. געהערט, ווי ער אַליין רעדט. קיין סימן פון הייזעריקייט. אָט קומט ער אַראָפּ אין פאַבריק, טראָגט אים דער ברידער אַקעגן אַ גוטמאָרגן. דאָס גוטע שוועסטערל, וואָס רופט אים נישט אַנדערש, ווי „דער מאיר" — דרייט אויס דעם קאָפּ און פרעגט אים, וואָס ער מאַכט און וואָס מלכּהלע מאַכט. זיצט ער אין קאַבינעט און הערט דורך דער טיר, ווי זי רופט זיך אָן צו עמעצן, אַז ער, דער עלטערער פאַן בראָמבערג, איז

נאָר-וואָס געקומען. מען קאָן נישט אַריינגיין. ער איז פאַרנומען, דער עלטערער פאַן בראָמבערג.

איצט, זיצנדיק אין דער וויגשטול, פאַרטונקלט מיט שלאָפנ-דיקע שאָטנס, האָט ר׳ מאיר פאַרגעסן, אַז דער בוכהאַלטער מיט די גאָלדענע ברילן שרייבט דאָרט אין די ביכער און אַז ער שרייבט דאָס, וואָס אים, מאירן געפעלט נישט.

דער רויך פון געמויערטן קוימען וואַרפט שוין נישט אַרויס זיין האָב-און-גוטס אין דער הפקרדיקער וועלט אַריין.

נעמט אים אַזוי דער ברודער זיינער איינמאָל אויף אַ זייט און זאָגט אים, אַז אַזוי ווי דער קאָנטראַקט האַלט זיך שוין באַם ענדיקן, וואָלט אפשר אַ יושר געווען, מ׳זאָל אים אויפסניי באַנייען. ער וועט אים, מאירן, געבן אַ גרעסערן פּראָצענט. וואָס דאַרף ער זוכן נייע געטער. גלייכער בלייבן באַם אַלטן.

ענטפערט אים מאיר, אַז ער וועט זיך מיישב-זיין. ער קאָן אים נאָך איצט נישט זאָגן.

זיצט ער אַמאָל אין טראַמוויי, ר׳ מאיר, פילט ער, ווי עטלעכע יידן קוקן אויף אים און שושקען זיך. ווייזט-אויס — מען רעדט פון אים. אָט אָ זיצט דער דאָזאָר פון וואַרשע ר׳ מאיר בראָמבערג, וואָס האָט אַ פּאַפּיר-פאַבריק און איז דער גרויסער גביר און דער וווילטעטער און דער גרויסער בעל-צדקה.

— האַ, מלכהלע, האָסט זיך גערעכט אויף דעם? — פרעגט ער זיין ווייב, וואָס איז שוין צוריקגעקומען פון גאַס און געהאַט טענות, פאַרוואָס ס׳איז נאָך פינסטער אין די שטיבן.

— אויף וואָס?

— אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך דערמאָנט.

— קלערסט נאָך אַלץ דערפון?

— ס׳איז דען נישטאָ פון וואָס צו קלערן?... אָט, מיין איך, אַז ווען איך זאָל זיין... ס׳הייסט, ס׳איז דאָ פון וואָס צו קלערן... אַ גרויסע זאַך — אַ דאָזאָר...

מלכהלע איז פאַרנומען מיטן אויסטון זיך. זי הערט

איינס איבערן צענטן, זי גייט פון איין צימער אין צווייטן אויף גרינגע סקריפענדיקע אָפּצאַסלעך. טוט נישט אָן קיין בלוז-קע. עפּעס אַזוי ווי אומישנע. מאיר זאָל איר נאָכקריכן און האָבן אויף וואָס צו קוקן.

מאיר גייט איר טאַקע נאָך. פון טיש צום קרעדענס. פון קרעדענס אין שלאָפצימער אַריין. פון דאָרט – צוריק אין עס-צימער. און גייענדיק אַזוי רעדט ער כּסדר אין אירע פעטע שאָקלענדיקע פּלייצעס אַריין:

– אַז ער וועט זיין דאָזאָר... ס׳הייסט, ווען מ׳וועט אים אויסקלויבן, וועט וואַרשע אַנדערש אויסזען... האַ, מלכּהלע, ווי מיינסטו?... מאיר בראָמבערגן פּאַסט צו זיין דאָזאָר?...

– ווערמען דען פּאַסט, אַז נישט דיר? – ענטפערט מלכּהלע אין אַן אָפן טירל-אַריין פון קרעדענס – אַ סך האָט וואַרשע אַזעלכע, ווי דו?...

–כ׳קלער אויך אַזוי. וויפל האָט דאָס וואַרשע אַזעלכע יידן, ווי איך... כ׳מיין... ס׳הייסט... דו פאַרשטייסט?...

שפּעטער, ווען באַם הויז-טויער האָט זיך געריסן דאָס גלעקל און אַ קאַץ האָט געוויינט אויף אַ דאַך, האָט זיך ר׳מאיר איילנדיק אויסגעטון. און אַזוי ווי אין צווייטן בעט האָט שוין גע-רוט זיין ווייב מיט די באַקעטע, אויסגעפּופּלטע הענט אויף דער קאָלדרע, האָט ער פאַרדרייט די עלעקטריע און נישט פרעגנדיק, געלייגט זיך נעבן איר.

מלכּהלע האָט אים דאַסמאָל נישט אָפּגעשטופּט. מלכּהלע איז היינט געווען באַם דאָקטאָר. באַם נייעם דאָקטאָר, וואָס גייט איצט אָן אין וואַרשע פאַרן גרעסטן אויף פרויען-קראַנקייטן. האָט ער זי „געבאַדעט". זייער לאַנג „געבאַדעט". מלכּהלען האָבן שוין אַ סך דאָקטוירים „געבאַדעט". נאָר אַזוי ווי דער – קיינער נישט.

אין אָנהויב איז עס איר אַפילו נישט געפעלן, דאָס „באַ-דען" זיינס. עפּעס האָט ער צו-גיך געוואָרפן מיט די הענט. נאָר אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטיל און צוגעלייגט דאָס פּנים צו איר לייב (ער האָט אַ גלאַטיק פּנים, דער דאָקטאָר) און האָט

איר געזאָגט, אַז זי איז נאָך אַ יונגע פרוי און קאָן נאָך האָבן נישט איין קינד — איז ער איר געפעלן. אַ גוטער דאָקטאָר... „באַדעט” זייער געטריי. איז איצט, אַז דער מאַן אירער, מאיר, איז אַריינגעקומען האָט זי זיך איינגעטוליעט אין אים און שטילערהייט, צווישן שלאָפנדיקע שאָטנס און צווישן אַ פּאַס שמאָלער ליכטיקייט אין פענסטער, האָט זי זיך געפּיעשטשעט:

— מאירל, טאָרסט דאָך נישט, מאירל...

מאירל האָט אַרומגענומען איר צעוואַקסן לייב. און פילנדיק די צעוואַרעמטע ווייכקייט, האָט ער געשטאַמלט מיט זיין הייזעריק פלעגמע-שטימעלע:

— האַ, מלכהלע, דו, מלכהלע. שלאָפסט מיטן דאָזאָר, האַ? מיטן דאָזאָר, מלכהלע...

דער אומרו אין דער צווייטער שטוב איז אַזוי ווי שטילער געוואָרן. פּאַמעלעך, אַזוי ווי אָפּגעלעגענע טריטלעך פון אַ נאַכט-שומר, איז ער מסכּים געווען אין דער פינסטערניש אַריין:

— יאָ... יאָ...

— יאָ... יאָ...

אַן אָרנטלעכע פרוי

אַז פרוי קליינער קוקט אַרויס דורך די קלאָר־געפּוצטע שויבן פון אירע צימערן אין פאַבריק־הויף אַריין, — זעט זי אַן אָנגעוואָרפענע קופּע צעשטויבטע קוילן, וואָס ליגט צעלייגט, ווי אַ פּעסט אויף אַן אָנגעווייטיקט האַרץ. אַ מענטש, אַן אויס־געפּעצטער, אין אַ בלויער בלוזע, קריכט מיט אַ לאָפּאַטע אין די געדערים אַריין פון דערדאָזיקער קופּע. שלעפּט פון אי־נעווייניק די אָדערן און לאַדעוועט זיי אין אַן אויסגעקרומט האַנט־וועגעלע, וואָס סקריפּעט און בייזערט זיך, ווי אַ לעבע־דיק נפש.

אַ גאַנצן טאָג שטייט ער אַזוי — דער אויסגעפּעצטער מענטש מיט דעם צעקודלטן קאָפּ. ער פירט די אָנגעלאַדע־וועטע וועגעלעך קוילן צו די קעסלען, וואַרפט זיי דאָרט אַרויס, קומט ווידער צוריק און ראַצט כּסדר מיט דער אויסגעגלאַנצ־טער לאָפּאַטע, וואָס דערמאָנט אָן אַ הונגעריקן מאָגן.

קוקט אַזוי פרוי קליינער שוין גאַנצע זיבן יאָר אין גרויען, אַרומגעצוימטן הויף אַריין, ווו די פאַרברודיקטע מויער פון דער פאַבריק האָט זיך אוועקגעשטעלט סאַמע אינדער־מיט, ווי אַ גראָב־יינגישער מחותּן, וואָס קויפט זיך איין אין יחוס.

אַלע טאָג פון די גאַנצע זיבן יאָר זעט פרוי קליינער דעם שוואַרץ־פאַרשטויבטן פּאַפּע־דאַך, ווו עס לויפן אַמאָל דורך צוויי קעץ, אָדער ווו עס שטעלט זיך אָפּ אַ פויגל על פּי טעות — טוט אַ פּישטש ערגעץ אין דער וועלט אַריין און ווערט נעלם איבערן פלויט אַריבער.

איז — אַז מען קוקט אַזוי זיבן יאָר אויף איין און די זעלבע זאַך, ווערט מיט דער צייט דער פּאַפּע־דאַך מיט די צוויי לויפנדיקע קעץ צערינען. זוכט מען אַ ניי אָרט, ווו אָפּ־צושטעלן די פאַרגרעסערטע אַפּלען. פאַרטשעפּעט זיך דער בליק אָן אַן אויסגעפּאַשעטן, ברייט־בייכיקן און בכּבודיקן קוימען, וואָס וואַקסט, דאַכט זיך, פון טאָג צו טאָג העכער און וואָס קאָן פונדעסטוועגן נישט דערגרייכן דעם הימל.

וואונדערט זיך טיילמאָל פרוי קליינער. עפּעס געדענקט

זי נישט, ווען ער איז אַזוי הויך אויפגעוואַקסן, דער קוימען. ווען זי איז דאָ אַהערגעקומען צום ערשטן מאָל, איז ער געווען קליין. דער רויך, וואָס האָט כּסדר געשלאָגן פון זיין אָפן מויל, האָט צוגעצויגן איר אויג. זי האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף די קנוילן און קנוילעכלעך, וואָס ער שפייט אויס פון זיך. אָט צעגייען זיי זיך ערגעץ, מישן זיך אויס מיט וואָלקנס און וואָלקנדלעך און עס ווערט פון זיי, מן הסתם, רעגן אָדער גאָרנישט.

איצט, נאָך זיבן יאָר קוקן, ווען פרוי קליינער האָט דערווייל געבוירן צוויי קינדערלעך זאָלן געזונט זיין און אין די גרויסע שטיל-אויסגעבעטע צימערן זענען צוגעקומען דריי פרעמדע דינסטן, פאַר וועלכע פרוי קליינער מוז אָנגרייטן טאָג-טעגלעך עסן און האַלטן באַ זיך אַ בונט שליסלען פון שענק און קרעדענסן — איצט שטייט אַלץ דער ייגענער קוימען אויף זיין פריערדיק אָרט — קאַלט, באַלעבאַטיש, אויסגערעכנט, ווי אַן איינגעפּונדעוועטער אַרענדאַר מיט אַ זאַטן בויך.

נישט זיין דאגה, וואָס זי, פאַני קליינער, קאָן נישט פאַרטראָגן זיינע פלייסיקע אַרומגעריפּטע ווענט, וואָס לאָזן נישט זעען די וועלט אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט.

מאַדאַם קליינער ווייסט, אַז דאָרט אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט איבערן פלויט אַריבער ליגן פאַרמיסטיקטע ליים-גרובן. אין קליינע, ענגע שטיבלעך וווינען פאַרפּעצטע מענטשן מיט אָרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן. מענטשן, וואָס פאַרשיכּורן דעם וואָך-לוין ביזן לעצטן גראָשן און פאַר גרויס מתיקות טאָרען זיי זיך מיט די ווייבער אין די בעטן און צעממיתן זיי ביז בלוט.

דאָס אַלץ ווייסט פאַני קליינער, דאָס ווייב פון פאַבריקאַנט, וואָס וווינט דאָ מחוץ דער שטאָט און שפּייזט יענע פאַרפּעצטע מענטשן, וואָס פאַרשיכּורן דעם וואָך-לוין.

אַמאָל אָבער, אין אַן אויסגערוטן זונטיקדיקן טאָג הויבט זיך אויף פון יענע פאַרליימיקטע ענגע שטיבלעך אַ צעשפּרייט הפקרדיק געזאַנג, באַגלייט פון אַ צעצויגן האַרמאָניע-גרימפּלערײ און פון צעטאַנצטע שווערע שטיוואַליעס.

עפנט דעמאָלט פרוי קליינער אירע קלאָר-געפּוצטע פענס-טער און לאָזט אַריין צו זיך דאָס צעטאַנצטע, פאַרשיכּורטע גרימפּלעריי צוזאַמען מיטן לאַכעדיקן קוויטשעריי פון אויסגע-וואַרעמטע ווייבער.

אָט איז עס אַריבער דעם יום-טובדיק-פאַרשלאָפענעם קוי-מען. אָט קוילערט עס זיך אויף דער גרויסער קופּע קוילן-שטויב. און אָט לייגט עס זיך אַוועק פאַר די אָפענע פענסטער פונעם רייכן פאַבריקאַנט, וואָס זיצט איצט אין אַ וויג-שטול און לייענט די מאָרגן-צייטונג.

זיין גלאַט-אויסגעראַזירט פּנים איז קאַלט אַריינגעטון אין די לאַנגע שפּאַלטן. עס דאַכט זיך, אַז ער הערט נישט, וואָס אַרום אים טוט זיך. פרוווט זיין פרוי אין דער שטיל אַ זאָג-טון — אַזוי מן הצד אַ זאָג-טון:

— אַז דאָרט, אויף יענער זייט קוימען, ווו ס'וווינען די אַרבעטער, טאַנצט מען אַצינד.

ענטפערט פאַן וולאַדיסלאַוו, נישט אַוועקנעמענדיק די שטיי-ענדיקע אויגן פון בלאַט:

— אַז זאָלן זיי זיך דאָרט טאַנצן, די שיכּורים. וואָס אַרט עס עמעצן?

פאַרמאַכט פרוי קליינער די פענסטער. נעמט שליסן די שווער-צעלייגטע שענק. טיילט אויס עסן. שיקט אַראָפּ שפּאַצירן דאָס עלטסטע מיידעלע מיט דער פאַננע. דערנאָך גייט זי פון שטוב צו שטוב. גייט גיך, פאַמעלעך און ווידער גיך. קוקט, ווי אַזוי עס גייט צו דאָס אויפרוימען און דאָס קאָכן — און שווייגט.

נאָר אַז פון גרויס שווייגן גייט שוין איבער דאָס האַרץ, רופט זי זיך אָן צו דער אַלטער מאַמען אירער, וואָס ציטערט מיטן פּנים:

— אַז דער קליינער יאַשיאָ — אָט דער קליינטשיקער, וואָס זויגט באַ דער אַם — האָט ביינאַכט עפּעס גרימאַשעט.

— ס'וואָר מאַריאַננאָ?

שטעלט זיך אַוועק מאַריאַננע, די גרויס-ברוסטיקע אַם

מיטן זאַטן מילכיקן פּנים — אַ צעלאַכטע פון דעם האַרמאָניע־גרימפּלערײַ און ענטפערט מיט אַ פאַרקנײטשטן אַקסל:

— אי, גדזשע טאַם! געזונט, ווי אַ פישל.

— געזונט זאָגסטו, מאַריאַננע?

— געזונט, פּראַשען פּאַני, געזונט. און שפּיצט אויף די אויערן מיט די צעלאַכטע צײַן אַהין צו דער האַרמאָניע אויף יענער זײַט פּלויט.

פּאַן וולאַדיסלאַוו, דערוויל, הערט נישט, צי דער קליינער יאַשיאָ איז יאָ געזונט, צי נישט געזונט. אָט האָט ער אַוועקגע־לייגט איין צײַטונג און גענומען זיך צו אַ צווייטער. זײַנע קאַל־טע, שטייענדיקע אויגן גליטשן זיך איבער די שמאָלע אָנגע־שטאָפּטע שפּאַלטן מיט אַ הונגעריקער ניײַגעריקייט.

ער מוז דאָס אַלץ דורכליענען, ווייל הײַנט איז זונטיק. און זונטיק איז דער איינציקער טאָג אין דער וואָך, ווען ער קאָן זיך רויק אָפּגעבן מיט זיך. דאָס הייסט, מיט לייענען צײַ־טונגען.

אין דער צײַטונג זוכט פּאַן וולאַדיסלאַוו קליינער קודם כּל דאָס, וואָס אינטערעסירט אים, ס׳הייסט מסחר־ידיעות מיט מסחר־אַרטיקלען. אים אינטערעסירט פּאָליטיק אויך. אָבער אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי האָט אַ שייכות מיט זײַן פאַבריק און מיט זײַן מסחר.

די צײַטונג איז בײַ אים דער פּולס פון לעבן. ער קאָן נישט קיין מענטשן אויסער די סוחרים, מיט וועלכע ער האַנדלט און אויסער די בריוו מיט די פירמעס, וועלכע ער באַקומט פון זײַנע קליענטן. מענטשן ליגן בײַ אים אונטער די שפּאַלטן פון דער צײַטונג און אונטער דער אָפּגעדרוקטער פירמע פון דעם אָדער יענעם קליענט.

דעריבער רעדט צו אים אַזוי פיל דאָס אָנגעשטאָפּטע בלאַט. ער לייענט אַלץ פון דער ערשטער ביז דער לעצטער זײַט. דער עיקר אָבער שטודירט ער אין דער צײַטונג די אַלע אַלטע און נײַע געזעץ־פּראָיעקטן וועגן שטײַער.

ער, דער מענטש מיט פּרינציפּן, דער פאַבריקאַנט וולאַ־

דיסלאַוו קליינער, וואָס קען נישט קיין מענטשן, נאָר פירמעס — ער געדענקט אַלע פּאַראַגראַפן מיט אַלע פּונקטן מיט אַלע טערמינען, ווען מען דאַרף צאָלן די שטייערן, וויפיל מען דאַרף צאָלן און ווי אַזוי מען דאַרף צאָלן.

כאָטש דעם אמת געזאָגט, וואָלט ער זיך אָן די אַלע ידיעות געקאָנט גאַנץ לייכט באַגיין. מחמת דאָרט אין דער קאַנטאָר, וואָס געפינט זיך אונטער זיינע פינף אויסגעוואָרעמטע צימערן, זיצט אַ יונגערמאַן אַ בוכהאַלטער, וואָס לייענט אויך די אייגענע צייטונגען און האָט אויך אַ שוואַכקייט צו געדענקען אַלע פּאַראַגראַפן מיט אַלע פּונקטן פון די שטייער-געזעצן.

איז אָבער פּאַן וולאַדיסלאַוו אַ מענטש אַן עקשן. אַ מענטש, וואָס האָט ליב שטילערהייט צו טראַכטן, אַז ווען מען זאָל אים לאָזן, וואָלטן די פינאַנסן פון דער מלוכה גאָר אַנדערש אויסגעזען. גויים זענען נישט מסוגל צו האָבן צו טון מיט פינאַנסן. איז אָט גלייבט נישט פּאַן וולאַדיסלאַוו קיינעם. ס'הייסט, ער גלייבט אַלעמען. וואָס איז דאָ נישט צו גלייבן? נאָר גלייכער איז, אַז מען גלייבט קיינעם נישט און מען פאַרלאָזט זיך נישט אויף יענעם.

ער ווייסט, אַז אונטן אין דער קאַנטאָר איז פּונקט אַזוי, ווי אין אַ קאַזאַרמע צווישן זעלנער. מען שטייט אויסגעצויגן און מען האָט מורא. אַזוי האָט פּאַן וולאַדיסלאַוו איינגעפירט פון אָנהויב אָן.

ווייסט ער, אַז אַלץ וועט דאָרט ערליידיקט ווערן פינקטלעך, אויף דער האָר. ס'שאַדט אָבער נישט מיט איין אויג אַ קוק צו טון. גלאַט אַזוי, גאָרנישט צו מיינען. וואָס קאָן דען שאַדטן, אַז אַן אויג קוקט. ווי זאָגט אַ פּויליש שפּריכווערטל: „פּאַנסקיע אָקאָ קאָניאַ טוטשי"...

דערפאַר האָט ער אינמיטן דער וואָך אַזוי ווייניק צייט צו פאַרנעמען זיך מיט זיך. ס'הייסט מיט לייענען צייטונגען.

אַ מענטש, זאָגט ער, דאַרף זיין אַזוי ווי אַ זייגער. אַרבעטן און פּינקטלעך זיין. פּינקטלעכקייט איז די נשמה פון לעבן. ווען ער, פּאַן וולאַדיסלאַוו, זאָל נישט זיין פּינקטלעך

און זאָל נישט אַראָפּקומען אין געשעפט אַריין געני נײַן אַ זייגער אינדערפרי, וואָלט ער נישט געווען ד אָ ס, וואָס ער איז און די פירמע וואָלט נישט געווען ד אָ ס, וואָס זי איז.

זעצט ער זיך אַוועק אין־דערפרי אין זיין פאַרמאַכטן קאַבינעט. און פון די צוויי פאַרשטויבטע פענסטער, וואָס גייען אַרויס אין הויף אַריין, פירט ער אָן מיט די צעלאָפּענע טראַנסמיסיעס. מיט די פּופּצען פּאָר ברייט־הינטנדיקע פערד. מיט אַלע וועגן און מענטשן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום און לעבן פון דאַנען.

אין דעמדאָזיקן קליינעם פאַרשטויבטן קאַבינעטל, ווו די זון האָט ליב אַריינצוקוקן אַ האַלבן טאָג, ווו די דריי טעלעפאָנען קלינגען, ווי הונגעריקע יונגע הינטעלעך, דאָ באַ די נעפּל־פּאַסן, וואָס פּאַלן אויף די טישן פון הויכן קוימען אין דרויסן ווייסט פּאַן וולאַדיסלאַוו — וויפיל מענטשן עס אַרבעטן באַ אים אין פּאַבריק, וויפיל סחורה עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ טאָג און וויפיל אייער די גאַנצע האָפּטע הינער, וואָס דרייט זיך אַרום אויפן הויף, לייגט אַ טאָג פּאַר זיין הויזגעזונט, וואָס זיצט אויפן ערשטן שטאָק: קאָכט, באַקט, וואַשט און אַרבעט פּונקט, אַזוי ווי די לעדערנע פּאַסן אויף די רעדער.

עס גייט ווי אַ זייגער. פּונקט צוועלף קלינגט אַראָפּ דער טעלעפאָן און בעט אַרויף „דעם פּאַן" אויף צווייט־פרישטיק.

זיצט פּאַן וולאַדיסלאַוו באַם גרויסן טיש מיט זיין ווייב, קינדער און שוויגער. ער זיצט אַ פּאַרטוועגער אין די חשבונות, וואָס זענען דאָרט איבערגעבליבן אויפן שרייב־טיש באַ אים אין קאַבינעט.

ער זעט איצט קלאָר די ציפערן. ווייסט, ווו יעדע איינע שטייט און פון וואַנען יעדע איינע נעמט זיך.

וויל זיין ווייב — די דראָבנע פּאַני קליינער מיטן צוגרויסן בונט שליסלען — אים עפּעס פרעגן היימישע זאַכן וועגן שטוב און קינדער — פּאַרפעלט איר דרייסטקייט. זי ווייסט, אַז איר מאַן טראָגט אויף זיך דעם גאַנצן שווערן עול,

וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט פון די קלאָר־געפוצטע שויבן. האָט זי נישט דעם מוט צו קומען מיט אירע „קליינע" ברויט־מיט־פּוטער־טענות.

צסט מען שוויגנדיקערהייט. וואַרט מען, ער דער באַלעבאָס פון שטוב זאָל זיך אָפּרופן דער ערשטער.

טרעפט, אַז זיין קאַנטיק מויל מיט די געשניטענע ווינק־לען אַראָפּ — צעשמייכלט זיך. ער גייט עפּעס זאָגן. וואַרט די דראָבנע פּאַני קליינער. עס דאַכט זיך, אַז אָט וועט זי הערן אַ נייעס. עפּעס אַ פרעמדס, נישט קיין היגס... ער זעט דאָך אַזוי אויס, דער מאַן אירער איצט. שפּיצט זי אויס דאָס קעפּל, אַזוי ווי אַ הינדל בשעת אַ סכנה.

רופט זיך אָן פּאַן וולאַדיסלאַוו, ווישנדיק מיט אַ סער־וועטל די איינגעגעצטע איבערשטע ליפּ, אַז:

— אומעטום מוז מען האָבן אַן אויג. דאַכט זיך — אַ קליי־ניקייט: אַן אַרבעטער האָט באַהאַלטן אַ שטיקל קויל אונטער דער פּאָלע. דער טויער־היטער, דער אַלטער נאַר, דער צע־טראָגענער גוי האָט אים שוין געהאַט כמעט ווי אַרויסגע־לאָזן.

זיצט ער אַזוי, — פּאַן קליינער — און קוקט אין הויף אַריין. זעט ער, ווי דער אַרבעטער האָט עפּעס אַ צו־הויכן בו־זעם. ווי קומט צו אַן אַרבעטער אַזאַ הויכער בוזעם? הייסט ער אים צוריקרופן. און אַזוי שטילערהייט, גאָרנישט צו רעדן, נעמט ער אים אַפּער אַ שטיק קויל. האַ? — איז שוין רעכט, אַז מען מוז אומעטום זיין. אַז טויזנט אויגן זענען ווייניק. עס גייט דען אין דעם שטיקל קויל? אָבער פּרינציפּיעל טאָר עס נישט דערלאָזט ווערן.

מאַדאַם קליינער זעט אויס צו שמייכלען. מען קאָן נישט וויסן גענוי וואָס עס באַטייט דאָס קנייטשל, וואָס האָט זיך איר צעלייגט אויפן שטערן סאַמע איבער דער נאָז. אַ קלוגער וואָלט געזאָגט — אַזעלכער, וואָס קאָן מענטשלעכע פּנימער — אַז זי האָט גאָר בדעה צו וויינען.

אָבער פּאַני קליינער וויינט נישט. עס שטייט אַ זוניקער

דרויסן הינטער די פענסטער. ווער ווייגט עס אין אַזעלכע טעג? דרייט זי נאָר אויס דעם קאָפּ און נישט ווילנדיק טרעפט זי זיך אויג אויף אויג מיט דער אַלטער מאַמען, וואָס שאָקלט אַריין אין טישטוך אירע נחתדיקע מחשבות וועגן דעם געראָטענעם איידעם.

נאָכן עסן רוימען די דינסטן אַראָפּ פון טיש מיט אַ גאָפּל-מעסער-קלינגעריי און מיט אַ ווייך-לאַטשנדיק-טשאַפּעריי.

די גרויס-אברדיקע אַם שלעפּט אַרייס פון סטאַניק אַ ברייטע, ווייסע ברוסט און שטופּט זי דעם קינד אין מיילעכל אַריין. דאָס עלטסטע מיידעלע זעצט זיך אַוועק צום טישל מיט אירע ליאַלקעס און רעדט עפּעס צו זיי. מאַדאַם קליינער, אַ צונויפגעקנוילטע, דרייט זיך אַרום אַ פרעמדע איבער אירע צימערן. שליסט כסדר די שענק מיט די קרעדענסן. באַפעלט עפּעס צו די דינסטן אין קיך אַריין, און הערט, ווי אויף יענער זייט פענסטער שטייט אַ טומל פון פורמאַנעס, פון פערד אַ סקריפּען פון נישט-געשמירטע רעדער. און דורך דער וואַנט טראָגט זיך כסדר אַן איינגעגעסן ווייט הודזשען, וואָס דערמאָנט אָן אַ לאַנגן שטילן ציין-ווייטיק.

טראַכט פרוי קליינער, אַז אייגנטלעך איז אַלץ, וואָס זי זעט און הערט דאָ, נישט מער ווי אַ גרויסע גוט-געשמירטע מאַשין. מענטשן זענען דאָ נישט מער, ווי שרייפלעך. גרע-סערע — קלענערע, אָבער שרייפלעך. פאַלט אָפּ איין שרייפל, פאַרטרעט מען אים מיט אַ צווייטס. פאַלן אָפּ צען שרייפלעך, פאַרטרעט מען זיי מיט צען אַנדערע.

איז אָט דאַכט זיך איר, דער פרוי קליינער, אַז אין דער-דאָזיקער גרויסער גוט-געשמירטער מאַשין מיט די לעדערנע פאַסן מיט די אַלע פערד, וועגן און מענטשן — איז זי אויך נישט מער ווי אַ שרייפל. ווי אַ קליין, קליין רינגעלע. וועט עס אַרויספאַלן, וועט מען עס פאַרטוישן מיט אַ צווייטס.

וואָרום אַז מען זאָל אַזוי וועלן גוט אַ טראַכט טון. אויף אַן אמת אַ טראַכט טון — וועט אויסקומען, אַז די גאַנצע פאַני קליינער, דאָס ווייב פון רייכן פאַבריקאַנט, וואָס האָט

מיט אים צוויי קינדער און האַלט צו זיי דינסטן און זאָרגט וועגן כסדרדיקן עסן און שלאָפן — אַז דידאָזיקע פּאַני קליי־בער איז נישט מער, ווי אַ דינסט דאָ. אַ דינסט נישט צום וואַשן ס׳געפּעס און נישט אַליין צו קאָכן, נאָר אַ דינסט, וואָס איר הייליקער חוב איז צופרידנצושטעלן אייגעם אַ מענטש, אַ פרעמדן מענטש, וואָס זיין נאָמען איז וולאַדיסלאַוו קליינער.

פון גאָט און פון לייט איז איר געגעבן געוואָרן די מיסיע צו זאָרגן — עס זאָל דעמדאָזיקן וולאַדיסלאַוו קליינער גוט זיין. ער זאָל האָבן וועש צו דער צייט, אַ קלאָר בעט צו דער צייט און זי זאָל אים זיין אַ ווייב צו דער צייט.

גראָד איז דערדאָזיקער ווילד־פרעמדער וולאַדיסלאַוו קליינער איר מאַן. ס׳האָט געקאָנט זיין אַ צווייטער, אַ דריטער אַ צענטער. טויזנטער אַנדערע האָבן עס געקאָנט זיין. זי וואָלט געבליבן די אייגענע סאַבינע, נאָר מיט אַן אַנדערן צונאָמען.

איצט איז זי פּאַני קליינער.. אַ רייכע. האָט אַ פאַבריק מיט קופּעס קוילן, מיט פּאַרמיסטיקטע שטאַלן. זי, די אַמאָלי־קע סאַבינע, וואָס האָט געטראַכט אַ ליין געוואָלט אַליין אָדער ג י ש ט־געוואָלט אַליין.

היינט טראַכט זי מיט יענעמס געדאַנקען. היינט מוז זי וועלן, וואָס יענער וויל. פונקט אַזוי ווי די לעדערנע פּאַסן אויף די רעדער, אָדער ווי די פערד, וואָס לאָזן זיך פירן מיטן ריר פון די לייצעס.

זי איז עמעצנס. זי איז אַ טייל פון דעם גרויסן, וואָס מען רופט: „פירמאַ וולאַדיסלאַוו קליינער”.

אונטן אין דעם קליינעם ענגן קאַבינעט, אַרומגעשטעקט מיט פּאַפּירן, טינטאַרנס און טעלעפאָנען זיצט דער עמעצער. ס׳הייסט די פירמע וולאַדיסלאַוו קליינער. דידאָזיקע פירמע האָט צו שאַפן איבער די אַלע טויטע און לעבעדיקע נפשות און אויך איבער איר, איבער דעם אַמאָליקן מיידל סאַבינע.

עס קומט אויס, אַז צווישן די אַלע פּאַפּירענע חשבונות, וואָס ליגן בײַ אים אויפן טיש, ליגט אויך איר חשבון. אָט

קוקט ער אין אים אַריין. זוכט — צי עס קומט אים נישט אַמאָל אַ רעשט פון איר.

ווייסט אָבער מאַדאַם קליינער, אַז זי איז אים גאָרנישט שולדיק.

זי האָט אים געבוירן צוויי קינדער. די קינדער האָט זי ליב. ס׳זענען דאָך אירע קינדער. געמיינט האָט זי אָבער, אַז זי וועט די קינדער נישט געבוירן. ווען זי איז טראָגן געוואָרן מיטן ערשטן — האָט זי זיך געוווּנדערט:

— ווי קומט עס?... דאַכט זיך, אַז זי איז גאָרנישט געווען דערביי. ער — אַלץ ער.

עס זענען געווען, געדענקט זי, קאַלטע נעכט. איבער דער וואַנט פון שלאָפצימער האָבן געהוידזשעט די טראַנסמיסיעס. געהוידזשעט אין זייערע בעטן אַריין. זי איז געלעגן אַ פאַרציטערטע, אַן איינגעקוירטשעטע. איז געקומען איינער, נישט קיין היגער, עפּעס אַ ווייטער. און דעמדאָזיקן נישט-היגן, דעמדאָזיקן ווייטן האָט זי אָפּגעגעבן איר יונג לייב.

ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער נישט-היגער האָט געהאַט צו באַצאָלן אַ חשבון. פּונקט אַזוי פיל וויפיל ס׳איז געקומען. נישט מער און נישט ווינציקער. וואָרום:

— אַ מענטש מוז זיין פּינקטלעך. פּינקטלעכקייט איז די נשמה פון לעבן.

ביזן היינטיקן טאָג זאָגט זי אים גאָרנישט. די נעכט זענען ווייטער קאַלטע. ס׳שמעקט מיט אויסגעסדרטע ציפערן. דורך דער וואַנט הוידזשעט ווייטער. און מער, ווי אַ פלעגמע־שטימעלע: — סאַבינקע, רוק דיך אַביסעלע — הערט זי נישט.

טיילמאָל דערטראָגט זיך דורך די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן אַ צעוואָרעמט הירזשען פון פערד, אַן אויפגעוועקט בילן פון אַ הונט — דאַכט זיך איר, אַז ס׳בייזערט זיך עמעצער, וואָס זי, דאָס אַמאָליקע מיידל סאַבינע. גיט זיך איבער אַ פרעמדן.

היינט איז אַ וואָכעדיקער אויפדערנאַכט. פאַן וולאַדיסלאַוו איז פריער אַרויפגעקומען פון ביוראָ. ס׳איז נאָך אָוונטברויט. די קינדער שלאָפן שוין. דורך דער פאַרמאַכטער טיר הערן זיך זאַטע געלעכטערס פון די דינסטמיידן.

זיצט פאַן וולאַדיסלאַוו אין געראַמען ליכטיקן עס־צימער און קוקט דורך די אַלע נאָטיצן און פּאַפּירלעך, וואָס דאָס פּערסאָנאַל גרייט אים יעדן אויפדערנאַכט צו.

באַם צווייטן עק טיש זיצט פּרוי קליינער אַ וואַרעמע מיט האַלב־נאַקעטע פּאַררויטלטע הענט.

פון אַ דערבייאיק צימער קומט אַריין די אַלטע מאַמע מיטן ציטערדיקן פּנים. זי זעצט זיך אַוועק אַקעגנאיבער איר טאָכטער און אונטערשפּאַרנדיק דאָס אויסגעצויגן־שמאָל גאָמבקעלע אויף ביידע פלאַכן פון די הענט — שאָקלט זי אין זיי אַריין אַן אייביק מאָנאָטאָן שאָקלעניש.

דער זייגער קאָן האַלטן אַרום זיבן. אויף די בלויע שויבן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַ שטילער, פרעסטלדיקער אויפדערנאַכט. אין פאַבריק־קוימען קוקט אַריין אַ שמאָלע האַלבע רייף פון דער לבנה.

רופט זיך אָן פרוי קליינער:

— אַז ס׳איז היינט זייער אַ שיינע נאַכט. איז אפשר וואָלט אַ יושר געווען ערגעץ־ווו אַראָפּצוגיין.

ווייזט אויס, אַז פאַן קליינער האָט נישט דערהערט, וואָס זיין פרוי האָט דאָרט שטיל אַריינגעברומט און דערפאַר נישט אויפגעהויבן די אויגן פון די פּאַפּירן.

האָט מאַדאַם קליינער, שאַרנדיק מיט אַ פינגער אויפן טונקל־געבלומטן טישטוך, נאָכאַמאָל שטיל אַ זאָג געטון:

— אַז ס׳וואָלט אַ יושר געווען אַראָפּצוגיין אין אַ קינאָ.

גראָד אין דער מינוט האָט זיך דער גרויסער שטיי־זייגער, וואָס דערמאָנט אָן אַ בייזן גוי, צעקלונגען:

— וואָס עפּעס גיין אינמיטן דרינען?

פרוי קליינער האָט זיך אויסטערליש דערשראָקן. זי האָט

נישט געוווּסט, ווער ס'האָט געענטפערט — דער שטיי-זייגער, צי דער מאַן.

די לבנה אין דרויסן האָט זיך העכער אַרויפגערוקט אי-בערן קוימען, דאָ אין שטוב — אין אַ ווינקל פון אַ שויב איז שטיין געבליבן אַ ציטערדיקער, גרין-בלוילעכער אָפּשיין פון איר.

ערשט איצט האָט פאַן וולאַדיסלאַוו נישט-גיכהדיק אַרויס-גענומען זיינע שטייענדיקע אויגן פון די פּאַפּירלעך און גע-פרעגט מיט נישט קיין היג קול:

— האַ, וואָס זאָגסטו, גיין? ווו גיין?

— כ'ווייס, אַביסל. דו זיצסט אַזוי תּמיד אין שטוב.

— ווער האָט נ'קאָפּ צו גיין. אַז דו ווילסט, נעם די מאַמע און פאָר דיך אַביסל איבער. זאָל דאָרט העלענע הייסן שפּאַנען ס'קעטשל.

דאָס שטוב-מיידל מיטן נאָמען העלענע, וואָס האָט ליב איינצוציען די ליפּן, ווען דער פּאַן רעדט צו איר — לויפט געשווינד צו צום פענסטער און שרייט דורך אַ לופטשיק אין נאַכטלעכן הויף אַריין:

— מיכאַליע, שפּאַנען פאַר דער פּאַני!

שפּאַנט מיכאַל דעם יונגן אָגער. שפּאַנט גיך מיט אַ זמרל אונטער די בלאָנדע וואָנסעס. און איידער דער כמור-נער שטיי-זייגער האָט צייט נאָכאַמאָל צו פרעגן: — וואָס עפּעס גיין אינמיטן דרינען? — טענצלט שוין דער אָגער אַרויס פון ברייט-צעעפנטן טויער ערגעץ אין גאַסן און אין געסלעך אַריין.

ער טענצלט האָפּערדיק, דער אָגער, אונטער מיכאַלס גע-זונטע וואַרעמע הענט, וואָס האָבן ליב אָנצופירן, ווען עס פאָרט די פּאַני „נאַ ספּאַצער".

די פּאַני זיצט פאַרקנוילט אין אַ ווינקל. זי פילט די האַלב-אויסגעלאָשענע לעבלעכקייט, וואָס גייט פון איר מאַמעס גרויס אַלטפרענקיש פוטער.

זי רעדט נישט, נאָר קוקט אָנגעשטרענגט אין דער אויס-

גערייניקטער בלויער נאַכט אַריין, וואָס שמעקט מיט שטאָל. דער אָגער לייגט איבער די פּיס גדלותדיק. מיכאַל סמאָטשקעט צו אים מיט זיינע זאַטע, אָנגעדראָלענע ליפּן.

אָט פּאָרט מען פאַרביי די נידעריקע אַרבעטער-הייזלעך מיט די טונקעלע, פאַראייטערטע נאַפט-לעמפּלעך. אָט איז די שענק „אונטערן וואָלף" מיט די פאַרהויכטע שויבן פון וואַנען עס טראָגט זיך אַ ריח פון ביער און פון פאַראייליצט חזיר-שמאַלץ.

די אויסגעפּליישיקטע שיקסע, וואָס שטייט דאָ אונטערן בופעט, פראַלט אויף די טיר און צוזאַמען מיט אַן אויסגעוואַרעמטער ווייסער פאַרע פאַלט זי אַרויס אין דרויסן און שטופּט איר איבערגעוואַקסענעם בוזעם איינעם אַ פאַרטונקלטן פאַרשוין, וואָס וויגט זיך ווי אויף גומענע פּיס און וואָרנט מיט אַ פינגער דער שיקסע פאַר דער נאָז.

אין זונטיקדיקע פאַרנאַכטן גייט דאָ מאַדאַם קליינער טיילמאָל פאַרביי. זי הערט זיך איין מיט אַ צעשמייכלט-פאַרטרויערט האַרץ אין דעם הייזעריקן גרימפּלעריי פון די נאַפט-שטיבלעך. עס אַרט זי נישט, וואָס דער וואַקלדיקער פאַרשוין קנעפּלט די גרויסע אויסגעבוזעמטע בלוזקע פון דער ביער-פאַרקויפערין.

דאָרט באַ איר אין די אויסגעוואַרעמטע רויקע צימערן, ווו דאָס קול קלינגט אָפּ פרעמד און ברוגזלעך — דאָרט איז דער מאַן אירער איצט אויפגעשטאַנען נאָך זיין זונטיקדיקן נאָכמיטאָג-דרימל. ער ציט זיך איצט אויס און גענעצט רחבות-דיק אין די פאַרשלאָפענע צימערן אַריין. ער גענעצט איינמאָל און נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל אויפסניי.

איז — אַז ער האָט זיך שוין גוט אויסגעגענעצט און אויסגעצויגן, הייסט ער זיך דערלאַנגען טיי. נאָך דער טיי הייסט ער זיך געבן עטלעכע עפּל. שפּעטער טוט ער אַ גלעט דעם מיידעלע איבערן קעפּל און הייסט — עס זאָל עפּעס דעקלאַמירן פאַרן „טאַטוש". דערנאָך נעמט ער ווידער די צייטונג, אָדער ער רעדט מיט עמעצן דורכן טעלעפאָן. און אַז דאָס

אַלץ איז שוין אָפּגעטון, גייט ער ערשט אַראָפּ אין שטאַל אַריין אַ קוק טון צו די פערד.

די מאַמע זיצט באַם טיש אַ פאַרקנעפּלטע ביז אַרויף. זי שאָקלט מיט איר צעקנייטשט פּנים און טראַכט איר אייביק טראַכטעניש, אַז זי איז נישט ווערט דעם גרויסן חסד, וואָס זיין ליבער נאָמען טוט מיט איר איינציקער סאַבינע.

און סאַבינע קלינגט מיט די שליסלען, ווי אַלע טאָג פון אַ גאַנצער וואָך. גרייט צו עסן. ענטפערט עפּעס דעם עלטסטן קינד אויף אַ טענה און בשעת מעשה האָט זי אין זינען, אַז ס'וואָלט גוט געווען עמעצער זאָל איצט אַרויפקומען. אַ באַקאַנ־טער. אַ גאַסט. צי סתם אַ פרעמדער.

האָט זי דאָך דאָ דורך די גאַנצע זיבן יאָר נישט געזען— עס זאָל עמעצער קומען, אָוועקזעצן זיך און טרינקען אַ גלאָז טיי.

קומען קומט נאָר אַמאָל אַ דאָקטאָר, אָדער די בכּבודי־קע פּאַני סטעפּאַנאָווא, וואָס ברענגט אַ ניי דינסט־מיידל.

גייען דאָ אַזוי אַרום אָוועק די יום־טובדיקע אויפדער־נאַכטן. עס דאַכט זיך, אַז פון די ווענט וויינט עמעצער אַרויס. אַז די טירן פון די פאַרמאַכטע שענק סקריפּען. טרעפט אַמאָל, אַז דעם פאַן וולאַדיסלאַוו ווערט שוין אויך לאַנגווייליק. די ציי־טונגען ליגן שוין מידע. רופט ער זיך אָן, אַז אויב זי סאַבי־נע וויל קאָן ער זיך אַביסל איבערפאָרן מיט איר.

שרייט העלענע, דאָס דינסט־מיידל, אין הויף אַריין. סמאָטשקעט מיכאַל צום אויסגערוטן אָגער. און ווידער פאָרט מען איבער די גאַסן און געסלעך — די פאַני קליינער מיט איר מאַן וולאַדיסלאַוו.

מען פאָרט, פונקט אַזוי ווי איצט. פאַרביי די שטיבלעך מיט די פאַרברודיקטע פענסטער. פאַרביי די מידע, אויסגעהוי־קערטע פאַרקאַנעס. מען פאָרט אַריין אין די גרויסע גאַסן, ווו פון די מויערן פאַלט אַ צעפּראַלטע הפקרדיקע ליכטיקייט און ס'קנוילט זיך אַ געמיש פון קינאָ־רעקלאַמעס מיט יום־טובדיק־אויסגערוטע מענטשן.

רופט זיך אָן פאַן וולאַדיסלאַוו, וואָס זיצט אַ גאַנצע צייט

שווייגנדיק, אַז אייגנטלעך פֿאַרשטייט ער נישט, וואָס די מענטשן האָבן פֿון די קינאָס און וואָס עס קומט זיי אַרויס פֿון דעם דרעגנצן זיך אויף די טראָטואַרן.

ענטפֿערט פֿאַני קליינער:

— אַז נישט אַלע פֿאַרמאָגן אייגענע קעטשלעך מיט אייגענע פֿערד.

גיט פֿאַן װלאַדיסלאַװ אַ קוק מיט איין שטייענדיק אויג און בלייבט פֿאַרכמורעט.

שווייגט מען דערנאָך אַ צייט. מען שווייגט און מען קלערט, דאַכט זיך, גאָרנישט. סתּם אַזוי אַ זיצן און אַ גאַפּיען זיך אין דער אויסגעשפּרייטער נאַכט אַריין. ביז עס גיט זיך נישט אינמיטן אַ שנייד פֿאַרביי עפּעס אַ צעיאָגטע דראָזשקע מיט אַ וואָרעם-צוגעטוליעט פּאָרל, וואָס איז אַריינגעטון אין אַ פֿאַרטונקלט ער-און-זי-געשפּרעך.

דעמאָלט גיט פֿאַן װלאַדיסלאַװ אַ וואָרף מיטן צווייטן שטייענדיקן אויג און רופֿט זיך אָן מיט אַ מין קוועטשל אונטער דער נאָז:

— אַז ס׳איז אים שווער צו פֿאַרשטיין, פֿון וואַנען די־דאָזיקע מענטשן האָבן אויף אַזאַ צעהוליעט לעבן. אַז סך־הכּל זענען די צייטן ביטערע. די שטייערן עסן אויף. טאָ ווי קומט עס, וואָס מען צעלייגט זיך אַזוי אין צוויי-פֿערד-געשפּאַנטע דראָזשקעס? האַ, ווי קומט עס?

גענוי ווייסט ער נישט וועמען ער שטעלט דידאָזיקע קשיות — צי דעם ווייב, וואָס זיצט פֿאַרשטעקט די שפּיץ-נאָז אין פֿוטער אַריין, צי דער פֿינסטערער וועלט, וואָס איז אַרומגעשטעלט מיט אָנגעכמורעטע מויערן און צעשריגענע קינאָ-רעקלאַמעס.

בשעת מעשה, ווי ער פֿרעגט אַזוי און ווייסט נישט וועמען ס׳וועט אים ענטפֿערן — פֿאַלט אים איין, אַז מיכאַל פּאָרט היינט צופֿיל צעלאָזן. קלאַפּט ער אים אַלע פּאָר מינוט אין דער שווייגנדיקער פּלייצע אַריין און דערמאָנט אים — ער זאָל פֿאָרן געלאַסן, געלאַסן. און צום ווייב רופֿט ער זיך אָן:

— אַז נישט אַלע פּורמאַנעס קאָן מען אָנגעטרויען אַ פערד. מיט אַ פערד, זאָגט ער, דאַרף מען אומגיין, ווי מיט אַ קינד. אָט לויפט עס, דערשוויצט זיך און פאַרטיק אַ נירן-אָנצינדונג. ס'רוב כאַפּן פערד אַ פאַרקילונג אין די נירן. זאָל זי וויסן, סאַבינע, אַז כאָטש ער, דער מאַן אירער, איז קיינמאָל קיין פערד-הענדלער נישט געווען, ווייסט ער פונדעסטוועגן, וואָס עס הייסט אַזעלכעס אַ פערד.

מיכאַל דערווייל האַלט אין איין צוימען דעם אָגער. שרייט זיך איבער מיט אַנדערע פּורמאַנעס. און פאַן וולאַדיסלאַוו פאַרגעסט נישט אַלע פּאָר מינוט אַרויסצובייגן זיך און וואָרנען:

— געלאַסן, געלאַסן.

פאָרט מען אַזוי געלאַסן גאַס-איין, גאַס-אויס. די פיס ווערן צופיל אויסגערוט און דערפאַר — שווער. ביז מען דערזעט זיך ווידער נעבן דער שענק „אונטערן וואָלף". עטלעכע פאַרשכּור'טע שאָטנס שרייען איינער אין אַנדערן אַריין. אָט עפנט זיך דאָס הויכע טויער מיט דער קופּע קוילן-שטויב און שלינגט איין פערד, מיכאַלן און דאָס פאַרפאָלק קליינער.

נאָך אַזאַ מין שפּאַציר בלייבט פרוי סאַבינע מיד. די נאַכט דערנאָך גייט פאַרביי האַלב אין שלאָף, האַלב אין חלום. פאַן וולאַדיסלאַוו פייפט מיט די נאָז-לעכער ערגעץ אין דער וועלט אַריין. דאָס הודזשען פון דער פאַבריק וואַרפט זיך ערגעץ דאָרט אויף אַ דאַך, ווי אַ נישט-גוטס.

דעריבער איז דער מאַדאַם קליינער ליבער צו פאָרן מיט דער אַלטער מאַמען. די מאַמע רעדט כאָטש גאָרנישט. קלערט דערווייל מאַדאַם קליינער. קלערט און קוקט אַזוי אויף די געזונטע אויסגעגלייכטע פלייצעס פון בלאָנדן מיכאַל, וואָס וויגט זיך צוזאַמען מיטן רעגלמעסיקן טאַקט פון די פערדישע פאַדקאָוועס.

איז אָט געדענקט זיך אַ נאַרישקייט. הם, אַ מאָדנע נאַרישקייט. מיכאַל האָט אַנומלט געמאַכט אַ כּוסה. נישט מער, ווי איין כּוסה. איז פון דעמדאָזיקן גרויסן געזונטן מיכאַל,

וואָס זיצט איצט אויסגעצויגן, ווי אַ קייסער געוואָרן אַ קליינער ווייכער מענטש.

האָט דערדאָזיקער קליינער ווייכער מענטש גערעדט אַ ביסל אונטער דער נאָז און געקלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין:

— אַז ער איז נישט שולדיק. ער טרינקט קיינמאָל נישט. נאָר אַ מענטש איז דאָך נישט מער, ווי אַ מענטש. אמת — ער איז אַ פּורמאַן און זי, די פֿאַני גאָספּאָדיני, איז אַ גאָלדענע פֿאַני. העלענע, דאָס שטוב-מיידל, איז גאָרנישט ווערט. זי איז אַן אויסגעלאַסן שטיק. זאָל זי גיין צו אַלדע רוחות, העלענע. די פֿאַני גאָספּאָדיני איז אַ גאָלדענע פֿאַני...

ער האָט זיך כסדר געוויגט און כסדר פֿאַרוואָרפֿן אַראָפּ דעם בלאָנדן קאָפּ צו איר האַנט.

— זאָל זי אים לאָזן אַ קוש טון, די פֿאַני גאָספּאָדיני.

איז וואָס-זשע האָט זי דעמאָלט געטון?

זי געדענקט, אַז זי איז געשטאַנען זייער גלייך. זי האָט אים געוואָלט געבן די האַנט. וואָס שאַדט עס, אַז ער וועט אַ קוש טון, דער גרויסער מיכאַל?

האָט זי אים געוואָלט דערלאַנגען די האַנט. ס׳הייסט נישט דערלאַנגען, נאָר אָננעמען זיינע האָר. מאָדנע האָר האָט ער, דער מיכאַל. ווי קומט עס צו אַזאַ גרויסן, דעמבענעם פּורמאַן אַזעלכע ווייך-פּאַלדיקע האָר? נאָך איצט שפּירט זי זיי צווישן די פֿינגער.

איז וואָס-זשע האָט ער עפּעס נאָך געזאָגט, דער מיכאַל?

זי קאָן זיך נישט דערמאָנען. ס׳הייסט עפּעס געדענקט זי יאָ. נאָר זי ווייסט נישט, ווי אַזוי ער האָט עס געזאָגט:

— וויעלמאָזשנאַ, צי — דראָגאַ...

זי געדענקט נישט.

נאָר מיכאַלן האָט מען דערנאָך אָפּגעזאָגט. באשר — מען טאָר נישט זיין שכור בײַ דער אַרבעט.

איז, הייסט עס דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען שכור בײַ דער אַרבעט. נישט דערפֿאַר, וואָס ער האָט אַזעלכע ווייך-פּאַלדיקע האָר... הם... מאָדנע...

האָט זי געזאָגט דעם מאַן אירן, אַז מיכאל האָט דע-מאָלט נישט געאַרבעט. געווען שוין נאָך דער אַרבעט. טאָ פאַרוואָס קומט אים אָפּצוזאָגן?

פאַן װלאַדיסלאַװ האָט געהאַלטן די אויגן פאַרשטעקט אין די געשעפטס-נאָטיצן. ער האָט כמעט ווי נישט געהערט, וואָס זיין ווייב וויל פון אים. נאָר אַז זי איז צוגעגאַנגען צו אים נאָענט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל – האָט ער זייער פאַמעלעך אַוועקגענומען דאָס פנים פון די ציפערן:

– איז וואָס-זשע ווילסטו?...

גאָרנישט וויל זי. זי האָט אים נאָר געוואָלט זאָגן, אַז העלענע דאָס שטוב-מיידל האָט געבעטן פאַר מיכאַלן.

– העלענע, דאָס שטוב-מיידל? – האָט זיך פאַן װלאַדיס-לאַװ מאָדנע געוווּנדערט – ווי קומט העלענע צו מיכאַלן?

– זיי זענען חתן-כּלה.

– אַזוי, חתן-כּלה. הם. איז ווער הייסט אים זיין שכּור בּאַ דער אַרבעט?

– ס'איז געווען נאָך דער אַרבעט.

– וואָס הייסט נאָך דער אַרבעט?

– נאָך דער אַרבעט הייסט, אַז ער האָט שוין דעמאָלט נישט געאַרבעט.

פאַן װלאַדיסלאַװ האָט, ווי זיין טבע איז געווען אַ קוק געטון מיט איין אויג איבער די נאָטיצן אַריבער – אַביסל מיט חשד און אַביסל מיט נייגיר.

– נישט בּאַ דער אַרבעט, זאָגסטו!?

– ניין, נישט בּאַ דער אַרבעט.

– זיכער?

– פאַרוואָס גלייבסטו נישט, װלאַדעק?

װלאַדעק איז שטיל געבליבן און לאַנג לאַנג געקוקט אין איין פּאַפּירל אַריין.

איז אָט אַ דאַנק דעם, וואָס מיכאל איז געווען שכּור נישט בּאַ דער אַרבעט – איז ער געבליבן ווייטער סטאַנג-רעט באַם פאַן װלאַדיסלאַװ קליינער.

פון דעמאָלט אָן איז ער שטיל געװאָרן, דער מיכאַל. אַז ער טרעפט זיך מיט דער פאַני גאָספּאָדיני אויג אויף אויג באַהאַלט ער דאָס פּנים. צו העלענען, דעם שטוב-מיידל, קומט ער אַרויף אַלע אויפדערנאַכט און רעדט פאַמעלעך און לאַנג.

ערשט נעכטן האָט פרוי קליינער געוואָלט גיין אין קיך. האָט זי דערהערט מיכאַלס פאַמעלעכע באַריטאָן-שטימע. איז זי שטיין געבליבן. זי האָט אייגנטלעך געוואָלט צוריקגיין. נאָר פאָרט איז זי שטיין געבליבן הינטער דער טיר פון דער קיך.

מיכאַל האָט גערעדט וועגן אַ ווייס שטיבל. וועגן אַ ווייס-אויסגעקאַלעכט שטיבל מיט אַ סך בלומען-טעפּ אין די פענסטער.

האָט פאַני קליינער נאָך נענטער זיך צוגערוקט צו דער טיר. זי, די פאַני גאָספּאָדיני, וואָס פאַרמאָגט גרויסע פּראָ-טערירטע צימערן, נאָר אָן אַ סך בלומען-טעפּ אין די פענסטער.

האָט זי ווידער געהערט, ווי מיכאַל וואָרנט זיין כּלה, אַז עס וועט נישט גוט זיין, אויב זי וועט זיך אָפּגעבן מיט אָן אַנדערן. זאָל זי נישט מיינען, העלענע, אַז עס וועט איר אַזוי גלאַט אָפּגיין. עפּעס האָט ער געהערט אַ מעשה מיטן מאַ-גאַזינער. און פאַרוואָס זאָל עס אַזוי זיין, פאַרוואָס?

אָט לאָז זי זען, העלענע. אַזאַ פאַני גאָספּאָדיני. אַ טויב. אַ קייסערינע. פאַרוואָס לערנט זי זיך נישט פון איר?

דער טעלעפאָן האָט זיך פלוצלינג צעקלונגען. מאַדאַם קליינער האָט זיך געשווינד אַוועקגעשאַרט פון הינטער דער קיך-טיר און איז אַריין אין אַ צווייט צימער.

דאָרט איז זי אָבער באַפאַלן אַ ווילד-פרעמדע פאַרשעמטע איינזאַמקייט. ענלעך צו יענעם געפיל, ווען מען דערפרייט זיך מיט עמעצן אויף דער גאַס אָדער אין אַ פרעמדער שטאָט און יענער, ווייזט זיך אַרויס, איז גאָר אַן אומבאַקאַנטער.

אָט שטייט דאָרט עמעצער אין עס-צימער. שרייט עפּעס אַריין אין טעלעפאָן-רערל. ער שרייט אַזוי, ווי באַ זיך אין שטוב. און דאָך דאַכט זיך איר, אַז יענער איז נישט קיין הינענדיקער.

עס וווּנדערט זי דאָס זיכערע שטיין זיינס. דאָס געזעצטע, רויקע קול. ווי רעדט מען עפּעס אַזוי צווישן פרעמדע פיר ווענט?

נאָר אין דער אייגענער רגע ווייזט זיך אויס דער פרוי קליינער, וואָס האָט אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אָן אַ פּיטרינע פון אַ פענסטער — אַז נישט יענער דאָרט באַם טעלעפאָן איז אַ פרעמדער, נאָר זי גאָר איז אַ פרעמדע.

ווי אַזוי קומט זי אייגנטלעך דאָ אַהער? און ווי אַזוי איז עס מעגלעך, וואָס זי איז אַ ווייב און הייסט מאַדאַם קליינער — און נישט סאַבינע בורשטין? און אָט יענער דאָרט — איז איר מאַן. אַן אמתער מאַן, וואָס איז זיכער, אַז ער האָט זיינס אַן אייגן ווייב. פּונקט אַזוי ווי ער איז זיכער, אַז ער האָט אַ פאַבריק מיט מאַשינען מיט מענטשן מיט פערד, וואָס וועלן אים קיינמאָל נישט אָפּנאַרן.

אָבער פאַרוואָס איז ער אַזוי זיכער? פאַרוואָס זאָל ער זיין אַזוי זיכער? און דאָרט, אין קיך, זיצט מיכאַל מיט זיינע ווייך-פאַלדיקע האָר. ער האָט נישט קיין מאַשינען און האָט נישט קיין פערד און איז נישט זיכער...

— פאַרוואָס, מיכאַל?...

— צאָ, פראָשען פּאַני? — גיט זיך דער סטאַנגרעט אַ האַסטיקן דריי-אויס.

די האַלב-טויבע מאַמע, וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַט אין קאָפּ אַ געדאַנק אַזוי גרויס, ווי אַ קליין שטייענדיק ווייזערל — האָט זיך אויך אַ ריר געגעבן און אַ פרעפל געטון מיט די ליפּן:

— האָסט עפּעס געזאָגט, סאַבינקעשי?

— גאָרנישט. זאָל מיכאַל פאָרן. נאָר פּאַמעלעכער.

פאַרט מיכאַל פּאַמעלעכער. מאַדאַם קליינער קוקט דערווייל אויף די באַלויכטענע קינאָ-פלאַקאַטן און קאָן זיי בשום אופן נישט איבערלייענען.

עפּעס וויגן זיך מענטשלעכע קעפּ פאַרגרעסערטע און צעצויגענע. זיי וויגן זיך איבער די שילדן אַריבער. די שילדן

ווידער — אויפגעשטעלטע-קאַנטיקע, פּאַלן שיף אַראָפּ אויף פּאַר־גרעסערטע מענטשלעכע קעפּ. צווישן דעמדאָזיקן אויסגעמישטן קנויל פון קעפּ און שילדן שטופּט זיך, אַזוי ווי אַ דאָרפישע שיקסע אויף אַ שוועסטערס אַ חתונה, אַ ווייס געקאַלעכט שטיבל מיט אַ סך אַ סך בלומען-טעפּ אין די פענסטער...

ערשט נישט לאַנג איז מאַדאַם קליינער געווען אין טעאַטער. געווען צוזאַמען מיט איר מאַן פאַן וולאַדיסלאַוו. איז ער געזעסן אַ קאַלטער און האָט געהאַט טענות, אַז דאָס שטיק געפעלט אים נישט.

טעאַטער — האָט ער געזאָגט — דאַרף פאַרוויילן. וואָס האָט מען דערפון, ווען עמעצער קושט אַ פרעמד ווייב? און וואָס וועט אים שוין אַרויסקומען, אַז דער מאַן וועט דערשטיקן ס׳ווייב, אָדער ס׳ווייב וועט פאַרסמען דעם מאַן?

ווען ער זאָל האָבן אַ דעה, וואָלט ער אונטערגעבערענגט דאָסדאָזיקע מין דראַמען-טעאַטער.

האָט מאַדאַם קליינער געענטפערט, אַז ער האָט באַדאַרפט זאָגן, וווּ ער וויל גיין. איר, אַ שטייגער, געפעלט יאָ דאָס שטיק.

פאַן וולאַדיסלאַוו האָט מיט זיין זייטיק בליקל אַ קוק געטון אויף זיין פרוי און מיט בטול געקוועטשט אַ שפּיץ אַקסל:

— אַז ער פאַרשטייט נישט, וואָס דאָ קאָן געפעלן. עפּעס אַ נאַריש ווייבל האָט טענות צום מאַן, אַז ער האָט זי נישט ליב. און אַז מען האָט נישט ליב מוז מען שפּילן טעאַטער? און ווי לאַנג איז דער שיעור ליב צו האָבן אַ ווייב?

ער האָט זיך כמעט געבייזערט, אַזוי ווי דער גאַנצער ענין זאָל אים פערזענלעך אָנגיין.

פרוי סאַבינע האָט טריב אָפּערגעקוקט פון אונטער די האַלב-אַראָפּגעלאָזטע ברעמען און געהאַט ס׳געפיל, אַז זי איז שולדיק וואָס דער מאַן בייזערט זיך.

שפּעטער, ווען זיי זענען איינגעזעסן אין קעטשל האָבן ביידע אויפגעהערט רעדן און אַזוי אַוועקגעזעצט זיך, אַז ס׳איז אויסגעקומען — ביידע רוקן זיך אָפּ ווי ברוגזע.

איבער דער אויפגעשטעלטער בודע האָט געטריפט אַ דראָבּ-נע רעגנדל פאַרמישט מיט קליינע בייסנדיקע שנייעלעך.

זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט, די שנייעלעך, אין קעטשל און אַוועקגעלייגט זיך אויף מאַן-און-ווייבס ברוגזע פּנימער.

מיכאַלס ברייט געזעס האָט זיך פויל און האַלב-פאַרשלאָפן געוויגט אויפן „קאָזשאָל" און אויסגעזעצן אויך עפּעס ברוגזלעך.

פאַן וואַלאַדיסלאַוו האָט געדרייט מיטן קאָפּ און נישט צו-פרידן געבּרומט:

— מאַכט זיך אַ הינטישער וועג. די פערד וועלן אויס-געריסן ווערן.

עטלעכע פאַרשפּעטיקטע יונגעלייט האָבן געקלאַפּט מיט שטעקנס איבער די טראָטואַרן. דער אָפּקלאַנג פון די איינצלנע האַרטע קלעפּ איז אומרויִק געפאַלן אויף די פאַרשלאָ-פענע גלאַנציקע שויבן אין די פענסטער.

פלוצלינג האָבן די פאַרשפּעטיקטע יונגעלייט אַלע מיט אַמאָל אַ לאַך אַריין געטון אין שנייעדיקן רעגן אַריין. פאַן וואַ-דיסלאַוו האָט זיך נישט-צופרידן אַ ריר געטון:

— ווי גוט ס'איז זיי.

אין דער אייגענער מינוט האָט זיך מיט ברומענדיקער רוגזה פאַרבייגעטראָגן אַן אויפגעלויכטענער אויטאָ. דער אָגער האָט אַ צאַפּל געטון און געהאַט בדעה צו רייסן זיך אין אַ זייט.

מיכאַל האָט זיך ראַפּטום אויפגעוועקט פון דרימל און אַרויסשטעלנדיק די ברוסט אַרויף צום נאַכטלעכן הימל — האָט ער דעם אָגער געצוימט.

פאַן קליינער האָט נערוועז געקלאַפּט אין סטאַנגרעטס גע-זעס אַריין און מיט אַ צו-הויכער שטימע געוואָרנט:

גענאַסן, מיכאַליע, גענאַסן.

דערנאָך, ווען דער אויפגעלויכטענער אויטאָ איז שוין גע-ווען ערגעץ אויף יענער זייט נאַכט און מיכאַל איז געפאָרן גע-לאַסן, האָט זיך דער איבערגעשראָקענער פאַן קליינער אָנגערופן צום פאַרטונקלטן שטיק פוטער, וואָס איז געזעסן נעבן אים:

— אַז דער מיכאַל איז אַ משוגענער פורמאַן. אַז ער קאָן נישט פאָרן. אַ הונט-שלעגער דאַרף ער זיין, נישט קיין פורמאַן.

דאָס פאַרטונקלטע שטיק פוטער האָט אָבער, ווייזט אויס, נישט געהערט דעם מאַנס טענות. און דער מאַן, אויסרעדנדיק זיך ס'האַרץ, איז ווידער געקומען צו דער מחשבה:

— אַז עס מאַכט זיך אַ געהרגעטער וועג. אַז מען וועט דאַרפן די פערד פרישע פאָדקאָוועס אַרויפקלאַפּן. אַז מאָרגן אינדערפרי מוז מען עס גלייך זאָגן דעם אַלטן פעלטע. אייגנט-לעך דאַרף דערדאָזיקער אַלטער פעלטע אַליין עס געדענקען. ער איז דאָך דער ממונה איבער די שטאַלן. נאָר גיי פאַרלאָז זיך אויף מענטשן.

אַזוי טראַכטנדיק האָט פאַן וולאַדיסלאַוו דערוויייל פאַרגעסן, אַז נעבן אים זיצט איינע, וואָס איז אים שוין אַ ווייב זיבן יאָר. אַז זי האָט אים שוין געבוירן צוויי קינדער. און אַז גאָט וועט העלפן. וועט זי אים ווייטער געבוירן.

זיצט זי דאָ איינע אַליין, אָן אים. זיצט און זעט דאָס וואַרעם-אויסגעפּוצטע טעאַטער מיטן ענגן ריח פון פּערפומירטע פּרויען-אַקסלען און שטייף-אויסגעצויגענע מענער-גאָרסן.

איז עס אַ מאָדנע געשעעניש געווען — דאָס היינטיקע טעאַטער-שפּיל. זי ווייסט נישט צי איז עס אַ צופאַל, צי האָט מען אומישנע געשטעלט אַזאַ שטיק, וואָס זאָל איינגאַנצן דער-מאָנען איר לעבן. טאַקע איר אייגן לעבן מיט אַלע שליסלען און שליסעלעך דינסטן און דינסטעלעך.

דער אייגענער פאַרנומענער מאַן. סוחרים. חשבונות. טע-לעפאָנען. צווישן די סוחרים מיט די טעלעפאָנען דרייט זיך אַרום אַ פרוי. איינע אַליין דרייט זי זיך צווישן גרויסע, שווייגנ-דיקע קרעדענסן. קלינגט מיט בינטן שליסלען. שאַפט מיט דינסטן.

דער מאַן זעט נישט אירע דינע דורכזיכטיקע קליידער. ער האָט נישט קיין צייט. זי איז טאַקע, זאָגט ער, שיין, נאָר וואָס זאָל ער טון? ער איז נישט בײַ זיך. ער איז עמעצנס.

נו, האָט ער דען צייט גלאַט אַזוי אַוועקצוזעצן זיך און רעדן מיט איר?

לאָזט זי אים אָפּ, די פרוי זי קוקט דורך די שויבן פונקט אַזוי ווי זי, סאַבינע קליינער. מן הסתם זעט זי אויך אויפן הויף גרויסע קופּעס מיט קוילן-שטויב. פאַרקאָפּטשעטע אַרבעטער אין בלויע בלוזעס און אַ גרויסן קוימען, וואָס פאַרשטעלט די ליים-גרובן מיט די אָנגעשכּורטע מענער און ווייבער.

בוכהאַלטערס מיט פאַרשפּיצטע נעז קומען מיט חשבונות, מיט בלייפעדערס אין די מיילער פאַרחושטע פון די ציפערן. און זי, די שיינע פרוי, וואַרט.

אויף וואָס וואַרט אַזאַ שיינע פרוי אין זיידענע קליידער, וואָס דער מאַן ליבט זיך מיט ציפערן און האָט אַזויפיל צייט פאַר די איינגעגעסענע בוכהאַלטערס?

זי וואַרט — זאָגט זי — אויף אַ פויגל. אויף אַ גרויסן ווייטן פויגל.

איז אָט קומט ער, דער פויגל אין די גרויסע אָנגעברוגזטע צימערן אַריין. ער דערזעט די שיינע פרוי. ער דערזעט זי אינגאַנצן ביזן מינדסטן נעגעלע מיט אַלע קליידער און קליידלעך. ער האָט אַזויפיל צייט. אַזויפיל פרייע, פשוטע צייט.

טאָ פאַרוואָס געפעלט עס נישט דעם מאַן אירן?

— האַ, פאַרוואָס געפעלט דיר נישט, וולאַדעק?

— קלערסט נאָך אַלץ פון טעאַטער? — וועקט זיך פאַן וולאַדיסלאַוו פון זיינע פאָדקאָווע-און פערד-חלומות.

— יאָ.

— פון וואָס איז דאָ אַזויפיל צו קלערן? אַ געמיינע פרוי און פטור.

— ווער?

— אָט יענע דאָרט. וועלכע אָרנטלעכע פרוי לאָזט עס איבער אַ מאַן און אַנטלויפט מיטן ערשטן בעסטן?

— אָבער וולאַדקו!

— נישטאָ קיין שום אָבער.

מאַדאַם קלײנער װערט שטיל. זי קורטשעט זיך טיף אײַן אין איר קאָלנער. איר דאַכט זיך, אַז אויף דער שפּיץ נאָז האָט זיך איר אַװעקגעשטעלט אַ פליג און בורטשעט:

— בז...זז... אַן אָרנטלעכע פרוי. אַן אָרנטלעכע פרוי.

— איז װער, הײסט עס, יאָ אַן אָרנטלעכע פרוי?

אָט האָט זי, סאַבינע קלײנער, דעם פאַבריקאַנטס װײַב געגעבן צו קושן די האַנט אַ פורמאַן. אָט האָט זי אים געגלעט די האָר. איז זי אַן אָרנטלעכע. און יענע דאָרט, װאָס האָט געװאַרט דער מאַן זאָל אַמאָל צוקומען צום פענסטער, װוּ זי איז אָפּגעשטאַנען אירע יאָרן — יענע דאָרט איז נישט אָרנטלעך. טאָ װוּ הײבט זיך אָן אָרנטלעכקײט און װוּ ענדיקט עס זיך? און פון װאַנען װײסט זי, אַז דער מאַן קלערט נישט אַצינד פון איר דאָס אײגענע װאָס װעגן יענער פרוי?

הא, װלאַדעק, פאַרװאָס זאָגסטו נישט? פאַרװאָס ביסטו אַזוי פאַרנומען, װלאַדעק?

אַ װײַלע האָט זיך דער פרוי קלײנער געדאַכט, אַז זי שרײַט און אַז דער מאַן, װאָס זיצט נעבן איר, װוּנדערט זיך אויף איר געשרײ. האָט זי זיך אַזוי װי פאַרלוירן אין דער אײגענער הויט. מיט אַ ציטערדיק געפיל אונטער דער ברוסט האָט זי געװאַרט דער מאַן זאָל זי אַ פרעג טון, פאַרװאָס זי האָט זיך אַזוי צעשריגן.

נאָר פאַן װלאַדיסלאַװ האָט, װײַזט אויס, אין דערדאָזיקער מינוט געזען זײַנע אויסגעפּאַשעטע פערד, װי זײ שלעפּן געלאָדענע פורן מיט סחורה אויף פײַכטע, גליטשיקע ברוקן.

מיכאַל דערװײַל האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן דער פּיסטערער גאַס און אַ געשרײ געטון מיט זײַן װײַכן באַריטאָן:

— בראַמאַ!

קאָטש און פערד זענען געשטאַנען אַ װײַלע און אײַנגעהערט זיך אין װידערקול, װאָס איז אַריבערגעפאַלן איבער געמויערטן פאַרקאַן און אויפגעװעקט דאָרט דעם נאַכט־שומר.

דאָס טויער האָט זיך פאַרשלאָפן צעקרעכצט, װי אַ זקן אויף אַ האַרט געלעגער און צערײַנגעלאָזט די אויסגעשפּיצטע

מאָרדע פון אַגער צוזאַמען מיטן קאַלטן דורכגענעצטן קעטשל.
ערשט דאָ האָט זיך אונטער דער אויפגעשטעלטער „בודע״ אַריינגעבויגן אַ צעשויבערטער קאָפּ און מיט אַ פאַרדומפּן קול אַריינגעזאָגט:
— אַז אין שטאַל דאָרט איז געפאַלן אַ פערד.
— אַ פערד? וואָסער פערד? — האָט זיך פּאַן וולאַדיסלאַוו נערוועז אַ דריי געטון אַזוי, אַז ער איז אויסגעקומען מיטן פּנים צו דער פרוי זיינער.
אין דער רגע האָט מאַדאַם קליינער געהאַט ס׳געפיל, אַז די פראַגע איז געווען געווענדט צו איר און אַז דאָס איז זי שולדיק, וואָס אין שטאַל דאָרט איז אַוועקגעפאַלן אַ פערד.
— דער קאַשטאַן — האָט דער צעשויבערטער קאָפּ ווייטער אַריינגעברומט אין פינסטערן חלל פון דער אויפגעשטעלטער „בודע״. און איידער ער האָט ווידער געקריגן תשובה, האָט שוין מיכאַל פאַרהאַלטן דעם אַגער אינמיטן הויף סאַמע נעבן דער פאַרשלאָפענער קופּע קוילן־שטויב.
פּאַן וולאַדיסלאַוו איז גיך אַרויסגעשפּרונגען און צוזאַמען מיטן צעשויבערטן קאָפּ זענען זיי ביידע פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין דער פייכטער, האַלב־באַלויכטענער טונקלקייט פון הויף.
מאַדאַם קליינער האָט זיך דערפילט אָרעם. זי איז נאָך אַ ווײַלע געזעסן אַליין אונטער דער אויפגעשטעלטער „בודע״ און נישט געוווּסט, צי זאָל זי וואַרטען, צי זאָל זי אַרויפגיין אין שטוב אַריין אָן מאַן.
דער מאַן אָבער האָט זיך געזוימט. איז זי עפּעס אַ פאַרקלענערטע אויסגעזעסן פון קעטשל און מיט מידע טריט אַרויפגעגאַנגען אויף די טונקעלע טרעפּ.
הינטער דער טיר פון הויז איז עמעצער מיט עמעצן געשטאַנען און זייער שטיל אַריינגערעדט אין זיך. פרוי קליינער האָט דערפילט, אַז דאָס שטייט איינע פון אירע דינסטמיידלעך מיט אַ פאַרשפּעטיקטן פּורמאַן, אָדער מיטן מאַגאַזינער אַליין. נאָר ס׳האָט זי נישט געאַרט. ווײַל עמען שטערט דען אַזאַ

מין שטיין באַנאַכט הינטער די טרעפּ. פונדעסטוועגן האָט זי פּאַמעלעכער געמאַכט די טריט און – איבערטרעטנדיק פון איין שטיג אויף דער צווייטער – געהערט, ווי אונטן דאָרט געזעגנט מען זיך איילנדיק און עטלעכע הויכע, פּאַרביסענע קושן פאַלן סאַמע נעבן אירע פיס.

האָט זי זיך שוין אָפּגעשטעלט. דאָס דינסט-מיידל האָט געטראָפן שטיין די מאַדאַם אַ פאַרטראַכטע.ביידע האָבן זיך אין דער פינסטער אָנגערירט און ביידע זענען שווייגנדיק אַריין אין שטוב.

שפּעטער, ווען מאַדאַם קליינער איז שוין געלעגן אין בעט, האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין – נאָך וואָס זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. און פאַרוואָס האָבן ביידע געשוויגן בײַ דער טיר? און ווי אַזוי איז עס עפּעס געשען, וואָס וואַלדעק איז אַזוי גיך אַוועק אין שטאַל אַריין? און אַז אַ פערד פאַלט אַוועק – איז וואָס? פעלן דען מענטשן דאָרט אין שטאַל?

זי האָט געוואָלט אַראָפּשיקן געוואָר-ווערן וואָס עס הערט זיך. האָט זי נישט אַראָפּגעשיקט. פאַרוואָס האָס זי נישט אַראָפּגעשיקט? . . .

מוז זיין דערפאַר, וואָס זי איז געלעגן אין בעט. ס'איז געווען פינסטער און ס'האָט זיך נישט געגלוסט אויסצוציען די האַנט צום גלעקל.

איבעריקנס, ווייל זי טאַקי נישט אַראָפּשיקן. זאָל ער דאָרט זיין נאָך האַלבע נאַכט אין די שטאַלן. אַז אים איז ליב איז איר ניחא. מן הסתם איז אַ פערד טייערער ווי אַ שטוב, ווי קינדער.

אַז אַ פערד ווערט קראַנק גייט מען דערביי אום, ווי בײַ אַ מענטש. און אַז זי, אַ שטייגער, זאָל אַצינד אַוועקפאַלן, ווערט מען אויך אַזוי אומגיין בײַ איר? ווער קאָן וויסן, וואָס בײַ אים איז טייערער – זי, צי דאָס פערד?...

אָט וועט ער אַרויפקומען. שפּעט. ווער ווייסט ווען? וועט מען פון אים שפּירן שטאַל-ריח, אַזוי ווי מען שפּירט פון דעם

אַלטן פּעלטע. דערווייל שלאָפט זי נישט. וואַרט. און העלענע, דאָס שטוב-מיידל, קושט זיך מיט עמעצן הינטער די טרעפּ. וואָס אַרט עס אַזאַ העלענע, אַז אַ פערד איז חולה געוואָרן?

הם. מאָדנע. מיט וועמען האָט זיך דאָס געקאָנט קושן העלענע, אַז מיכאַל איז גאַר געזעסן אויפן „קאָזשאָל״?

פרוי קליינער האָט אין דער פינסטערניש דערהערט שטילע סקריפּענדיקע ־טריט. האַלב-דערשראָקן האָט זי געגעבן אַ צי אויס די פיס און נישט מיט איר קול ראַפּטום געפרעגט:

— איז וואָס-זשע מאַכט דאָס פערד?

— שלאָפסט נאָך נישט?

— ניין. און דאָס פערד?

— ס׳פערד? שלאָפט שוין.

— וואָס הייסט?

— בעסער... אַז מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיינעם.

— וואָס ווילסטו זאָגן?...

— אָט דאָס, אַז אומעטום מוז מען זיין אַליין.

פרוי קליינער האָט צוריק איינגעצויגן די פיס. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן איז צופרידן. אָט, באַשטעטיקט זיך זיין אַלט ווערטל:

— פּאַנסקיע אָקאָ קאָניאַ טוטשי״.

זי איז שטיל געבליבן אונטער דער נישט-דערוואַרעמטער קאָלדרע און געהערט, ווי דער מאַן רעדט אין פינסטערן צי־מער אַריין:

— אַז דער קאַשטאַן איז געווען פאַרביי. אַז דער אַלטער פּעלטע איז נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט אים. אַז ער, דאָס הייסט, פאַן סטאַניסלאַוו קליינער, איז דער איינציקער, וואָס ווייסט. אָט איז ער געקומען. אַ קוק געטון. נישט מער, ווי אַ קוק געטון — און דערגאַנגען וואָס דעם קאַשטאַן איז.

פאַן וולאַדיסלאַווס שטימע האָט געקלונגען וואַרעם. צוערשט האָט זיך געדאַכט, אַז ער בייזערט זיך. נאָר צי איז די פינס־טערניש שולדיק געווען, צי האָט מאַדאַם קליינער אַזוי געוואָלט —

נאָר איר מאַנס שטימע האָט איר אָנגעהויבן צו געפעלן. זי האָט געהערט, ווי ער גייט שטיל איבערן צימער און דערנענ־טערט זיך וואָס אַמאָל מער צו איר בעט. קיין שטאָל־ריח שפּירט מען נישט. זאָל ער רעדן פון וואָס ער וויל. נאָר זאָל ער האָבן אַזאַ וואַרעמע שטימע, ווי איצט.

זי הערט, ווי ס׳רוישן זיינע מלבושים. אָט לייגט ער אַוועק ס׳זייגערל אויפן נאַכט־טישל. זי פילט אַ מאָדנע שוין לאַנג נישט־איבערגעלעבטע וואַרעמקייט.

— וולאַדעק, וולאַדקו! — וויל זי רופן. נאָר זי רופט נישט. מן הסתם הערט ער פון וואָס זי טראַכט. אַודאי הערט ער.

אָט — טריט. דאָ, נעבן איר... אָבער וואָס זאָל דאָס באַ־טייטן? האָט זי זיך פאַרהערט? דאַכט זיך, אַז דאָס קול גייט שוין פון אַן אַנדערער זייט.

— זוכסט עפּעס, וולאַדעק?

— ניין, כ׳לייג מיך.

— אַזוי... דו לייגסט דיך...

— יאָ, שוין צייט.

זיין קול גייט פון יענעם בעט. פאַרוואָס שטייט דאָס בעט אַזוי ווייט? און ווער האָט צוגענומען די טריט, וואָס האָבן דאָ אַזוי שטיל געטרעטן נעבן איר?... און פאַרוואָס איז דאָס קול צוריק האַרט געוואָרן?...

זאָל נאָר זיין שטיל. דאַכט זיך, אַז עמעצער שרייט:

— בראַמאַ!!...

אַ פרעמד קול. אַ פרעמדער פורמאַן שרייט צו אַ פרעמדן נאַכט־שומר.

צומאָרגנס האָבן זיך די שטוב־לייט געוווּנדערט, פאַרוואָס באַ דער מאַדאַם זענען אַזעלכע אָנגעדראָלענע אויגן. די מאַמע מיטן ציטערדיקן פּנים האָט זיך אויך פאַרקוקט און זייער שטיל זיך אָנגערופן:

— אַז עס וואָלט אַ יושר געווען זי, סאַבינע, זאָל אַרויס־

גיין צו אַ דאָקטאָר מיט די אויגן. שוין אַ פּאָר מאָל האָט זי באַמערקט, די אַלטע, ווי סאַבינע האָט אָנגעדראָלענע אויגן.

— האַ, סאַבינעשי, פון וואַנען נעמט זיך עס, סאַבינעשי?

נאָר סאַבינעשי ווייסט נישט. פונוואַנען זאָל זי וויסן? זי האָט, דאַכט זיך, נישט געוויינט. זי האָט גאָר געוואָלט לאַכן. דעם קאַשטאַן איז שוין בעסער. ס'איז אַלץ צוריק ווי געוועזן.

איצט שטייט ער שוין דאָרט אין שטאַל. מיכאַל דרייט זיך נעבן אים און באַטראַכט אים. צוריק אַ געזונט פערד. ווי גוט גאָט פירט די וועלט.

פאַן וולאַדיסלאַוו זיצט שוין בײַם וויס-געדעקטן טיש און שמייכלט מיט זיינע גרויע, שטייענדיקע אויגן:

— אַז אומעטום מוז מען זיין אַליין. אַז אויף קיין שום מענטש טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן.

די מאַמע שאָקלט איר פּנים אין טישטוך אַריין און בענטשט ווידער די מינוט, וואָס סאַבינע האָט אַזאַ ליכטיק מזל. מאַדאַם קליינער קלינגט אויפסניי מיטן גרויסן בונט שליסעלעך. ס'איז אַ מין שמייכלענדיק-פאַרטרערט קלינגען. אַלעמענס פּנימער זענען געמיטלעך אויסגעלייטערט — בלויז דאָס פּנים פון מאַדאַם קליינער איז אַ ביסל פאַרקרומט.

נאָר מאַלע אַ מענטשט פּנים איז אַמאָל פאַרקרומט!...

ב אַ ל ע ב אַ ט י ש

אין די טונקל-אויסגעמעבלטע, חזקהדיק-איינגעפונדעוועטע פיר צימערן מיט אַ קיך ליגן, אַזוי ווי פאַרבאַקענער מאָך אויף אַלטע שינדל-דעכער, זעכצן זאַטע, מיט מילך און האָניק געקעכלטע רויקע יאָרן.

זעכצען גלייך-גראָדיקע צוועלף-חדשימדיקע שטחים, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט מיט האַלטן פאַרשלאָסן קרעדענסן און שענק פאַר הענט און מיילער פון דינסט-מיידן. מיט שניידן גרויסע רעפטלעך ברויט פאַר פלאַטשיק-ברוסטיקע אַמען און מיט הייסן דערלאַנגען טיי פאַר אויסגעצויגענע לערערס מיט האַלב-צעקנייטשטע קאַפעלושן און אַלט-פרענקישע שניפסן.

אַזעלכע זעכצען פעט-לייביקע, גוידערדיקע יאָרן מיט פליי אין דער נאָז האַלטן זיך אויף אין די סקריפענדיקע טירלעך פון די שענק, אין די הויכע קאָפשטיקן פון די בעטן, אין די גלייך-געסדרטע, ווייס-געפרעסטע וועש און אין דער האַלב-געלער, אָפגעקראָכענער פאָטאָגראַפיע אין סאַלאָן דאָרט, ווו פרוי מערי מיט איר באַשערטן הענריק-לעבן שטייען: זי אין אַ ווייסן וועלאָן. ער אין אַ שוואַרצן צילינדער — ביידע שטייף-גויעשדיקע, ביידע גויעש-הנאהדיקע.

דער טאָג אין דידאָזיקע פיר צימערן מיט אַ קיך שטייט אויף מיט פוצן שיך פון פיר פאָר פיס. מיט אַ וויינענדיק זידן פון אַ טשייניק, וואָס דערמאָנט אָן אַ זינדיקער נשמה. מיט איבערוואַרפן קישנס פון איין קינדער-בעטל אין צווייטן אַריין און מיט אַריינקומען פון טאַטוש, וואָס האַלט אין מיטן צו-קנעפלען די אונטער-וועש און וואָס שנאָפלט מיט אַ פאַרשלאָפן, פאַרקלעבט געגעצל צום זון און צום טעכטערל:

— דורניע, וואָס איז דאָס פאַר אַ וואַרפן זיך מיט קישנס, וואָס?

די „דורניעס" — ס'הייסט דער פערצען-יעריקער יינג און דאָס אַכט-יעריק מיידל פאַרשטייען, אַז ס'איז צייט אַרויסצו-קריכן פון די בעטן און גרייטן זיך אין שולע אַריין. ציט מען איילנדיק אַרויף אויף זיך הייזלעך מיט קליידלעך. זוכט מען זאָקן-בענדלעך און מען בעט גאָט זיי נישט צו געפינען.

וואַשט מען זיך אין קיך באַם קראַן מיט געשרייען און מיט מסרן איינער אויפן אַנדערן:

— טאַטוש, זי לאָזט מיך נישט וואַשן, לאָזט זי מיך נישט.

— טאַטוש, נעם אים צו, קאַזשיקן

דער טאַטוש שרייט. שלעפּט פאַר אַן אויער. יאָגט אונ־טער. עסט מען כאַפּנדיק. פּאַקט מען זעמל מיט שינקע אין די שול־טעקעס אַריין. קושט מען דעם טאַטוש מיט דער מאַ־מושע און מען לאָזט זיך נישט־ניחאדיק אַרויס אין די פרי־אויפגעשטאַנענע, קילע גאַסן אַריין.

אין די פיר צימערן מיט אַ קיך בלייבט איבער אַן אָפּגעהאַקטע שטילקייט, אַזוי ווי נאָך אַן אויסגעלאָשענער פּרימוס־מאַשינקע. זי זעצט זיך אָפּ, די שטילקייט, אויף די פאַרהויכטע שויבן פון די פענסטער, אויף די פאַרנעפּלטע קרעדענסן און אויף די האַלב־פאַרשלאָפענע, האַלב צעקנייטשטע פּנימער פון מאַן און ווייב.

אין עס־צימער מיטן ברייטן ווינקלדיקן פענסטער, וואַרפט פון זיך אַרויס דער גרויסער שטיי־זייגער אַכט לאַנגזאַמע, ישוב־הדעתדיקע קלעפּ.

איז נאָך פרי.

פרוי מערי ציט אויס די פיס אין ברייט־קאָפּשטיקדיקן בעט. הייסט זיך דערלאַנגען טיי מיט מילך און מישנדיק פויל מיטן לעפעלע, האַלב־גענעצנדיק און טשוכרענדיק זיך, וויל פרוי מערי וויסן, וואָס דער נייער טאָג וועט איר ברענגען. זי וויל וויסן — צי וועט ער זיין ענלעך צום נעכטיקן, צום אייערנעכטיקן און צו די אַלע איבעריקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

פאַן הענריק, דער מאַן פון פרוי מערי, פאַרקנעפּלט דערווייל די אונטערשטע וועש. גענעצט זיך אויס הרחבהדיק און נעמט זיך אָנטון אויף אַן אמת.

דערדאָזיקער פאַן הענריק איז אַביסל אַ דיקלעכער. אַ ביסל מיט אַ טאָפּלט גוידערל. אַביסל מיט אַ קיילעכדיק בייכל,

וואָס זעט אויס ווי אויפגעבלאָזן און אַביסל מיט האָריקע, קישלדיקע הענט.

אַז ער, דער מאַן, קומט איינמאָל אין דער וואָך, אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק, צו זיין ווייב מערי און נעמט גלעטן איר טרוקן, זיידן לייב — זאָגט זי צו אים:

— הענריק־לעבן, פאַרוואָס האָסטו אַזעלכע האָריקע הענט?

צעלאַכט ער זיך, דער הענריק־לעבן מיט אַ דושנע קורץ געלעכטערל, וואָס קומט אים מן הסתם פון טאָפּלטן גוידערל, באַהאַלט ער דאָס פּנים אין ווייבס לייב אַריין און דאָרטן פרעגט ער זי צוריק:

— און דו, מערישי, ביסט דען אינגאַנצן גלאַטיק? כע, כע...

שווייגט פרוי מערי. זי שווייגט מיט פאַרמאַכטע אויגן. און אַזוי ווי זי זעט נישט דאָס פייכט־אויפגעדראָלענע פּנים פון איר מאַן, אַזוי אויך נעמט זי אויף בלינדערהייט די צערט־לעכקייטן זיינע, וואָס זענען אויסגערעכנט אויפן זייגער לויט דער מינוט און לויט דער סעקונדע.

אַז ער גייט אַוועק, בלייבט זי ליגן אַזוי ווי נישט קיין היגע. זי ליגט אויסגעדרייט אויף אַ זייט מיט אָפענע אויגן אין דער מאַט־ראָזער טונקלקייט פון שלאָפצימער. זי הערט זיך צו צום שנאָרכנדיקן פייפן פון די נאָזלעכער, וואָס גייט פון צווייטן בעט.

טאָ פון וואָס קאָן אַזאַ פרוי מערי טראַכטן אין מיטן דער נאַכט?

אַזאַ פרוי מערי קאָן אַמאָל איינפאַלן צו וויסן — אויב אַלע מאַנען האָבן אַזעלכע האָריקע הענט, ווי ס'האָט איר הענריק. אויב אַלע מאַנען קומען צו די ווייבער אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק. און צי קיינער פון די אַלע מאַ־נען פרעגט נישט — אויב זי, דאָס ווייב זיינס, באַגערט אים, אָדער זי באַגערט אים נישט.

אַ שטייגער היינט. ער, הענריק, כאָרכלט שוין מיט די

נאָזעכער. פון עס-שטוב, וואָס ליגט האַרט נעבן שלאָפצימער, האָט זיך שוין עטלעכע מאָל אָפּגערופן דער וואַכעדיקער זייגער. ער האָט זיך אָפּגערופן, אַזוי ווי ער וואָלט דערמאָנט:

— פאַרוואָס שלאָפסטו נאָך נישט, פאַרוואָס?

וואָלט פרוי מערי געוואָלט, אַז דאָסדאָזיקע אָפּרופן זיך זאָל קומען נישט פון עס-צימער, נאָר פון צווייטן בעט אַרויס. זי וואָלט געענטפערט אַזוי:

— זעסטו, הענריק-לעבן, ביסט געווען בײַ מיר, ווען כ'האָב דיך נישט באַגערט. דו האָסט דײַן אויסגערעכנטע צײַט. גראָד אין דײַן אויסגערעכנטער צײַט איז מײַן ליבּ פאַר-שלאָסן. כ'וועל דאָך דיר נישט גיין זאָגן, אַז ס'איז פאַרשלאָסן. איצט אָבער, ווען דו שנאָרכסט אַזוי און דער זייגער דאָרט פרעגט — פאַרוואָס איך שלאָף נישט — איצט איז געקומען דער ווילן פון מײַן לײַב. טאָ פאַרוואָס, פרעג איך דיך, זאָל איך נישט קאָנען קומען צו דיר, האַ, הענריק-לעבן?

אַזוי וואָלט פרוי מערי געענטפערט, ווען עס רופט זיך אָפּ יענץ בעט. אָבער יענץ בעט פּייפט נאָך העכער. יענעם בעט פעלט גאָרנישט אײַן, אַז דאָ צווישן די צעקנאָדערטע קישנס און צווישן דער האַלב-אָפּגעבויגענער קאָלדרע — קאָן מען גאָר אַזוי טראַכטן.

פרוי מערי ווייסט — פאַרוואָס יענעם בעט פעלט עס נישט אײַן. אונטער דעמדאָזיקן „פאַרוואָס" — זענען שוין צו קבורה געקומען אַן ערך פון אַ יאָר צען און אפשר נאָך מער.

דעמאָלט איז דאָס היינטיקע אַכט-יעריקע טעכטערל גע-זעסן אויפן קוימען פון דאַך און בלינד געזוכט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען. אין שטוב איז דעמאָלט נישט מער געווען, ווי איין קאַזשיק. אָט דאָס היינטיקע בחורל, וואָס האָט דעמאָלט גע-טראָגן אויף זײַנע שפּיציקע אַקסעלעך נישט מער, ווי אַ יאָר פיר.

איז אָט אין אַן אויסגעשטערנטער, שטייפער נאַכט — האָט פרוי מערי איינמאָל אַוועקגעבויגן די קאָלדרע און פּאַ-מעלעך אַרײַנגעקומען צו אים, צום מאַן.

אין יענער שטייפער, אויסגעשטערנטער נאַכט האָט נאָך פאַן העניק קיין האָר אויף די הענט נישט געהאַט. ער האָט זיך נאָך נישט געקרעקט מיטן דושנעם געלעכטערל, מיט וועלכן ער קרעקט זיך היינט. זי ווידער, פרוי מערי, האָט נאָך דעמאָלט נישט געטראַכט אַזוי ווי זי טראַכט היינט.

האָט זי זיך געלייגט נעבן אים אַ שטילע, ווי אַ שעפּסל. אין דער פינסטער האָט זי אַרומגענומען זיין פּנים און מיט אָפענע ליפּן — אַריינגעאָטעמט:

— העניק-לעבן, נעם מיך אַרום...

געדענקט פרוי מערי, ווי העניק-לעבן האָט זיך ראַפּטום אויפגעריסן. דער זייגער האָט געטיקעט, פּונקט אַזוי ווי ער טיקעט היינט. אין שטוב איז אַרומגעקראָכן אַן איינגעהאַלטענער אָטעם. אויף אַ פּוטרינע פון אַ פענסטער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָנגעשפּאַרט אַ שמאָלער, לבנהדיקער קאַנט.

האָט זיך העניק-לעבן אויפגעריסן.

— וואָס איז געשען, מערישי?

— גאָרנישט, וואָס האָט געזאָלט געשען? ס'איז איר קאַלט איז אָט, ווען ער נעמט זי אַזוי אַרום.

— ווי לאַנג איז גאָר?

— ס'איז שוין לאַנג.

— משוגע מיינע שונאים. אפשר קיין שעה נישט.

— זאָל זיין, אַז קיין שעה נישט, אָבער איר איז קאַלט. פאַרשטייט ער נישט, העניק-לעבן.

— וואָס הייסט! זי גאָר קומט צו אים? פאַר וועמען האַלט זי זיך דאָס?

— פאַר זיין ווייב. פאַר זיין אייגן ווייב.

— פירט זיך דען אַזוי אַן אייגן ווייב בײַ לייטן?

— זי ווייסט נישט, ווי אַזוי עס פירט זיך אַן אייגן ווייב בײַ לייטן. נאָר ווען ער איז געקומען צו איר — האָט זי אים יאָ אַרומגענומען.

— וואָס-זשע, זי האָט אים נישט געזאָלט אַרומנעמען? וואָס איז ער, אַ פרעמדער?

— זי האָט נישט געקאָנט. און פונדעסטוועגן...

— וואָס הייסט — נישט געקאָנט? וואָס זענען דאָס פאַר אַ רייד, וואָס!

געדענקט פרוי מערי, אַז דער שמאָלער לבנהדיקער קאַנט האָט זיך אָפּגעטון פון דער פּוטרינע. דער זייגער אין דערבייאיקן עס־צימער האָט צו הויך גענומען קלינגען:

— אין אמתן, וואָס זענען דאָס פאַר אַ רייד?

האָט פרוי מערי צוריק אַראָפּגעשטעלט אַ פּאָר הייסע פיס אין צווישנשייד אַריין, וואָס האָט אָפּגעטיילט איר בעט פון מאַנס בעט. האָט זי זיך צוריק אויסגעצויגן אונטער איר קאָלדרע און... גאָרנישט.

ער איז דאָך גערעכט, דער מאַן אירער. וואָס זענען דאָס טאַקע פאַר אַ רייד?

נישט מער, פרוי מערי האָט דעמאָלט אין דער שטיל געשלונגען געזאַלצענע טראָפּנס וואַסער. שלינגנדיק, איז איר דעמאָלט צום ערשטן מאָל איינגעפאַלן אַזאַ רעיון:

— פאַרוואָס, אַז ער איז נישט אויפגעלייגט — קאָן זי נישט קומען צו אים. און אַז זי איז נישט אויפגעלייגט, קאָן ער יאָ קומען?

איז אָבער דערדאָזיקער נאַרישער רעיון געבליבן הענגען אין די פיר צימערן מיט אַ קיך ביזן היינטיקן טאָג.

ער, העניק־לעבן, קומט ווייטער אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק. נישט מער, עס טרעפט אַמאָל, ווען גראָד אין דערדאָזיקער נאַכט קאָן פרוי מערי נישט זיין אים קיין ווייב.

ווייסט ער נישט, דער פאַן העניק. ער וואַרט, ביז די שטובן שלאָפן איין. נעמט ער דאַן אַרויס די האַלב־אויסגע־וואַרעמטע פיס און גיט אַ זאָג אין די קישנס אַריין דאָרט:

— מערישי, זיי אַזוי גוט.

איז מערישי אַזוי גוט און רוקט זיך אָפּ פון אים.

— היתכן?

— לאָז מיך היינט.

— באשר?

— נו, ער ווייסט דאָך. אַ פרוי...

ציט פלוצלינג פאַן הענריק אויס אַ פּאָר קאַלטע פיס און מיט אַן אָפּגעטאַרט קול ברומט ער אַריין אין צעקנוידערטן בעטגעוואַנט:

— וואָס עפּעס גראָד היינט?

— וואָס בין איך שולדיק?

פאַן הענריק האָט נישט קיין ברירה. ער מוז צוריק אָפּ-בויגען די קאָלדרע. און אַראָפּשטעלנדיק די פיס אין צווישנ-שייד אַריין, ברומט ער:

— אַ ווייב זאָל נישט וויסן ווען, זאָל זי נישט וויסן?...

האָט זיך געפירט, אַז נאָך אַזאַ נאַכט פון שבת אויף זונטיק איז פאַן הענריק אויפגעשטאַנען מיט אַן איינגעשרומפּן, ברוגז פּנים. ער איז אויפגעשטאַנען פריער פון אַלע זונטיקס פון אַ גאַנץ יאָר. ער האָט צוגעקנעפּלט די אונטער-וועש גיך. נישט געטראָפן אין די לעכלעך אַריין. געהאַט טענות צום דינסט-מיידל — באשר זי פוצט צו לאַנג די שיך. געוואָרטשעט אויף די קינדער — באשר זיי פוילן צו לאַנג אין די בעטן. און אַזוי ברומענדיק, האָט ער געטוישט די וועש. האָט ער גע-געבונדן דעם שניפּס. האָט ער אָפּגעגעסן אָנבייסן און איז אַוועקגעגאַנגען אין גאַס אַריין. איינער אַליין איז ער אַוועק-געגאַנגען אין די זונטיקדיקע גאַסן אַריין — אָן די קינדער, ווי ער פלעגט זיך פירן אין די גוטע נאָך-שבתדיקע טעג.

שטעלנדיק פלאַטשיק די פיס, ווי ס'איז געווען פאַן הענריקס טבע, און גריסנדיק צו אָנגעטראָפענע באַקאַנטע — האָבן זיך פאַן הענריקס קיילעכדיקע אויגן אָנגעהאָנגען אויף פּנימער פון ווייבער און ווייבלעך. וואָס מענער האָבן ליידיק-גייעריש געפירט אונטערן אָרעם. און איינגעפאַלן איז אים, דעם פאַן הענריק, צי אָט די אַלע ווייבער און ווייבלעך וויסן אויך נישט ווען, אַזוי ווי ס'ווייסט נישט זיין ווייב מערי.

ער, פאַן הענריק, איז כל ימיו געווען אַ פלאַנמעסיקער,

אַ געזעצטער. אַזוי ווי ער האָט אַלע אינדערפרי געמוזט טרינ-
קען אַ האַלב גלעזעלע טיי מיט מילך און אַזוי ווי ער האָט
אַלע אינדערפרי — צי מען האָט יאָ באַדאַרפט, צי מען האָט
נישט באַדאַרפט — געמוזט אָנשרייען אויף די קינדער — אַזוי
האָט ער אויך אַלע וואָך געמוזט שטילן די מאָנסביליִשע כּוחות,
וואָס גאָט האָט אים געשענקט.

איז ער אין די ברוגזע זונטיקס געקראָכן אויף טונקעלע,
הילצערנע שטיגן. האָט ער געעפנט אַ פרעמדע, קאַלטע טיר.
איז ער געלעגן אין מיטן טאָג אין אַ בעט, וואָס קיינער האָט
קיינמאָל נישט אויפגעבעט. געפילט אַ ריח פון טיטון אויפן
פּנים און געהערט טענות:

— באשר ער האָט צופיל צייט. באשר — ס'איז זונטיק
און זי וויל אויך געניסן פון דער יום-טובדיקער גאַס.

פלעגט פאַן הענריק אַראָפּגיין פון די הילצערנע, טונ-
קעלע שטיגן מיט אַן אויסגעטרוקנטן גומען. ער איז געווען
נאָך מער ברוגז, ווי ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען. אַ גאַנצן
טאָג דערנאָך האָט ער געהאַט אויפגעבלאָזענע ליפּן, געזעסן
באַם מיטאָג מיט אַ ווייך-הענגנדיק גוידערל, אַזוי ווי בײַ אַן
אויסגעהונגערטער גאַנז. געקוקט אויף גאָפּל-מעסער, אויף טעלער-
לעפל, ווי אויף איבעריקע זאַכן. און אַז ס'איז געקומען מאָנטיק
אינדערפרי און פאַן הענריק האָט אויסגעציילט פאַר זיין
ווייב מערי פּרנסה אויף אַ גאַנצע וואָך — האָט ער אויסגע-
ציילט מיט אַזויפיל ווייניקער, וויפיל ער האָט איבערגעלאָזט
דאָרט אויף די הילצערנע, טונקעלע שטיגן.

— אַז אַ ווייב ווייסט נישט ווען, ווייסט זי נישט...

אַזאַ מין סאָרט מענטש איז געווען פאַן הענריק ליכטנ-
פעלד. דער אייגענער, וואָס אויסער מאַן, אויסער טאַטע און
אויסער מענטש איז ער נאָך דירעקטאָר פון באַנקהויז „ס.
מייערסאָן און זון".

— די וועלט — זאָגט פאַן הענריק — איז באַשאַפן געוואָרן
פאַרן מענטש. צוערשט איז געווען אַן אויסמישעכץ פון גאַר-

נישט מיט נאָכאַמאָל גאָרנישט. ערשט, אַז ס'איז געקומען די קרוין פון אַלע חיות, האָט זי אויף דערדאָזיקער גאָרנישט און נאָכאַמאָל גאָרנישטיקער וועלט איינגעפירט אַ שטיקל סדר.

אַ שטייגער ער אַליין. ווי וואָלט דאָס אַזאַ פּאַן ליכטנפעלד אויסגעזען — ער זאָל נישט וויסן גענוי ווען אויפ־צושטיין, ווען צו עסן, ווען צו אַרבעטן, ווען זיך אָנטון פאַר־געניגן און ווען צו באַשאַפן קינדער?

לויט אים קומט אויס, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן איז געגליכן צו אַ מאָגן. מען טאָר נישט דערלאָזן, בשום אופן נישט דערלאָזן, דער מאָגן זאָל, חלילה, קאַליע ווערן. טרעפט אָבער אַ שלימזל, באַ וועמען דער מאָגן ווערט יאָ קאַליע — איז אַז אָך און וויי.

גאָט צו דאַנקען, אַז זיין מאָגן איז נאָך ביז היינט צו טאָג נישט קאַליע געוואָרן, כע, כע, כע.

זינט ער געדענקט זיך גייען זיינע טעג און זיינע יאָרן, אַזוי ווי אַ גוטער שווייצאַרישער זייגער.

אין די בחורישע צייטן האָט ס'מזל געוואָלט, אַז הענריק ליכטנפעלד זאָל ווערן עטלעכע מאָל חתן און עטלעכע מאָל בלייבן צוריק בחור.

ס'האָט זיך מן־הסתם גענומען דערפון, וואָס פּאַן הענריק האָט נישט געהאַט קיין הארץ צו ליבע. ס'האָט זיך אויך גע־נומען דערפון, וואָס זיין פלאַנמעסיקער, געזעצטער שכל האָט אים געזאָגט:

— אַז אַ ווייב, אָט דאָס מענטש, וואָס ווערט אַ חבר אויפן גאַנצן לעבן, מוז זיין אַ געזונטע. פון אַלע זייטן אַ געזונטע.

האָט עטלעכע מאָל געטראָפן, אַז אַ קורצע צייט נאָך די תנאים איז דעם בחורישן פּאַן הענריק אַרויס פון קאָפּ דער נומער פון טויער, ווו זיין כלה האָט געוווינט.

נישט פון בייזקייט, חלילה, האָט ער פאַרגעסן און נישט צוליב נדן, חלילה, נאָר צוליב זיין פלאַנמעסיקייט. צוליב זיין געזעצטקייט.

מחמת פּאַן הענריק האָט נאָך די תנאים, דעמאָלט ווען

טאַטע-מאַמע לאָזן שוין חתן-כּלה אַליין — איינגעזען, אַז פון דעם מעל וועט פאַר אים קיין ברויט נישט זיין.

חתן-כּלה זענען אין די אויפדערנאַכטן געזעסן אין פאַר־טונקלט-אָפּגעזונדערטע חדרים. אין אַזאַ צייט לייגן זיך אַוועק אויף די ווענט, אַזוי ווי צום אָפּרוען, גרויסע אויפגעוויקלטע שאָטנס. אויף שויבן קריכן אַרויף, צעשניטענע אין דער מיט, שאָטנס. פון חתן-כּלהס צוזאַמענגעזעסענע גופים פאַלן אַרויס אויף דער קעגנאיבערדיקער מויער — שאָטנס. פון אַ העכערן שטאָק, צי פון אַ שכנותדיקער וואָנט קלאַפּן אָן אויפהער, אַזוי ווי טראָפּנס פון אַ קראַן — האַלב-פאַרדושעטע קלאַנגען פון אַ קלאַוויר.

פאַלן זיי, די קלאַנגען, פאַר די פיס פון חתן-כּלה מיט אַ טענה:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ זיצן, וואָס? און ווו איז בלוט און ווו איז פליישׂ?

מילא. האָט דער בחורישער פאַן הענריק אין דער טונ־קעלער שטילקייט באַ שאָטנס אויף ווענט, אויף פענסטער און אויף מויערן — האָט ער גענומען אויפקנעפּלען דאָס בליוזקעלע פון זיין תּנאים-געשריבענער כּלה. נישט מחמת ער האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע גלוסטונג צו איר. ער האָט נאָר געוואָלט פילן — מיט די אייגענע הענט פילן — צי די כּלה זיינע, וואָס וועט דאָך סוף כּל סוף ווערן זיינס אַן אייגן ווייב — צי זי האָט יאָדערדיקע ברוסטן, כּדי צו קאָנען זייגן קינדער און צי זי האָט ברייטע באָקעס — כּדי צו קאָנען האָבן גרינג קינדער.

האָט געטראָפן, אַז פאַן הענריק האָט אין דער טונקלקייט באַ די שאָטנס אַרום זיך, איבער זיך און פאַר זיך — פאַר־קרומט מיט דער נאָז און זיין פלאַנמעסיקער, געזעצטער שכל האָט אים אַן עצה געגעבן, אַז דעם נומער פון אָט דעם טויער, ווו ער זיצט איצט מיט זיין תּנאים-געשריבענער כּלה זאָל ער אויסשטרייכן פון זיין זכּרון.

מחמת ער, הענריק ליכטנפעלד, האָט געוווּסט באַשיינ־פערלעך, אַז ווען גאָט האָט מזכּה געווען אַ מיידל מיט אַזעל־כע ווייכע ברוסטן, איז אַ סימן, אַז זי שוויצט. שוואַכע מענטשן

שוויצן. וועלן די קינדער אויך זיין שוואַכע. טאָ צו וואָס דאַרף ער זיך לייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריין?

ביז ס'איז איינמאָל אַריינגעקומען אין די אָפּגעזונדערטע, פּאַרטונקלטע חדרים די קליין מאַמעלע און דאָטדאָזיקע מאַמעלע האָט אַזוי געזאָגט:

— קינדער, אַלץ גוט, אַלץ שיין. נאָר כסדר אַזוי זיצן אין דער פינסטער איז אויך נישט קיין דרך. ווי לאַנג איז דער שיעור?

געווען איז עס די מאַמע פון דער היינטיקער פרוי מערי. אָבער פאַן הענריק האָט אָן דערדאָזיקער מאַמען אויך איינגעזען, אַז ס'איז נישט קיין דרך. מחמת דאָ איז ס'לייב געווען יאָדערדיק. די באַקעס ברייט. דאָ האָט שוין באַם פאַן הענריק אונטערן האַרץ-גריבל געשווערט אַ גלוסטונג. האָט מען חתונה געהאַט און שוין.

איז שוין זעכצען יאָר, ווי יעדן אינדערפרי קושט פאַן ליכטנפעלד דאָס מויל פון זיין ווייב מערי. פרעגט — וואָס ס'וועט היינט זיין אויף מיטאָג. לאָזט איבער אַ זאָטן, אַן אויסגערוטן גוטן טאָג און גייט — אַביסל אַ געגוידערטער, אַביסל מיט אַן אַרויסגעשפּיצט בייכל — אַרבעטן פאַר זיין ווייב מערי און פאַר זייַנע קינדער קאַזשיק מיט יאַנינקען.

פאַן הענריק האָט צו גיין אַ שפּאַר שטיקל וועגס. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט אפשר געפאָרן. אָבער פאַן ליכטנפעלד האַלט, אַז תמיד איז גלייכער צו גיין.

— גיין, זאָגט ער, קרעפטיקט די פיס. גיין, זאָגט ער, מאַכט אַפּעטיט צום עסן.

שטעלט ער אַזוי, וויגנדיק, דאָס פאַראַסאָלעכל פאָרויס. פאַמעלעכל. פלאַנמעסיק, אַזוי ווי ער וואָלט געציילט געלט.

פאַן הענריק איילט זיך קיינמאָל נישט. און נישט איילנדיק זיך — פאַרשפּעטיקט ער קיינמאָל נישט.

— מען דאַרף זיך, זאָגט ער, לערנען פון די דייטשן. זיי האָבן תמיד צייט.

אַפילו, ווען גאָט וויל אָפּטון דעם פאַן הענריק אַ שפּיצל

און עפנט די הימלען — איילט זיך פאַן הענריק אויך נישט. ווען פאַרשוינען נורען קעפּ אין די קאָלנערס אַריין, ווען זיי שווימען איבער די גליטשיק־פאַרגאָסענע טראָטואַרן — שפּאַנט פאַן הענריק מיט זיין געמאָסטן טריטל, ווי נישט אים וואָלט דער רעגן געמיינט.

אויפן אויפגעבלאָזענעם פאַראַסאָלעכל קלינגען טעמפּ אָפּ טויטע טראָפּנס וואַסער. פאַר זיך זעט פאַן הענריק האַלב־אויס־געצויגענע פאַלטענעס — ווער מיט געשאַרצטע קליידלעך, ווער מיט פאַרשפּריצטע הויזן — שמייכלט פאַן הענריק אין זיין אַביסל געגוידערטן האַלז אַריין און האָט בשעת מעשה עגמת־נפש — פאַרוואָס ער האָט דאָ איצט נישט עמעצן פון זיינע באַקאַנטע.

ער וואָלט איצט יענעם באַקאַנטן אָנגענומען אונטערן אָרעם און וואָלט צו אים אַזוי געזאָגט:

— זעט איר, פאַניע לעבן, אַז מען שלאָפט מיט פינף מינוט לענגער, מוז מען לויפן אויפן רעגן. און אַז מען לויפט, פאַרשפּריצט מען די הויזן. מוז מען זיי דערנאָך רייבן מיט אַ באַרשט. קיין געזונט קומט פון אַזאַ רייבן נישט צו. וואָלטן זיי אָבער אויפגעשטאַנען מיט אַ פינף מינוט פריער, וואָלטן זיי געגאַנגען אַזוי געלאַסן ווי איך גיי. וואָלט דער הויז געווען אַ הויז און ס׳גיין וואָלט געווען אַ גיין. און אַזוי איז הפקר. גאָרנישט. דער עיקר אָבער — זיי פאַרשפּעטיקן סיי ווי סיי.

ס׳קאָן זיין, אַז פאַן הענריק איז גערעכט. וואָרום מיט צוויי מינוט פריער, איידער דער גרויסער ווייזער לענט אָן זיין שפּיץ אויף דער צוועלף און דאָס קליינע ווייזערל זיין שפּיצל אויף דער ניין, קוועטשט שוין דאָס האָריקע, קישלדיקע הענטל פון פאַן הענריק באַם קנעפּל פון אַ גלעקל, וואָס צע־שרייט זיך ערגעץ דאָרט אין שטובן אַריין, פון וואַנען עס קומט צו לויפן אַ פריש־געקעמטער מאָגערער גוי מיט פאַרשלאָ־פענע וואָנסעס און עפנט ברייט די טיר פאַרן פאַן דירעקטאָר.

פונקט ניין אַ זייגער, נאָכדעם ווי דער מאָגערער גוי

האָט זיך אין צווייען פאַרבויגן און מיט אַ געדריידלט צינגל אַרויסגעשנאָפּלט:

— מאָיע אושאַנאָוואַניע פּאַנו דירעקטאָראָווי —

שליסט שוין אויף דער דירעקטאָר זיין אַמעריקאַנער שרייב־טיש. גיט אַ שיב־אויף די געקאַרבטע זאַליוזע, וואָס צעשרייט זיך מיט אַ דראָבנעם, צעוואָרפענעם קרעכץ און דעקט אויף: אַ לעשער. צוויי שוואַרצע, צוויי רויטע, צוויי בלויע בלייפע־דערס. אַ שוואַרץ און אַ רויט טינטאָרן און אַ שטייענדיקן לוח.

צוויי מינוט נאָך ניין גייט שוין פאַן הענריק צוריק אַרויס פון זיין קליין, דירעקטאָריש קאַבינעטל. שטעלט זיך אַוועק אין דער אָפענער טיר מיטן זייגער אין דער האַנט. און מעשה באַלעבאָס קוקט ער זיך אַרום, צי דאָס פּערסאָ־נאַל — ס'הייסט די אַלע בחורימלעך און מיידלעך זענען שוין געקומען צו דער אַרבעט.

געדויערט עס אַזוי אַ מינוט פינף. זיינע קיילעכדיקע, שטייענדיקע אויגן גליטשן זיך אַדורך איבער די לייבער פון די אַלע אָנגעשטעלטע, וואָס זעען אויס באַ די אויפגעמאַכטע ביכער, ווי זיצנדיקע הענגערס.

דער דירעקטאָר ציילט איבער זייערע איבערגעבויגענע קעפּ. זייערע אויסגעשפּיצטע אַקסלען. דערנאָך לייגט ער צוריק אַריין דעם זייגער אין וועסטל־קעשענע, פאַררויכערט אַ ציגאַר און זעצט זיך געלאַסן אַריין אין דער אויסגעבויגענער, אויס־געבעטער שטול באַם שרייב־טיש אין קליינעם דירעקטאָרישן קאַבינעטל.

אין דאָזיקן דירעקטאָרישן קאַבינעטל ליגן אַלטע, פון מייז־צעגריזשעטע פּאַפּירן, צו וועלכע פאַן הענריק לאָזט זיך נישט צורירן. פון אַ שווערער טונקל־גרין געמאָלטער וואַנט פאַלט אַראָפּ, אַזוי ווי אַ בר־מינן, אַן אָפּגעקראָכענע מאַפּע מיט אויסגעריבענע רוסישע אותיות. פון דעם שמאָלן פּאַס וואַנט אין ווינקל פון פענסטער, ווו דער ראָלעט איז פאַרברענט באַ די קאַנטן, קוקט אַראָפּ אויפן דירעקטאָר פון באַנקהויז

אַן אַלט-פרענקיש גרוי פּנים מיט צוויי באַקנבערד אַלאַ פראַנץ יאָזעף, ווו צווישן איין באַקנבאָרד און דער צווייטער האָט זיך אַמאָל מיט יאָרן צוריק אַוועקגעשטעלט אַ פליג און איז גע-בליבן אַזוי שטיין ביזן הייטיקן טאָג.

דאָס קוקט אַזוי אַראָפּ דער אַלטער מייערסאָן — דער אַמאָליקער באַלעבאָס פון באַנקהויז „ס. מייערסאָן און זון".

שוין אַ סך יאָרן, ווי זיין גוף ליגט אויפן „צמענטאַזש סטאַראָזאַקאָנניך", ווו פון זיין מצבה שיילט זיך אָפּ יאָר באַ יאָר אַן אות פון דער אויפשריפט:

„טו לעזשי מאָנזש זאַצני, שלאַכעטני"...

פירט זיך פאַן הענריק, אַז איידער ער נעמט זיך צו זיין טאָגטעגלעכער אַרבעט, באַטראַכט ער די אויסגעקראָכענע מאַפּע, דעם אָפּגעשאָסענעם פּאָרטרעט און קומט צום אויספיר, אַז אָט יענער אַלטער דאָרט איז געווען אַ מענטש פון גאָר אַ הויכער מדרגה.

ער, דער הויך מדרגהדיקער מענטש, האָט אָפּגעלעבט אַ לאַנג, רויק, געזונט לעבן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ באַנק-הויז פאַר די זין. ער האָט געלאָזט איינמויערן אויפן „צמענ-טאַזש סטאַראָזאַקאָנניך" אַ מאַרמאָרנעם טאָוול מיט גרויסע גאָל-דענע אותיות:

— ה' נתן, ה' לקח.

ער האָט אויסגעהאַלטן באַם לעבן אַ בית-יתומים. נאָכן טויט איז אין יידישן שפּיטאָל איבערגעבליבן אויף זיין נאָמען צוויי אייזערנע בעטלעך, ווו מענטשן ווערן געהיילט און ווו מענטשן שטאַרבן.

בחינם וועט מען דאָך נישט גיין און אויפשרייבן אויף אַ מצבה:

— טו לעזשי מאָנזש זאַצני, שלאַכעטני...

פּאַרטיפט זיך אַזוי פאַן הענריק אין די מחשבות. טינקט בשעת מעשה די פעדער אין טינטאָרן. ענטפערט בשעת מעשה עמעצן אין טעלעפאָן אַריין און דערטראַכט זיך:

— אַז איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, ווען ער, חלילה,

וועט שטאַרבן, ווו וועט הענגען זיין פּאָרטרעט? איבער הונ־
דערט און צוואָנציק יאָר — צי וועלן זיינע קינדער אויך האָבן
זייער אייגנס אַ באַנק הויז? און דער עיקר, איבער הונדערט
און צוואָנציק יאָר, צי וועט מען אויף זיין מצבה אויך אויפ־
שרייבן:

— טו לעזשי מאָנזש זאַצני, שלאַכעטני...

לויטן שכל דאַרף מען אויפשרייבן. ער אַרבייט ערלעך.
ער באַהאַנדלט ס׳ווייב אָרנטלעך. ער האָט לייטישע צוויי קינ־
דער. טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט אויפשרייבן?

דעם בעסטן סימן האָט ער, אַז אַ סך מאָל, צי ער וויל,
צי ער וויל נישט — זאָגט אים זיין אייגן ווייב מערישי:

— זאַצני יעסטעש...

אָ, פאַן הענריק האָט אַן איידל ווייב. גאָר אַן איידל ווייב.

ער ווייסט, אַז איצט, ווען ער זיצט אַזוי אין ביוראָ און
אַרבעט שווער און ערלעך, רוימט מען דאָרט באַ אים אין די
שטובן. מען פוצט די פּאַדלאָגעס. מען ווישט דעם שטויב פון
די ווינקלען...

ער ווייסט, אַז פונקט דריי אַזייגער, ווען ער וועט עפע־
נען די טיר פון זיין וווינונג, וועט שוין פון טיש אַראָפּשמעקן
די ריינקייט און די אויסגעסדרטקייט פון גאָפּל־מעסער און טע־
לער־לעפל. זיין ווייב, מערישי, וועט שוין וואַרטן אויף אים מיט
צוויי חן־גריבלעך אין פּנים און וועט אים מן־הסתם פרעגן:

— וואָס עפּעס היינט אַזוי שפּעט, הענריק־לעבן?

וועט ער אַרויסנעמען ס׳זייגערל פון וועסטל־קעשענע און
צוטראָגן עס איר צום פּנים:

— אַדרבה, זע, צי ס׳איז שפּעטער ווי נעכטן.

דערנאָך וועט מען זיך זעצן צום טיש. ער מיטן ווייב
און מיטן גאַנצן הויזגעזונד.

דאָס מיידל, יאַנינקאַ, זאָל לעבן, וועט מן־הסתם עסן גיך
וועט ער, דער טאַטוש, אויסציען אַ האַנט און זאָגן:

— יאַנינקאָ, ווי אַזוי עסט דו עפּעס?

דער זון ווידער, קאַזשיק, זאָל געזונט זיין, וואָס רעדט

שוין מיט אַ שטימעלע פון אַ יונג הענדל, וועט קוקן בשעתן עסן אין אַ ביכל אַריין און פירן דעם לעפל אין מויל אַריין, ווי אַ בלינדער.

וועט ער, דער טאַטוש, שטילערהייט צונעמען דאָס ביכל פון אונטער די אויגן און זאָגן:

— אַז מען עסט לייענט מען נישט, און אַז מען לייענט עסט מען נישט.

דערנאָך וועט ער, פאַן הענריק אַליין, צולעגען זיך אויף אַ האַלבע שעה. ער וועט דרימלען... ביז דאָס ווייב, מערי, וועט זיך אַוועקזעצן נעבן אים אויף דער אָטאָמאַנע און אַרויפלייגן אַ האַנט אויף זיינע דרימלענדיקע באַקן:

— הענריק-לעבן, ס'איז שוין אַ האַלבע שעה.

וועט ער אַראָפלאָזן די פיס אויף דער פאָדלאָגע. וועט ער גענעצן און פילן בשעת-מעשה יענע זאַטע פוילקייט, ווען עס ווילט זיך אַרומנעמען ס'ווייב, אויפקנעפלען ס'בליוזקעלע און אַ קוש טון גלייך אין די צוויי באַהאַלטענע ברוסטלעך אַריין, כע, כע, כע...

נישט מער, ס'איז דאָך אין מיטן דער וואָך און ס'איז נאָך טאָג. און אויף גלוסטונגען צום ווייב האָט דאָך גאָט באַשאַפן די נאַכט. וועט ער, פאַן הענריק, אָפלייגן עס אויף דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק. ס'וועט דאָך אים נישט אַנטלויפן.

אין די זעכצען יאָר פון לעבן צוזאַמען מיט איין דעה זענען באַם פאָר-פאָלק ליכטנפעלד טיילמאָל פאָרגעקומען אַזעלכע שעהן:

ווינטער אויף דער נאַכט. קינדער האָבן אָפגעגעסן און ליגן שוין אין די בעטן. מאַן און ווייב זענען שוין אויך זאַט. זיצט מען אַזוי ווי ברוגזע און מען האָט נישט פון וואָס צו רעדן.

ער, פאַן הענריק, האָט שוין דערציילט פון זיינע צוויי באַלעבאַטים. פון די מיידלעך, וואָס קומען אין ביוראָ אַריין

אין ייִדענע זאַכן. פון די בחורים, וואָס אַרבעטן מיט פאַר־שלאָפענע נעז. זי, פרוי מעָרי, האָט שוין אויסגעווײנט איר האַרץ, אַז פון טאָג צו טאָג ווערט טײַערער. אַז קאַזשיק האָט שוין אויפסניי אַהיימגעבראַכט אַ צוויי. איז שוין אַלץ אויס־געדעדט געוואָרן.

איבער די האַלב־דרימלענדיקע, שטיל־אויסגעפוצטע שטובן בלאָנקעט זיך אַרום אַ לאַנגער, טרוקענער געגעץ. רופט זיך פרוי מערי שטיל אָן צום מאַן:

—זי זאָל נישט זיין מיד, וואָלט זי זיך אַ ביסל איבערגעגאַנגען.

פאַרכאַפּט פאַן העַנריק דאָס מויל נאָך אַ ברייטן גענעץ, וואָס איז נגידיש איבערגעבליבן אין דער אויסגעפוצטער לייִ־דיקייט און ענטפערט:

— עס זאָל אים נישט שלעפערן, וואָלט ער אויך אַראָפּ־געגאַנגען.

— איז אפשר זאָל מען טאַקע אַ ביסל אַראָפּגיין?

— כ׳ווייס, אַז דו ווילסט.

שליסט מען קרעדענסן מיט שענק. נעמט מען מיט דעם בונט שליסלען. זאָגט מען אָן דער דינסט — זי זאָל אַכטונג געבן און אַליין גייט מען אַראָפּ אין אויפגעלויכטן־צעשריגענע גאַסן אַריין.

די נאַכט וואַרפט זיך איבער קעפּ פון מענטשן, איבער דעכער פון אויטאָמאָבילן, איבער שינעס פון טראַמווייען. אָבער דאָס פאָר־פאָלק ליכטנפעלד גייט זיך בנעימותדיק, מיט געמאָס־טענע טריטלעך — פרעמדע דער צערוישטקייט פון די באַנאַכ־טיקע גאַסן מיט זייער באַנאַכטיק לעבן.

טיילמאָל נאָר זאָגט ער:

— אַ נאַכט היינט!

ענטפערט זי:

— ס׳זאָל נאָר נישט רעגענען.

טיילמאָל ווידער שטעלט מען זיך אָפּ בײַ די ליכטיק־אויפגעריסענע קינאָ־רעקלאַמעס און זי זאָגט:

— אפשר אַריינגיין, האַ?

ענטפערט ער:

— שפּעט שוין. אַ צווייט מאָל.

אַ צווייט מאָל הייסט, ווען ס'פאַלט אויס צווי טעג קריסטלעכער יום-טוב. דעמאָלט נעמט פאַן הענריק און אָן זיין ווייבס וויסן קויפט ער צווי בילעטן אין דער אָפּערעטקע אַריין.

— זעסטו, מערישי, — זאָגט ער מיט אַ פאַרקנייטשט פּייכט שטימעלע — אויף אַלעמען מוז זיין צייט. אָן קיין סדר וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט.

איז אָט אַזוי לויטן סדר גייען אויס די ווינטערדיקע אויפדערנאַכטן מיט קאַלטע, טרוקענע געגעצן. מיט קוקן אויף ליכטיקע קינאָ-רעקלאַמעס. מיט זיצן שווייגנדיק אויף דער אָפּע-רעטקע און מיט געניסן פון מענטשלעכער הנאה אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק.

ביז ס'קומט פּלוצלינג אַ פּראָסטער מיטוואָך, צי גאָר אַ פּראָסטער מאָנטיק און לויטן סדר, וואָס מוז זיין אויף דער וועלט — פּראַלן זיך אויף טיר און פענסטער. ס'גיט אַ פאַל אַריין אַ טאָג מיט אַ געלער זון און מיט אַ ריח פון וואַסער.

איז פרילינג.

פון פוטרינעס, פון געזימסן, פון אויסגעקנאָדערטע, אָרעמע מענטשלעכע פּנימער קריכט אַראָפּ דאָס ווינטערדיקע שפּינוועבס.

קינדער קומען פון די שולן מיט העכערע קלאַסן אין די בוזעם-קעשענעס. נעמט מען און מען לייגט אַרויף אויף אַ קראַנק, קרעכצנדיק פּורל אייזערנע בעטן, קעסטלעך מיט טעפּ. הייסט מען אַ שיקסע אַריינקיועטשן איר ברייט געזעס צווישן פעדערן און צווישן אַן אויער פון אַ קובעל. שאָקלט זיך דאָס פערדל אין דער לענג און די שיקסע אין דער ברייט:

— יאָ, יאָ, דאָס פאָרן מיר אויף זומער-וווינונג, פאָרן מיר.

אויף זומער-וווינונג וואַרעמט פרוי מערי אויס די ליג-שטולן מיט איר לייב. פּרעגלט פרוי מערי איינגעמאַכטס. לייגט זי איין ווישניק מיט יאַגדעס-סאָק פאַר הענריק-לעבן, וואָס ליידט אַ ביסל אויפן מאָגן. און אַז ס'קומט שבת — נעמט

זי אויסקוקן דעם מאַן אירן, וואָס קומט צו פאָרן גלייך צום מיטאָג.

פרוי מערי גייט אים אַפּוואַרטן אויף דער סטאַציע, אַזוי ווי ס׳גייען אַלע ווייבער פון אַלע מענער. פרוי מערי זעט, ווי דער דירעקטאָר אירער קושט צוערשט דאָס טעכטערל, דער־נאָך דאָס בחורל — און צום סאַמע סוף שנאָבלט ער אויס די אַ ביסל אָגגעדראָלענע ליפּן צו איר מויל:

— איז וואָס־זשע הערט זיך? איז וואָס־זשע מאַכט מען, האַ?

דערציילט פרוי מערי, גייענדיק אַהיים איבער די צע־יוירענע זאַמדן, אַז די קינדער זענען ב״ה געזונט, אַז מילך איז שוין ווידער טייערער געוואָרן, אַז סטאַשע, דאָס דינסט־מיידל האָט זיך געקליבן אָוועקצוגיין און אַז נעכטן האָט זיך דער סטרוזש אָנגעשכורט און געשלאָגן ס׳ווייב. בפירוש געשלאָגן.

שאַרצט פאַן העגריק אַרויף דעם שטערן. נעמט צוזאַמען ביידע ווינקלען פון מויל — הייסט עס:

— זעסטו שוין, ווייב מיינס, ווי גליקלעך דו ביסט!

שפּעטער סדרט זיך אויס די גאַנצע משפחה ליכטנפעלד אויף דער וועראַנדע. בײַ דער מילך־שיין, וואָס זיצט אויף דעם נאַפט־לאָמפּ, ווי אַ גרויס שטריימל, עסט מען וועטשערע. פאַמע־לעך זשאַמזשעט מען מיט די מיילער. פאַמעלעך, צווישן איין ביסן און דעם אַנדערן דערציילט מען זיך פון שטאָט און פון דאָרף. און אַז די מאָגנס זענען שוין פאַר־פאַקט און פאַן העגריק גיט אַלע פאַר מינוט אַ שפרונג אויף מיטן קאָפּ — גייען די קינדער שלאָפן און ער, פאַן ליכטנפעלד, אַליין קנייטשט זיך אַריין אין דער ליג־שטול, וואָס זיין ווייב האָט אַ גאַנצע וואָך אויסגעוואַרעמט מיט אירע פליישן.

זיצט ער אַזוי מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן. ציט איין אין די נאָז־לעכער דעם נאַכטלעכן ריח פון בוים, פון וואַסער, דרימלט אונטערן שנאָפּלדיקן ביישטימעלע פון אַ שכנותדיקן גראַ־מאָפאָן און שטעלט זיך פאַר מיט הנאה ווי אַזוי אין אַ שעה, צי אין צוויי שעה אַרום, וועט ער דאָס געניסן פון דעם,

וואָס עס קומט אים פון זיין ווייב ע״פ דין, ע״פ שכל און ע״פ יושר.

קאָן מען נישט וויסן, ווי לאַנג דאָסדאָזיקע זאַטע אין מילך און האָניק געקעכלטע פּאָרפאָלק וואָלט זיך אַזוי אויסגעלעבט אין עושר און אין כבוד.

ווייסט עס דער טייוול פון וואַנען — נאָר ס׳איז פּלוצלינג אָנגעלאָפן אַ צייט. אַ משוגענע צייט אַזעלכע. אַ נאַקעטע אינגאַנצן. שפּרייזט זי, דידאָזיקע צייט, פון דאַך אויף דאַך. פון שטוב צו שטוב. ביז זי פאַרהאַלט זיך אויף אַ ווײַלע אויך אין די פיר צימערן מיט אַ קיך, וואָס האָבן געהערט צום פּאָר-פאָלק ליכטנפעלד.

איז אין אַ האַרבסטיקן אויפדערנאַכט זענען מאַן און ווייב נאָך דער וועטשערע געזעסן אין עס-צימער.

אַ דרימלדיקע שטילקייט איז געלעגן אויף די פּאַרמאַכטע טירלעך פון די קרעדענסן. אויף דעם טונקעלן סופיט, ווו שאָטנס מיט ליכט האָבן זיך איינס ס׳אַנדערע איינגעגעסן אין די ביינער. אויף דעם בונט שליסלען, וואָס פרוי מערי האָט זיי געדרייט צווישן די פינגער. און ס׳איז נישט געווען וואָס צו טון.

רופט זיך אָן פרוי מערי אַביסל הייזעריקלעך:

— האָב איך דיר גאָר פאַרגעסן צו דערציילן.

— אַ שטייגער, וואָס?

— אַ שטייגער דאָס, אַז די שטיינבערגאָווע, דו קענסט זי דאַך, האָט גענומען און געלאָזט זיך אָפּשערן די האָר.

פאַן הענריק איז געווען מיד. די דרימלדיקע שטילקייט האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעזעצט אויף זיינע אויגן-לאָדנלעך. פונדעסטוועגן, מוז זיין אָן זיין וויסן — האָט עס אים אַ הויב געטון פון שטול-אָנלען און מיט אַ שטימעלע, וואָס האָט אַ ביסל אויסגעדרייט דאָס מויל זיינס אויף רעכטס — האָט ער אַ בורטש אַרויס געגעבן:

— די אַלטע שטיינבערגאָווע?

— ווי אַלט איז זי דען אינגאַנצן? — האָט פרוי מערי פילאָזאָפיש-געלאַסן מיט אַ קנייטשל איבער דער נאָז — צו־ריקגעפרעגט.

— לויט מיין חשבון — אַ יאָר פינף און פערציק.

— ערשטנס — נישט פינף און פערציק. און ווען אַפילו יאָ — איז וואָס?

— דו זאָלסט עס זאָגן? — האָט זיך שוין פאַן הענריק אינגאַנצן אויסגעגלייכט אויף דער שטול — בנאמנות, ווי כ׳פאַרשטיי דיך נישט.

— ס׳איז גאָרנישט אַזוי שווער צו פאַרשטיין. געצווּמען און אָפּגעשוירן זיך די האָר.

— נעע, אויס וועלט. און ווי זעט זי אויס, די אַלטע קרעטשמע?

— די אַלטע קרעטשמע, ווי דו רופסט זי, זעט גאָרנישט שלעכט אויס.

פאַן הענריק האָט אַ קוק געטון פון אַראָפּגעשאַרצטן שטערן אַפער. זיין ווייבס געלאַסנקייט, זיין ווייבס קנייטשעלע איבער דער נאָז — איז אים נישט געפעלן.

— ווי קומט צו איר אַזאַ קנייטשעלע? און וואָס רעדט מען עפּעס אַזוי קלוגעריש, אַזוי פון דערווייטנס?

— כ׳וואָלט נישט געוואָלט שווערן — האָט זיין שטים גרעבלעך חוזק געמאַכט — אַז זי טאַנצט אויך.

— מן-הסתם.

דאָס גוידערדיקע גאָמבעלע פון מאַן האָט אַ קליין ביסע־לע אָנגעהויבן פרייכן. די נאָז-לעכער האָבן הויך געאָטעמט גלייך אין ווייב אַריין:

— האלטסט דו, אַז ס׳איז גוט אַזוי?

— כ׳האָב גאָרנישט געזאָגט.

מען דאַרף דען זאָגן? אַז נישט, דערקענט מען נישט, אַז ס׳געפעלט דיר?

— פון ווען אָן ווייסטו דאָס, וואָס מיר געפעלט?

פון דידאָזיקע ווערטער — האָט זיך באַם דירעקטאָר

ליכטנפעלד אויסגעקרומט די לינקע זייט מויל און אַ קליין ריטשקעלע שפּייעכץ האָט זיך פּאַמעלעך גענומען דריוולען אי־בער זיין גאָמבע.

— הערסטו, — האָט ער נישט געהערט, וואָס זיין ווייב האָט אים געפרעגט — ס׳זאָל, חלילה, מיך טרעפן אַזאַ זאַך — הייס איך נישט ליכטנפעלד, אויב כ׳וואָלט מיך נישט געגעט.

אָנשטאָט פרוי מערי האָט זיך פאַרקרעקט דער זייגער. פאַן הענריק האָט געוואַרט אויף תשובה. אָבער דער זייגער האָט נגידישלעך און מיד אויסגעקלונגען זיין פזמון און פרוי מערי האָט נישט געענטפערט.

ליגנדיק שפּעטער מיט אָפענע אַפּלען אין די בעטן, האָבן זיך מאַן און ווייב נאָכאַמאָל דערמאָנט. נאָכאַמאָל איבערגע־קייעט.

ער, דער מאַן, האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זיין ווייב האָט זיך אַזוי פלוצלינג און אַזוי פרעמד אויפגע־שטעלט פון טיש. און איר, דעם ווייב, האָט געשטאָכן אין מוח, אַזוי ווי אַ דין טשוועקעלע איין קליין, קיילעכדיק ווערטל:

— גט!

די אייגענע וואָך האָט געהאַט אַ נאַכט פון שבת אויף זונטיק. פאַן הענריק, ווי זיין טבע איז געווען, איז צוערשט געלעגן אַ שפּאַרע ווײַלע מיט אַן איינגעהערט פּנים, אַזוי ווי אַ גנב. דערנאָך האָט ער, ווי זיין טבע איז געווען, אָוועקגע־בויגן די קאָלדרע און אַריינגעגליטשט זיך אין צווייטן בעט.

מילא. איז ער דאָ. אָבער פאַר זיין פּנים ליגט נישט מער, ווי אַן אויסגעדרייטע, האַלב־אויסגעוואַרעמטע פּלייצע.

חידושט זיך פאַן הענריק:

— מערישי, וואָס עפּעס אַ פּלייצע?

ענטפערט אַ קול אין יענער זייט שטוב אַריין:

— וואָס אַרט דיך, אַז אַ פּלייצע?

— כ׳מיין, וואָס הייסט עס?

— וואָס זאָל עס הייסן?

— שוין ווידער די צייט?

— ניין, נישט די צייט.

חידושט זיך פאַן הענריק נאָך מער:

— וואָס זשע דען?

— גאָרנישט. אַז מען וויל זיך גטן — איז אַ פלייצע אויך צופיל.

— ננע! — גיט אַ פּאַטש די צונג אין פייכטן מויל — ווייסטו, ביסט דאָך עפעס גאָרנישט קלוג, מערישי.

— ווערסט ערשט היינט געוואָר?

— מיינסט טאַקע, כ׳האָב געזאָגט אויף אַן אמת?

— וואָס איז די נפקא מינה.

— ס׳איז יאָ אַ נפקא-מינה. און צווייטנס — לייגט פאַן הענריק אַרויף אַ האַנט אויף דער האַלב-אויסגעוואַרעמטער פליי-צע — אויב כ׳האָב דיך, חלילה, באַליידיקט, וויל איך דיך איבערבעטן.

— מוחל...

אין דער שאָטנדיקער, מאַט-ראָזער ליכטיקייט פון שלאָפצימער שניידן זיך אַריין דערשראָקענע, אַנגסטלעכע זאַצן:

— מערישי, ווייסט כאָטש, וואָס דו טוסט?

אָבער מערישי האָט שוין מער נישט געענטפערט. די האַלב-אויסגעוואַרעמטע פלייצע האָט זיך אַוועקגערוקט צום קאַנט פון יענער זייט בעט.

פאַן הענריק איז שטיין געבליבן אויף דער פאָדלאָגע אַ האָריקער, אַ פאַרשוויצטער. דאָס שאָטנדיקע, מאַט-ראָזע ליכט איז געפאַלן אויף זיינע באַוואַקסענע פיס, וואָס האָבן עלנט אַפּערגעקוקט פון אַ קורץ פאַרקנייטשט העמד און געמאַכט דעם מענטש נאָך עלנטער, ווי ער איז געווען.

געמיינט האָט פאַן הענריק, אַז עס וועט זיך ענדיקן מיט דעם, מיט וועלכן עס פלעגן זיך ענדיקן אַלע צו מאָרגנסדיקע

זונטיקס. ער וועט אַ ביסל ברומען, ברומענדיק — שלייפן דעם שניפּס. דערנאָך וועט ער אַװעקגיין אין די ווייטע גאַסן אַריין, אויף הילצערנע, טונקעלע שטיגן און שוין.

איז אָבער דער הײנטיקער זונטיק אויסגעפאַלן אַ פּרעמ־דער, אינגאַנצן נישט דעם פאַן העגריקס. דער ערשטער פּרעמדער זונטיק אין די גאַנצע חזקהדיק־אײנגעפונדעװעטע זעכצן יאָר.

דאָסמאָל האָט פאַן העגריק נישט געברומט. די הילצערנע שטיגן ערגעץ דאָרט אין דער ווייטער גאַס זענען פאַרווישט געוואָרן פון זיין געביין. די אויפגערוימטע שטאָט מיט די שפּאַצירנדיקע ווייבער און ווייבלעך איז געלעגן צונויפגעקנאָ־דערט הינטער די פענסטער. ער, פאַן העגריק אַליין, איז שווער אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב, אַזוי ווי ס׳גייט אַרום אַ ווייטיק אין די אברים. שווער מיטגעטראָגן מיט זיך דאָס אַ ביסל־אויפגעבלאָזענע בייכל, דאָס אַ ביסל־ גוידערדיקע פּנים און נישט געוווּסט פון וואָס און ווי אַזוי אָנצוהויבן.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער געלעגן אויפן בויך, אַזוי ווי אַ יינגל, וואָס ווערט ברוגז. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געפּרייכט אין הייסן קישן אַריין. און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער נישט גע־קאָנט תּופס זיין, וואָס ס׳איז דאָס דער מער מיט זיין מערישי.

איצט איז אים אַלץ געווען איבלדיק. פּרעמד. נישט זיין. עפּעס האָבן זיך דאָ צעלייגט פיר שטיבן מיט אַ קיך מיט קרע־דענסן, מיט שענק, מיט קינדער, מיט דינסטן. ווער דאַרף דאָס אַלץ? ווּעמען נוצט דאָס אַלץ? אדרבא, זאָל מען אים זאָגן.

אָט סקריפּען נישט די טירלעך. אָט האָט די דינסט צע־האַקט דאָרט אַ טעלער. אָט שרייט דאָרט מערישי. זיין אייגענע מערישי, וואָס האָט זיך צו אים נעכטן באַנאַכט אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע. וואָס שרייט זי אַזוי? און ווי קומט דאָס צו איר אַזאַ רוי קול?

אָט שלאָגט זיך קאַזשיק מיט יאַנינקען. אָט בלעזלט איינס פאַרן אַנדערן אַרויס די צונג און גאָרנישט. הפקר. ער, דער מאַן, דער טאַטע, דער דירעקטאָר — מוז זיך אַזוי אַרומדרייען שטוב־איין שטוב־אויס. צוזען, צוהערן און שווייגן.

ערשט שפּעט נאָכמיטאָג, ווען דאָס דינסט-מיידל איז אַוועק שפּאַצירן מיט אירע זעלנער און די צוויי קינדער האָבן אויסגעבעטלט בײַ דער מוטער אַ פּאָר גראָשן אין קינאָ אַרײַן — האָט זיך פּאַן ליכטנפעלד אַוועקגעזעצט אויפסניי טראַכטן, וואָס ס'איז אים געבליבן צו טון און ווי אַזוי ער דאַרף זיך פירן להבא.

דאָס ווייב זיינס איז געזעסן איבער אַן אַרבעט. פּאַמעלעך און דין, אַזוי ווי מען קלויבט אַרבעס, האָט זי געשטאָכן אַ נאָדעלע אין אַ שטיק זייד אַרײַן. זי האָט געהאַלטן אין איין אויסציען און איינציען די האַנט, אַזוי ווי ס'וואָלט געווען נישט קיין האַנט, נאָר אַ שפּיציקער אומרו פון אַ זייגער — צעוויגט משופּהדיק.

דער פרום-פּאַרקעמטער קאָפּ איז געהאָנגען אין שטיק זייד אַרײַן, אַזוי ווי אַ גרויסע צייטיקע באַרנע. דער לענגלעך-איבערגעבויגענער האַלז האָט זיך געווייסט מיט אַ טרוקענער קלאָרקייט. עטלעכע פוכיקע הערעלעך, אַזוי ווי ראָסע אויף אַ שטענגל, האָבן פון צייט צו צייט אַ ציטער געטון.

איז אָט דידאָזיקע עטלעכע פוכיקע הערעלעך — האָבן פּשוט אויפגערעגט דעם פּאַן הענריק.

ס'הייסט, נישט אַזוי ווייט די הערעלעך, ווי די קאַלטע, לונג-און-לעבערדיקע רויקייט, וואָס איז געגאַנגען פון זיין ווייב.

— וואָס עפּעס אין מיטן דרינען גענומען זיך צו העפטן?

— וואָס שטערט עס אים אַזוי? — ציט זיך אויס אַ לאַנגער דרים אין חלל אַרײַן.

— בישטאָ שוין קיין בעסערס צו טון?

— מיט וואָס איז דאָס ערגער ווי דאָס בעסערע?

— בעסער, נישט בעסער. האָסטו געזען. אַ זונטיק געפּטרט. נישטאָ אַפילו מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן.

— וואָס אַזעלכעס וויל ער דאָס רעדן?

— ער וויל רעדן, ס'הייסט ער וויל זאָגן, אַז ווייטער אַזוי קאָן עס נישט גיין.

— וואָס, אַ שטייגער?

— אַט דאָס טאָקע. דאָס נעכטיקע. ער וויל נישט און פּטור.
— מעג זי דאָך אויך אַמאָל נישט וועלן?
— האָסטו געזען. זעכצן יאָר גוט. און אויפן זיבעצעטן...
— און אויפן זיבעצעטן — האָט פרוי מערי ראַפּטום אַ שטאָך געטון אין זייד אַריין — און אויפן זיבעצעטן האָט זיך ס׳אויערל אָפּגעריסן און ס׳קריגעלע האָט זיך צעבראָכן...
— פילאָזאָפיעס גאָר... ננע!

פאַן העגריק האָט זיך צעוויגט. אַמאָל שפּיציק און אַמאָל צעדריידלט, אַזוי ווי אַ יונגערמאַן אַ מתמיד בײַ אַן אָפן ספר.

— יעדער מענטש — האָט פרוי מערי נאָך טיפער אַרײַנגעשטאָכן ס׳נאָדעלע אין געהאָפטענעם זייד — יעדער מענטש האָט זיינס אַן אייגענעם ווילן.
— ווילן, שמילן. כ׳פאַרשטיי, דו קאָנסט נישט — מאַ. אָבער אומישנע. מען זאָגט כאָטש, כ׳האָב מיט עפּעס געזינדיקט.
— האָסט טאָקע געזינדיקט - האָט שוין פרוי מערי אויסגעדרייט ס׳פּנים אין מאַנס זייט אַריין און אירע אויגן האָבן זיך דערביי שמאָל פאַרצויגן — האָסט געזינדיקט מיט דעם, וואָס אין פאַרלויף פון גאַנצע זעכצן יאָר האָסטו מיר צוגענומען מיין ווילן.
— ווער צוגענומען? וואָס צוגענומען? וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון?
—האָסט מיך אויסגעלערנט אַזוי רעדן.
— איך? מערישי, לאָם איך דיך נאָר אָנקוקן. וואָס איז דאָס פון דיר געוואָרן?

אַ וויעכעטש — ציט דאָס ווייב מיט אַ רוי שטימעלע און דאָס דינע נאָדעלע שטייט מיטן שפּיצל אין דער לופטן. פאַן העגריקס ליפּן גיבן זיך אַ פּאַטש צו. ביידע הענט גיבן אַ שלעפּ די שפּיצן פון וועסטל:

— אַז כ׳האָב נישט וואָס צו רעדן מיט דיר.
— מאַ — פאַרקנייטשט זיך דער ווייבערישער אַקסל און ס׳נאָדעלע באַהאַלט אויפסניי דאָס קעפּל אין געהאָפּענעם זייד אַריין. אין דעם צומאָרגנסדיקן מאָנטיק האָט פאַן העגריק נאָך העכער

געשריגן אויף די קינדער, פריער ווי אַלעמאָל איז ער אַוועק אין באַנקהויז אַריין און פריער ווי אַלעמאָל האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיטן זייגער אין דער האַנט.

פּאַן הענריק האָט אין יענעם מאָנטיק נאָך מער געקוקט אויפן פּאָרטרעט פון זיין אַמאָליקן אַלטן באַלעבאָס מיט די צווײי באַקן-בערד. און קוקנדיק אַזוי, האָט ער באַשײנפּערלעך געפילט, אַז איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, ווען ער וועט חלילה שטאַרבן, וועט מען שוין אויף זיין מצבה נישט אויפשרייבן:

— טו לעזשי מאָנזש זאַצני, שלאַכעטני...

מען וועט בפירוש נישט אויפשרייבן. וואָרום ווער וועט דאָס טון? און פאַרוואָס זאָל מען דאָס טון? אַז ס'ווייב איז קיין ווייב נישט, די שטוב איז קיין שטוב נישט און ס'לעבן איז קיין לעבן נישט.

נאָך יענעם שמועס האָט פּאַן הענריקס בעט יעדע נאַכט געבריט. די פּיס האָבן געזוכט אַן אָפּגעקילט אָרט, ווו אָפּצואָטעמען.

איז — אַז ס'איז געקומען די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת, (נישט פון שבת אויף זונטיק) האָט שוין פּאַן הענריק נישט געקאָנט מער איינליגן צווישן דעם הייס-צעקנאָדערטן בעטגעוואַנט. ער האָט זיך געדרייט אויף דער רעכטער זייט, פון דער רעכטער אויף דער לינקער — ביז ער האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ שולדיק-פאַרלעגן קול אין שכנותדיקן בעט אַריין:

— מערישי?

האָט דאָס שכנותדיקע בעט קאַלט אָפּגעשאָקלט:

— ס'איז דאָך היינט נישט שבת.

האָט פּאַן הענריק געמוזט פאַר ליב נעמען. מילא, מען קאָן דאָך נישט גיין מיט גוואַלד. ווי לאַנג איז דען צו שבת? אַ טאָג.

האָט אין יענעם שבת דער לאָמפּ אין שלאָפצימער נישט געוואָלט ברענען. אַ פליג האָט געקלאַפּט דעם קאָפּ אָן אַ שויב און נישט אויפגעהערט וויינען, אַ שטייגער, ווי זי וואָלט נאָר וואָס עמעצן צו קבורה געברענגט. אין קינדער-צימער האָט געקרעכצט אַ בעטל.

אָבער פאַן הענריקס מוח איז געווען פאַרגאָסן מיט הייסן קאַלך. ער האָט נישט געהערט גאָרנישט. נישט געוווּסט אַפילו — אַז דער לאָמפּ וויל נישט ברענען. ס'איז אים אַלציינס געווען. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ פרעג געטון אין דער פינסטערער הוילעניש אַריין:

— מערישי?

האָט מערישי גאָרנישט געענטפערט. פאַן הענריק האָט מיט הייליגע ציין אַראָפּגעשטעלט די פיס אין צווישנשייד פון די בעטן. מערישי האָט ווייטער גאָרנישט געענטפערט. מערישי האָט געפילט אַ ריח פון האָריקע הענט און פון אַ קורצער, סאַפּענדיקער פּאַרע. אָבער מערישי האָט צום דריטן מאָל גאָרנישט געענטפערט.

האָט עס זיך פון איצט אָן אויסגעסדרט אַנדערש. פון צייט צו צייט האָט פאַן הענריק אָנגעקלאַפּט אין דער נאַכט אַריין, אַזוי ווי מען קלאַפּט אָן אין אַ פרעמדער טיר:

— מ'קאָן?

האָט מערישי כמעט אַלע מאָל געענטפערט:

— ס'איז דאָך היינט נישט שבת...

נאָר איינמאָל אין אַ יובל, בפירוש איינמאָל אין אַ יובל, האָט מערישי גאָרנישט געענטפערט...

אַ חוץ יענער פאַני שטיינבערג, וואָס צוליב איר זענען אין די נעכט פון שבת אויף זונטיק די בעטן באַ די ליכטנפעלדס רויק געשלאָפן — אַ חוץ איר — האָט פרוי מערי געהאַט נאָך עטלעכע באַקאַנטע, וואָס זענען אין אַ מיטן מיטוואָך, צווישן מנחה ומעריב, ווען די מאַנען לויפן אַרום מיט שטעקעלעך אין די גאַסן, אָדער ווען זיי שטייען אין געשעפטן — זענען אָט די באַקאַנטע אַהיימגעקומען מיט ליידיקע קאַרקעס, אויף וועלכע האַרטע שערן האָבן איבערגעלאָזט אַ בערשטלדיקע קאַלטקייט.

פרוי מערי האָט זיך אָפּט באַגעגנט מיט דידאָזיקע פּאַניס און אָפּט געהערט:

— הײנט, לאַנגע האָר ? וואָס טוט זיך עפּעס מיט איהן, פּאַני ליכטנפעלד ?

האָט זיך פרוי ליכטנפעלד אײנמאָל אַװעקגעשטעלט באַם שפּיגל. סתּם אַזוי אַװעקגעשטעלט זיך. זי האָט אַ ביסל אונטער-געהויבן דעם שווערן גרעק, אַוועקגענומען אים אַ ביסל אין דער זײט — כּדי בעסער צו זען — צי ס'וואָלט איר געקלײדט, ווען זי, למשל, נעמט און לאָזט זיך אַזוי אָפּשערן די האָר.

איז עס איר געווען שווער צו זען. געדאַכט האָט זיך אָבער, אַז זי וואָלט אויסגעזען ייִנגער. ס'הייסט — נישט אַזוי ווײט ייִנגער, ווי נײער.

איז אַזוי ווי פרוי מערי האָט זיך פאַרגאַפיעט אין שפּיגל אַרײן — איז איר בליק אין אײן וועגס געפאַלן אויפן קלײד. אַ גוט קלײד. ערשט נישט לאַנג, ווי זי האָט עס זיך געלאָזט מאַכן. נישט מער — די שנײדערין האָט נישט געזשאַ-לעוועט קײן סחורה. וואָס וואָלט אַזאַ שנײדערין געאַרט — ווען דאָס אײגענע קלײד זאָל אויסקומען אַ ביסל קירצער

דערמאָנט זיך פרוי מערי, אַז די שנײדערין האָט צוגע-רעדט, נאָר זי, מערי, האָט נישט געוואָלט. זי וועט זיך דאָך נישט גײן מאַכן צו נאַר.

איצט אָבער, ווײזט זיך איר אויס, אַז דאָס קלײד איז טאַקע אַ ביסל צו לאַנג. מילא. זי וועט דאָך נישט לאָזן איבערמאַכן אַלע קלײדער. נישט מער — אָט שטײט דאָרט אין ווינקל אַ גיפּסן פיגורל. ס'איז דער אַלטער וואָלטער. מײנט פרוי מערי, אַז דאָס פּנים פון דאָזיקן גיפּסענעם פיגורל האָט זיך איצטער פאַרקרומט:

— האָסט דיר געמאַכט אַ קלײד אויסצווואַקסן ?

נעמט פרוי מערי, נישט דערפאַר, וואָס דאָס גיפּסענע פיגורל מאַכט חוזק — נאָר גלאַט — נעמט זי און שאַרצט אַ ביסל אַרויף דאָס צו-לאַנגע קלײד.

דערזעט זי אַ נײעס. ס'הייסט — ס'איז נישט אַזוי ווײט נײ, ווי ס'איז חידושלעך.

זי דערזעט פיס. אירע אײגענע פיס. נאָר איצט זעען

זיי איר אויס צו זיין פרעמדע. וואָרום פון וואַנען קומען דאָס צו איר אַזעלכע ווייך־ציטערדיקע, כמעט ווי אומישנע־אויסגע־שניצטע פיס?

וווּנדערט זי זיך:

— הלמאי האָט זי ביז אַהער נישט געוווּסט, אַז אונטער איר קלייד גייען אַרום אַזעלכע פרעמדע פיס?

אָט גיט זי אַזאַ גיי. אָט דרייט זי אויס דעם קאָפּ הינטערווײַלעכטס אין שפּיגל אַריין. דערזעט זי דאָרט אין באַזילבערטן גלאָז צוויי ספּרענזשענדיקע ליטקעס.

שאַרצט זי נאָך אַ ביסעלע אַרויף דאָס צו לאַנגע קלייד. שטעלט צוזאַמען ביידע פיס האַרט איינעם באַם אַנדערן און בלייבט אַזוי אַ ווײַלע מיט אַן איבערגעבויגענעם גרעק.

— ביסט אַ מבין. גענומען און געהייסן מאַכן לאַנגע קליידער. כאָטש נעם און לאָז זיי אַלע קירצן.

נאָר דאָ איז ווידער געפּאַלן פרוי מעריס בליק אויפן גיפּסענעם פיגורל פון אַלטן וואָלטער. און ווידער האָט זי גע־זען דאָרט אַ פאַרקרומטן שמייכל:

— וואָס עפּעס קירצן אין מיטן דרינען? און ער, העני־ריק־לעבן, וועט לאָזן?

— וואָס הייסט, ער וועט נישט לאָזן?

— פאַרוואָס זאָל ער יאָ לאָזן? ער איז אַ מאַן, צי נישט? ער האָט אַ דעה, צי נישט?

— און אַ ווייב דאַרף שוין איינגאַנצן קיין דעה נישט האָבן?

האָט זיך דאָס גיפּסענע פיגורל נאָך מער פאַרקרומט. און אַזוי אין מיטן פאַרקרומען זיך — איז עמעצער אַריינגעקומען און עמעצער האָט אַ זאָג געטון:

— פראָשען פּאַני, זאָל איך שוין פאַרקאָכן אונטער דער יויך?

פרוי מערי האָט ראַפּטום געגעבן אַ לאָז אַראָפּ ס'קלייד. זי איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן מיט אַ צעטומלט פּנים. אַ כאַפּ געטון דעם בונט שליסעלעך און להכעיס דעם נאַרישן פּנים

פון גיפסענעם פיגורל — האָבן זיך ראַשיק צעסקריפּעט די טיר־לעך פון די קרעדענסן און די שיפלאָדן פון די שענק.

די פּיס אָבער, פּרוי מעריס נייע פּיס, האָבן דאָסמאָל געקלאַפּט הויך, שטייף, מעשה באַלעבאַטים און כסדר אָנגעזאָגט:

— אַט אָ זענען מיר!

אין יענעם טאָג איז ס'מיטאָג באַ די ליכטנפעלדס אַרויס־געקומען אַביסל שפּעטלעך. פאַן הענריק איז געזעסן מיטן זיי־גער אין דער האַנד און געדרייט זיך אויף דער שטול, ווי איי־נער, וואָס ליידט אויף דער לעבער.

— וואָס עפּעס, מערישי?

— וואָס זאָל זיין? פאַרשפּעטיקט.

— דו ווייסט דאָך, אַז כ'קום פּינקטלעך.

— כ'ווייס טאַקע, אָבער ס'מאַכט זיך אַמאָל.

פאַן הענריק האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס האַלב־אָנגעדראָלענע פּנים אין טעלער אַריין. ער האָט ברוגז געשלונגען די לאַנג־געשניטענע לאָקשן, וואָס האָבן זיך נאָכגעפּלאָנטערט נאָכן לעפל, ווי צויטן. ער האָט ברוגז געפּאַטשט מיט די ליפּן. ברוגז אַרויסגעבלעזלט די צונג, כדי צו כאַפּן די לאָקשענע צויטן און ברוגז געוואָרפן פון צייט צו צייט אַן עלנטן בליק אויף די קינדער זיינע. ס'האָט געהייסן:

— ס'איז אונז גוט צוגעקומען, האַ, קינדער?

אויף דער אַנדערער וואָך איז ווידער געווען אַ פאַרשפּע־טיקט מיטאָג. נישט איינס, נאָר גאַנצע צוויי פאַרשפּעטיקטע מיטאָגן.

פאַן הענריק האָט ווידער געוואָלט דערגיין די סיבה. זעכצן יאָר, אַז מען האָט געגעסן מיטאָג צו דער צייט. זעכצן יאָר. און אויפן זיבעצענטן איז פּלוצלינג געשען אַ שינוי. מוז דאָך זיין אַ סיבה.

— קיין שום סיבה נישט. פאַרשפּעטיקט און פּטור.

דאָ האָט שוין פאַן הענריק גענומען אַריינטראַכטן ערנ־סטער. געטראַכט גייענדיק אין באַנקהויז אַריין. געטראַכט זיצנדיק באַם אַמעריקאַנער שרייב־טיש. און אַפילו רעדנדיק דורכן טעלעפאָן האָט פאַן הענריק אויך געטראַכט.

איז ער דערגאַנגען, אַז דאָס גאַנצע איצטיקע פירן זיך פון זיין ווייב וואַקסט פון יענעם מאָל אָן, ווען זי, מערישי האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט צו אים מיט אַ שטיקל אויס-געוואַרעמטער פּלייצע און ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן אָנגעקלאַפּט אין שכנותדיקן בעט אַריין, אַזוי ווי מען קלאַפּט אָן אין אַ פרעמדער טיר:

– מערישי, מ׳קאָן?

איז שולדיק נישט קיין אַנדערער, נאָר ער אַליין. נישט באַדאַרפט אָנקלאַפּן און נישט באַדאַרפט בעטן. אָדער זי איז אַ ווייב, אָדער זי איז נישט קיין ווייב.

זיין בליק טרעפט זיך מיטן גיפּסענעם פיגורל פון אַלטן וואָלטער. ווייזט זיך אויס דעם פאַן הענריק, אַז אָט דאָסדאָ-זיקע שטיקל גיפּס האָט פאַרקרומט מיט דער נאָז און שפּעט אים נאָך:

– ווייב, שמייב...

פרעגט פאַן הענריק מיט אַ פּאָר פאַרקנייטשטע ווינקלען בײַ די אויגן:

– מערישי, פון וואַנען נעמט זיך צו אונז דאָסדאָזיקע פיגורל?

– וואָס הייסט, פון וואַנען? געדענקסט נישט? ס׳איז דאָך אַ דרשה-געשאַנק.

– טאַקע?... איז עס דאָך שוין אַלט אַ יאָר זעכצן.

– ווייזט אויס.

– און תמיד האָט עס זיך אַזוי געקרומט, ווי ס׳קרומט זיך היינט?

– כ׳קוק נישט דערויף – ענטפערט פרוי מערי גיך און מן-הצד.

– איז וואָס-זשע וועט פאַרט זיין?

– וואָס ווילסטו זאָל זיין?

– כ׳מיין אָט דאָס אַלץ, מיין איך.

פאַן הענריק גיט אַ ברייטן פיר מיט דער האַנט איבער דער שטוב. ער האַלט איצט אין דער האַנט די גאַנצע זעכצן

יאָר. אַלע קרעדענסן מיט אַלע שענק. אַלע גוטע מיט אַלע שלעכטע טעג און נעכט.

פרוי מעריס אַן אַקסל לאָזט זיך בטלניש אַראָפּ.

— וואָס האָט דען צו זיין, וואָס?

נו, יאָ. ס׳האָט טאַקע נישט געהאַט, וואָס צו זיין. נאָר איינמאָל האָט זיך געשטעלט אַ ניכטערער, ליידיקגייערישער טאָג.

אין יענעם ליידיקגייערישן טאָג — נאָכדעם, ווי מען האָט אָפּגעגעסן מיטאָג און נאָכדעם, ווי אין די פיר צימערן מיט אַ קיך האָט זיך צעלייגט אַ פולע, דרעשטשענדיקע מידיקייט — האָט פרוי מערי נישט געהאַט וואָס צו טון. געזעסן, געגאַנגען, געטראַכט, ביז זי האָט זיך, ווייזט אויס, צו עפּעס דערטראַכט.

האָט זי גענומען אויף זיך אַ מלבוש, פאַרמאַכט די טיר אויף דער לינקער זייט און איז אַראָפּגעגאַנגען.

אין אַזעלכע פּראָסטע, ליידיקע נאָכמיטאָג-שעהן — גייט פרוי מערי קיינמאָל נישט אַראָפּ. נישט מער — היינט איז אין דרויסן געווען טרוקן. אויף די טראָטוּאַרן איז געלעגן אַ שפּעט-האַרבסטיקע שאָטנדיקייט. אין שוי-פענסטער האָבן אויפגערייצט געבּרענט גרין-בלוילעכע פלעמלעך. ס׳האָט געשמעקט מיט קאַל-טע בלעטער, וואָס קורטשען זיך אונטער די בעזע-מער פון סטרוזשעס. מיט צייטיקע ווייַנטרויבן און מיט גרוי-סע רויטע עפּל, וואָס ליגן אין די שוי-פענסטער, ווי מיידלעך, וואָס דאַרפן אַ שידוך טון.

איז פרוי מערי אַזוי זיך געגאַנגען. פון פענסטער מיט זייד און טיול — צו פענסטער מיט ווייַנטרויבן און עפּל.

די טריט אירע האָבן זיך אָפּגערופן שאַרף און קורץ-אָטעמדיק.

איז, ווען פאַן הענריק זעט אַזוי איצט גיין זיין מערישי, וואָלט ער, מן-הסתם, אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַ ביסל אויף אַ

זייט. וואָלט זיך דאָס מויל באַ אים אויסגעקיילעכדיקט און ער וואָלט געפרעגט:

— ווו, אַ שטייגער, קאָן דאָס איצט גיין זיין ווייב? אַז קיין קלייד האָט זי זיך נישט באַשטעלט. אַז אין שטוב איז, חלילה, קיינער נישט קראַנק. טאָ וווהין קאָן זי דאָס איצט טאַקע גיין?

אָבער דער פּראָסטער אינמיטנדערוואָכעדיקער אויפדערנאַכט האָט, פונדעסטוועגן, אויסגעזוכט אַ גאַנג פאַרן ווייב פון פאַן הענריק ליכטנפעלד.

פרוי מערי איז עטלעכע מאָל אַריין אין איין גאַס און עטלעכע מאָל אַרויס פון דער אייגענער גאַס. פרוי מערי האָט צוויי מאָל געטראָפן באַקאַנטע פּנימער פון פּרויען, וואָס איינע פון זיי האָט שוין געהאַט אַן איידעם און האָט פונדעסטוועגן אויסגעזען יינגער, ווי דאָס ווייב פון דירעקטאָר ליכטנפעלד.

איז וואָס-זשע ישובט זי זיך? אָט איז אַ טיר אין אַ ליכטיק-אויפגעריסן געשעפט אַריין. איין שטופּ און די טיר עפנט זיך.

ס'איז געשען, אייגנטלעך, אָן איר ווילן. פרוי מערי דערזעט פלוצלינג, ווי שפּיגלען שפּיגלען זיך אין שפּיגלען. ווייסע פּאַרטוכער מיט טונקעלע קעפּ, אַזוי ווי גרויסע אָפּגעברענטע ליכט, שטייען איבער פּאַרריסענע פּנימער.

פון שפּיגל צו שפּיגל לויפט אַרום אַ קלאַפּנדיק סיקען און אַ גזלניש „זשענזשען" פון שערלעך, פון מאַשינקעס. פונקט אַזוי, ווי ס'וואָלט „געזשענזשעט" די פלעגמע באַ אַ קראַנקן אין האַלז.

אין ערשטן אויגנבליק פאַרשטייט נישט פרוי מערי, ווי אַזוי די טיר האָט זיך געגעבן אַזאַ עפן אויף און ווי אַזוי ס'האָט זי דאָ אַריינגעוואָרפן.

דאָרט, אויף יענער אויסגעבויגענער שטול האָט אַ פרעמדער יונגערמאַן פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַרקייכט. נישט ווייט פון פרעמדן יונגנמאַן בייגט אַ פרוי

אויס דאָס פּנים צום שפּיגל צו. צוויי ווייסע פּאַרטוכער קלינ־גען מיט גלאַנציקע שערלעך:

— ציל, ציל, ציל, ציל...

פרוי מערי האָט ס׳געפּיל, אַז אָט יענער יונגערמאַן, וואָס קוקט אַזוי גולמעוואַטע איבערן שפּיגל — קוקט גאָר אויף איר. ס׳הייסט, נישט ער קוקט, נאָר ער נעמט פון איר אַראָפּ די בליוזקע, דאָס קלייד און מיטן שערל, וואָס לויפט אַזוי טאַנצנ־דיק איבער זיין קאָפּ — האַקט ער איר די הויט.

ווערט פרוי מערי רויט. די אויגן האָבן זיך מורא אויפ־צוהייבן.

קאָן זיין, אַז אין יענער מינוט וואָלט זי זיך אויפגעריסן און אַזוי ווי זי איז אָן איר וויסן אַריין, אַזוי וואָלט זי אויך אָן איר וויסן אַרויס.

נאָר איינער פון די ווייסע פּאַרטוכער האָט זיך פּלוצ־לינג אַ בייג געטון אין איר זייט און געוואָרפן:

— ביטע!

איז זי אויפגעשטאַנען. ס׳הייסט — ס׳האָט זי ווער אויפ־געשטעלט. און דער אייגענער „ווער" האָט זי אַריינגעזעצט אין אַ פאָטעל.

פאַר איר — אַ גרויס, פאַרזילבערט גלאָז מיט עלעקטרי־שע לעמפּלעך, אַזוי ווי באַרנעס. אַרום איר — אַ טאַנצנדיק ווייס פּאַרטוך, וואָס וויגט זיך צוקאָפּנס.

פרוי מערי קוקט אין אָפענעם ליכטיקן גלאָז אַריין. איז אַזוי קוקנדיק, האָט זי דערזען פּלוצלינג אַ גרויס אָנ־געדראָלן פּנים מיט אַביסל אַ קליין גוידערל און מיט אַ פאַר־קייכט שטימעלע:

— מערישי, וואָס גייסטו טון, וואָס?

נאָר דער אין ווייסן פּאַרטוך האָט פּלוצלינג פאַרשטעלט דאָס שפּיגלדיקע, ליכטיקע גלאָז. אַלץ — צוזאַמען מיטן פאַר־קייכטן שטימעלע איז געבליבן אויף דער פּלייצע פון דעם מיטן ווייסן פּאַרטוך. פרוי מערי האָט מער נישט געשפּירט אויף זיך, ווי העגט.

פרעמדע הענט האָבן זיך צוגערירט צו איר קאָפּ. אַ פרעמדער ריח, אַ האַריקער האָט געשמעקט אויף איר האַלז. און זי, מערי, גאָרנישט. נישט זי קאָן אַוועקגיין, נישט זי קאָן אים אָפּשטופּן פון זיך.

איז דאָך טאַקע נישט צו פאַרשטיין. אויסער העגריקן איז נאָך קיינער אַזוי נאָענט נעבן איר נישט געשטאַנען. אויסער העגריקן — האָט נאָך קיינער אַזוי אויף איר נישט געאָטעמט. טאָ פאַרוואָס שווייגט זי?

ערשט ווען זי האָט פּלוצלינג דערהערט האַרט נעבן איר אויער אַ שטאָלן סיקען און דאָרט פון קאַרק איז עפּעס אַוועק־געפאַלן — האָט זי אויסגעקייכט:

— אוי! . . .

דער, אין ווייסן פאַרטוך האָט געשמייכלט איר אין קאָפּ אַריין און טענצלדיק אַרום איר — האָט ער מיט אַ פאַרצויגן שטימעלע געפּלאַפּלט:

— אַז ער איז שוין געוווינט צו אַזעלכע צאַפּלדיקע קוויטשעלעך. אַז יעדע איינע, וואָס קומט דאָ אַריין צום ערשטן מאָל — צאַפּלט אַזוי אויף.

אָבער פרוי מערי האָט אים כמעט ווי נישט געהערט. זי איז געזעסן אַזוי ווי אין אַ קלעם. ס׳לייב האָט געברענט. פונקט אַזוי ווי דאָס שערל זאָל אָפּהאַקן שטיקער פלייש. זי האָט נישט געוווּסט וואָס, נאָר ס׳האָט וויי געטון. פונקט אַזוי ווי מיט זעכצן יאָר צוריק, ווען זי איז צום ערשטן מאָל געוואָרן אַ ווייב צו העגריקן.

דעמאָלט האָט זי געוואָלט העגריקן געבן אַ פּאַטש אַוועק פון זיך מיט ביידע הענט. אָבער זי האָט נישט געקאָנט. פונקט אַזוי ווי זי קאָן נישט היינט. דאָס פּלאַפּלען פון איצטיקן ווייסן פאַרטוך איז פונקט אַזוי ווי דאָס פּלאַפּלען פון דאַ־מאָלסדיקן העגריק.

דאַמאָלס, געדענקט זי, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און געוויינט. היינט האָט זי נישט קיין וואַנט. זי זיצט איינגעקלעמט צווישן ביידע צינגלעך פון אָפּענעם שערל. איין

ריר — און די אָנגעשאַרפטע, די קאַלטע צינגלעך וועלן זיך צוזאַמענפאַלן אַרום איר האַלז.

שפּעטער, ווען די צינגלעך האָבן אויפגעהערט קלינגען און פרוי מערי האָט דערפילט אַרום זיך און אַרום דעם קאַרק אַן אויסגעהוילטע ליידיקייט — האָט זי גיך גענומען טאַפּן מיט די הענט אַרום קאָפּ, אַרום האַלז און טרעפנדיק דאָרט אַ בערשטלדיקע שאָרסטיקייט — האָבן די אויגן גענומען קריכן איבער דער פּאָדלאָגע, ווו עס זענען געלעגן צעוואָרפן קנוילן האָר. איז ס׳ערשטע געפיל געווען, אַז אָט דאָ נעבן אירע פיס וואַלגערן זיך אירע אָפּגעהאַקטע יאָרן — וואָכעדיקע, קאַלטע. אַ יינגל מיט אַ באַרשט קערט זיי צו.

פרוי מערי זעט, ווי זיי ווערן שטויביק. פּלאָנטערן זיך איינס אין אַנדערן אַריין. דאָס יינגל מיט דער באַרשט שאַרט צונויף אַ גרוי קופּקעלע, אַ קליינס, אַזוי ווי אַ בינטל אָרעמע, געשטאָר-בענע ביינער פון אַ דאַרן, אויסגעהונגערטן מענטש.

זי וויל אָנכאַפּן דאָס יינגל מיט דער באַרשט:

— קער נישט!

אָבער מיט אַמאָל פאַרווישן זיך די זילבערנע גלאָזן, די ווייסע פאַרטוכער, דאָס יינגל מיט דער באַרשט — פרוי מערי דערפילט אויף זיך זעם טרוקענעם, קאַלטן אָטעם פון דער גאַס.

ערשט אין דרויסן, אונטער די אויפגעריסן-ליכטיקע שויבן פון פריזירער האָט פרוי מערי געוויינט...

פאַן הענריק ליכטנפעלד איז נאָך אינדערהיים נישט געווען. פרוי מערי האָט זיך אַריינגעשליכט אין אירע פיר צימערן מיט אַ קיך, אַזוי ווי אַ קליינשטעטלדיקע יידענע, וואָס קומט אָפּשלאָגן די שוועלן באַ אַ רייכן קרוב. אָדער ווי אַ מיידל, וואָס כאַפּט זיך אַריין צו טאַטע-מאַמע באַנאַכט נאָכן ערשטן מאָל זינדיקן.

פרוי מערי האָט באַלד באַם אַהיימקומען געקאָנט פרעגן די דינסט, צי דער פּאַן איז שוין דאָ... האָט זי אָבער נישט געוואָלט פרעגן. ס׳הייסט, זי האָט מער מורא געהאַט, ווי נישט געוואָלט.

האָט זי נישט דרייסט אַ קוועטש געטון אַ קליאַמקע פון אַ טיר און האָט אָנגעהויבן גיין פון איין שטוב אַרויס און אין דער אַנדערער אַריין. געמיינט האָט זי, אַז דער מאַן געפינט זיך אין דער דריטער שטוב. אָבער נישט נאָר דאָרט, נאָר אַפילו אין בית-הכסא, ווו אין דער איצטיקער שעה איז פּאַן העניק געוווינט געווען צו זיצן פון כמה יאָרן — אַפילו דאָרט איז ער אויך נישט געווען.

איז פרוי מערי שטיין געבליבן מיטן הוט אויפן קאָפּ:

— וואָס איז ער עפּעס נאָך נישטאָ? ווו ווערט ער דאָס פאַרפאַלן אויף גאַנצע אויפדערנאַכטן? עלעהיי זי וואָלט שוין פטור געוואָרן. נישט מחמת זי זאָל זיין אומרויק, נאָר ווי לאַנג איז דער שיעור צו שטיין אַזוי מיטן הוט אויפן קאָפּ?

פּאַמעלעך, מיט צעיוירענע פינגער, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט — די האָר זאָלן זיך איר נישט מיטנעמען — האָט פרוי מערי אונטערגעהויבן דעם הוט פון נייעם קאָפּ — און אַוועקגעוואָרפן אים, דעם הוט, אויפן ערשטן בעסטן אָרט.

די קליינע יאַנינקע, וואָס איז געזעסן איבער אַ העפט מיט אַ פאַרבויגן קעפל און מיט אַן אַרויסגעשטעקט שפּיץ-צינגל — האָט פלוצלינג דערזעט, אַז די מאַמושע זעט נישט אויס אַזוי ווי זי האָט אויסגעזעט. ס׳הייסט — די אייגענע מאַמושע און דאָך עפּעס אַן אַנדערע מאַמושע.

האָט זי אויסגעגלייכט ס׳קעפּל, אַריינגענומען דאָס שפּיץ-צינגל צוריק אין מויל און פאַרקוקט זיך אַ ווײַלע פון אַ זייט צום שפּיגל צו, ווו ס׳איז איצט געשטאַנען איר מאַמע.

מן-הסתם איז עס איר געפעלן, דעם קליינעם מיידעלע. מחמת זי האָט ראַפּטום אויפגעריסן ס׳מיילעכל, אַזוי ווי אַ

שלאָיען און האַלב־דערשטוינט, האַלב־פאַרגאַפּיעט האָט זי אַ וואָרף געטון:

— מאַמושו, האָסט דיר אָפּגעשוירן די האָר?

פרוי מעריס קערפּער האָט זיך פּלוצלינג אַ וואָרף געטון, אַזוי ווי מען וואָלט אים אַראָפּגעוואָרפן אין שלאָף פון אַ באַרג.

זי האָט גראָד געהאַלטן אַ האַנט באַ די האָר. האָט זיך די האַנט אַליין אַוועקגעריסן, אַזוי ווי פון אַן אומריינער זאַך.

ס׳קאָן זיין, אַז פרוי מערי איז רויט געוואָרן. אָבער ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט דערזען אַזאַ קליין מיידעלע, ווי יאַנינקע איז געווען? און ווי אַזוי האָט די קליינע געגעבן אַזאַ גיכן וואָרף אַוועק טינט און פעדער און מיט איין שפּרינגעלע שוין געשטאַנען נעבן דער מאַמען?

— האָסט דיר טאַקע אָפּגעשוירן די האָר, מאַמעליו?

— ווי פאַלסטו אויס?

— כ׳זע דאָך.

— לאָמיר אָננעמען, אַז יאָ. איז וואָס דערפון געדרונגען?

— גאָרנישט. נאָר ס׳פּאַסט דיר זייער שיין. ביסט עפּעס אַן אַנדערע מאַמושע.

דער פרוי מערי איז אויפסניי געקומען ס׳בלוט אין פּנים אַריין.

— וואָס הייסט דאָס אַן אַנדערע מאַמושע?

— אַ שענערע.

— געפעל איך דיר בעסער?

— אַ סך בעסער.

— טאָ גיב־זשע מיר אַ קוש.

יאַנינקע האָט נישט געוווסט. די מאַמע האָט אויך נישט געוווסט. נאָר פון דערדאָזיקער קלייניקייט האָט זיך פרוי מערי אָנגעהויבן פרייער באַוועגן איבער די שטיבן.

דערנאָך איז אָנגעקומען קאַזשיק, דאָס איינציקע זונדעלע פון פּאַר־פּאַלק ליכטנפעלד.

איז דאָס שוועסטערל אים אַקעגנגעלאָפן מיט פּאַטשנדיקע הענטלעך און מיט אַ פאַררויטלט פּנימל:

— ווייסט, קאַזשיק, די מאַמושע האָט זיך אָפּגעשוירן די האָר.

קאַזשיק איז געווען אַן אָפּגעלאָזן בחורל. ס'האָט אויסגעזען, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ פאַרנומען בחורל. האָט ער אַ קנייטש געטון מיט אַן אַקסל:

— איז וואָס, אַז די מאַמעשי האָט זיך אָפּגעשוירן די האָר?

— ס'פּאַסט איר אַזוי שיין – האָט יאַנינקע נישט אויפגעהערט צו פרייען זיך.

— זאָל איר פּאַסן.

פרוי מערי האָט געהערט און איז צום דריטן מאָל רויט געוואָרן. דאָס גלייכגילטיקייט פון קאַזשיקן האָט איר וויי געטון. פאַרוואָס איז עס אים אַזוי אַלצייינס! און וואָס האָט ער אַזאַ ביטולדיקן קנייטש געטון מיטן אַקסל?

און צום ערשטן מאָל האָט פרוי מערי, די מאַמע, דערפילט, אַז אין איר שטוב דרייט זיך אַרום אַ קליין, פרעמד מענטשל, וואָס ווייסט נישט מער, ווי אַהיימצוקומען עסן און שלאָפן.

שפּעטער אַביסל איז אָנגעקומען ער, הענריק אַליין. ער איז אַריין אַ בייזער, אַ פאַרשוויצטער:

— באשר, — ס'איז דאָרט געשען עפּעס אין דער קאַסע, מוז ער, דער דירעקטאָר, זיצן צוויי שעה לענגער. וואָס איז? זיין געזונט איז קיין געזונט נישט? ער דאַרף זיך נישט אָפּרוען נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט?

ער האָט גערעדט אַ סך. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער הענג-שאַנק, ווו ער האָט געשטופּט דעם פּאַלטן זיינעם און נישט געקאָנט אָנטרעפן אויפן הענגער. ער האָט אַ ביסל אונטערגעסאַפּעט. אַ ביסל אויגטערגעקרעכצט. ער האָט געווישט דעם נאַקעטן קאָפּ און דעם פאַרשוויצטן קאַרק מיטן נאָז-טיכל.

איז אַט אינמיטן דרינען, סאַפּענדיק און אונטערקרעכצנ־דיק, איז פֿאַן הענריק שטיין געבליבן אין מיטן שטעלן אַ טריט.

ס'האָט זיך אים מן־הסתם אויסגעדאַכט. אָבער וואָס גייט אַזוי דאָס ווייב זיינס פון איין שטוב אַרויס און אין דער צווייטער אַריין? ע ר רעדט און זי גייט.

אַז מען וויל — קאָן מען פאַרשטיין אַזאַ מין גיין. אַט איז ער געקומען שפּעט. מן־הסתם איז ער הונגעריק. יאָגט זי מן־הסתם אַביסל אונטער ס'דינסט־מיידל. ס'לייגט זיך אויפן שכל.

אין מיטן אָבער פון פאַרשטיין דעם שכל — האָט זיך איין אויג פון פאַן הענריק אַ גליטש געטון אין אַ זייט. נאָך דעם איינעם האָט ס'אַנדערע אויג נאָכגעטון דעם ערשטן. אין אָנהויב האָבן זיי זיך געמרויזשעט. שפּעטער אַ ווײַלע האָבן זיי זיך קיילעכדיק געעפנט און צוזאַמען מיט דער אויגעדיקער קיי־לעכדיקייט — איז אויך ס'מויל געוואָרן קיילעכדיק.

— צי ס'דאַכט זיך מיר, צי וואָס?

— גיי עסן, ביסט דאָך מן־הסתם הונגעריק — האָט פרוי מערי גיך אַ זאָג געטון אין דעם נאַקעטן געפעס אַריין, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש.

— כ'מיין — האָט פאַן הענריק געשאַרצט די שלייפן.

— נו, יאָ — ס'איז דאָך שוין שפּעט — האָט פרוי מערי אַריינגעשניטן אין דער מיט.

— וואָס שפּעט? — האָט פאַן הענריק פלוצלינג הייזעריק־לעך אַ רוף געטון — וואָס ווילסטו מיר עפּעס פאַררעדן די ציין?

ערשט דאָ האָט פרוי מערי אויפגעהויבן ס'פּנים און איז דויט געוואָרן צום פערטן מאָל.

ס'ערשטע מאָל, נאָך זעכצן יאָר לעבן אונטער איין דאַך, רעדט צו איר אַזוי איר מאַן, הענריק ליכטנפעלד.

זי קוקט אויף אים. זי זעט — ער איז אינגאַנצן קיילעכ־דיק. ס'פּנים, ס'מויל, די אויגן, די נאָז — אַלץ איז קיילעכדיק. ווי קומט עס, ער זאָל אַזוי אין איין מינוט קיילעכדיק

ווערן? און ווי איז עס מעגלעך, אַז דידאָזיקע אָנגעדראָלענע קיילעכדיקייט — זאָל שרייען אויף איר?

— ווילסט עפּעס? — פרעגט זי פונדעסטוועגן געלאַסן.

— כ'וויל גאָרנישט — גיט אַ שיס אַרויס פון קיילעכדיקן מויל — געוואַלד!

— שריי נישט.

— ווער שרייט! וואָס רעדסטו מיר איין, אַז איך שריי?

— גיי עסן.

— מען עסט נישט! געוואַלד!

האָט מען אין יענעם אויפדערנאַכט בײַ די ליכטנפעלדס נישט געגעסן. דאָס נאַקעטע געפּעס איז געבליבן שטיין נאָך נאַקעטער, ווי ס'איז געווען. אַן אָנגעכמורעטע ברוגזקייט פון פנימער און נעז איז אַרומגעקראָכן צווישן די שטחים פון די נישט גענוצטע כלים. צווישן די פּאָרטרעטן אויף די ווענט. צווישן די אומרויען פון די זייגערס. און אַפילו אויף דער פאָ-טאָגראַפיע דאָרט אין סאַלאָן, וווּ פאַן העגריק שטייט מיט זיין כלה ביידע שטייף-גויעשדיק, ביידע גויעש הנאהדיק.

קינדער האָבן זיך געלייגט פאַרחושטע פון טאַטנס פלוצ-לינגדיקן געשריי. ס'דינסט-מיידל האָט אַראָפּגערוימט מיט אַקסל-קוועטשעניש און מויל-קרומעניש די נישט-געריהרטע עסנס. און ער, פאַן העגריק אַליין, איז דאָס מאָל אַפילו נישט גע-גאַנגען אָפּזיצן זיין צייט אין בית-הכסא.

אַזאַ נאַכט איז דאָס דעמאָלט געווען.

שוין. האָט מען געמיינט, אַז די זעכצן איינגעפונדע-ווועטע, באַלעבאַטיש-צעזעסענע יאָרן ענדיקן זיך און ס'הויבט זיך אָן דאָס זיבעצנטע. אַ יאָר אַ ליידיקס, אַן אויפגעבונדנס. אָן די פיר צימערן מיט אַ קיך. אָן דעם בונט שליסע-לעך. אָן די סקריפּענדיקע טירלעך. גלאַט אַזוי אַ יאָר פון העגגען צווישן הימל און ערד.

ווי אַזוי אָבער האָבן זיך מאַן און ווייב געקאָנט אַזעל-כעס פאָרשטעלן? נעמען זעכצן צונויפגעדרייטע, צוזאַמענגע

פרעסטע יאָרן פון איין דעה און פון איין ווילן און אַרויס־וואַרפן זיי דורכן פענסטער? באשר — אונטערגעשוירענע האָר.

סוף־כּל־סוף האָט פאַן העגריק נאָך נישט אינגאַנצן געזעגן זיין ווייב מיטן נייעם קאָפּ. ער זאָל נאָר וועלן אַזוי געלאָסן אַ קוק טון, לאָמיר זאָגן פון נייגיריקייט בלויז — וואָלטן אפשר די זעכצן שווייסיקע יאָרן צוריק געבליבן ליגן דאָ אין די שטיבן. נישט מער — פאַן העגריק וויל נישט. ער ווייסט פאָרויס, אַז ס׳איז נישטאָ אויף וואָס צו קוקן.

כאָטש מען זאָל אַזוי אַ שמועס טון מיט אים אונטער פיר אויגן וואָלט אויסגעקומען, אַז נישט אינגאַנצן וויל ער נישט. פשוט — ער קאָן נישט פועלן בײַ זיך צו וועלן.

למשל, אַנומלט. עטלעכע טעג נאָך יענעם אויפדערנאַכט. איז געשען, אַז פאַן העגריקס אויגן האָבן זיך אָפּגעטון פון אים. אָן זיין וויסן און אָן זיין ווילן האָבן זיי זיך, פון איי־גענער צעלאָזנקייט, אָפּגעשטעלט אויף פרוי מערי.

איז געווען אַ קליינע רגע, ווען אים האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז אָט דער אָפּגעשוירענער קאָפּ דאָרטן האָט געקריגן אַ מויל, אויגן, אַ נאָז און דאָס אַלץ צוזאַמען שאָקלט זיך און שמייכלט :

— אדרבא, זע אַליין, איז עס דען נישט בעסער? קודם כּל איז עס גרינגער.

— נו, יאָ. גרינגער מוז עס טאַקע זיין. אָבער ס׳וועט דאָך איר נישט איינפאַלן צו זאָגן, אַז ס׳איז שענער.

צרשט היינט, זיצנדיק אַזוי בײַם טיש און זוכנדיק עפּעס אין דער אָוונט־צייטונג, האָט פאַן העגריק באַמערקט אַן אויס־טערלישע זאַך.

מעגלעך, אַז ער האָט עס באַמערקט אויף די שפאַלטן פון דער צייטונג. מעגלעך אויך, אַז ער האָט עס דערזען דעמאָלט, ווען זיין ווייב האָט זיך געפּאָרעט בײַ די שיפלאָדן פון די שענק.

די שמאָלע, לענגלעך־אויסגעצויגענע שפאַלטן פון דער

ציִיטונג האָבן זיך אויסגעבויגן, אויסגעדרייט זיך. איז אויס־געקומען, אַז זיי, די שפּאַלטן פון אָוונט־בלאַט, זענען איבערגע־אַנדערשט געוואָרן אין געשטאַלט פון פיס. פאַרקערט ווידער, די פיס פון זיין ווייב, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען בײַ אַן אָפענער שיפלאָד — האָבן זיך פאַרווישט, נעפּלהאַפט פאַרגאַנגען, אַזוי אַז ס׳איז אויסגעקומען, אַז די פיס דאָרטן זענען גאָר די שפּאַלטן פון דער ציִיטונג.

ווי קומט עס, אַז ער, פאַן הענריק, זאָל נישט וויסן, וועלכעס ס׳איז פיס און וועלכעס ס׳איז ציִיטונג? און בכלל פון וואַנען נעמט זיך דאָס אַצינד צו אים פיס — אַזעלכע גלייכע, ציטערדיקע, אַזוי ווי לעבעדיקע פיש?

פאַן הענריק ווייסט נישט גענוי, צי ע ר שמייכלט, צי עס שמייכלט דאָס פיגורל פון אַלטן וואָלטער. נאָר ס׳איז אים חידושלעך, וואָס אָט דער נייער קאָפּ פון זיין ווייב צוזאַמען מיט די נייע פיס גיסן זיך צונויף און ס׳בלייבט דערפון אונטער זיין הארץ־גריבל עפּעס אַזעלכעס, וואָס וואַרעמט און מאַכט, אַז פון איין זייט מויל זאָל רינען אַ דין שנירעלע שפּייעכטס.

האָט ער נישט געקאָנט מער איינזיצן בײַם טיש. אין דער ציִיטונג האָט ער שוין געהאַט אַלץ אויסגעלייענט. שפּעט איז שוין אויך געווען — האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַזוי זיך, גאָרנישט צו מיינען, איז ער פאַרבייגעגאַנגען פאַרן ווייב זיינעם. איינמאָל פאַרבייגעגאַנגען און נאָכאַמאָל פאַרבייגעגאַנגען. ס׳וועט דאָך אים נישט גיין איינפאַלן צו זאָגן, אַז די פיס זענען שיין. ער וויל זיך נאָר איבערצייגן, צי ס׳קלייד איז טאַקע אונטערגעשניטן, צי דען זענען די פיס לענגער אויס־געוואַקסן.

פרוי מערי האָט געהאַט אויגן אין אַלע אברים. זי האָט שוין אַנומלט באַמערקט און היינט זעט זי עס אויף קלאָר, אַז אין דער זייט מויל בײַ איר מאַן רינט אַ שמאָל שנירעלע שפּייעכטס.

רינט עס. מן־הסתּם איז ער שלעפעריק.

פונדעסטוועגן האָט זיך פרוי מערי טיפער אַראָפּגעבויגן איבער דער שיפלאַד. קיינער איז דאָ נישט שולדיק געווען, באַר דאָס קלייד האָט זיך העכער אַרויפגעשאַרצט פון הינטן און די צוויי נייע פיס האָבן זיך חוצפּהדיקער אַרויסגעשטופּט. זי האָט דאָך נישט געקאָנט וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט פּלייצע.

אויך ער, פאַן הענריק, האָט נישט געקאָנט וויסן. ער האָט אַפילו נישט געפילט, ווי דאָס דינע ריטשקעלע שפּייעכץ אין דער זייט מויל צעוואַקסט זיך.

ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון. אַליין פון זיך האָבן זיך די פיס זיינע צוגעשאַרט נענטער צום אויפגעשאַרצטן קלייד און אַליין פון זיך האָט זיינס אַ האַנט אַ פיר געטון איבערן ווייבס אַרויסגעשטאַרצטן געזעס.

דערמאָנט האָט ער זיך ערשט, ווען ס׳האָט זיך עפּעס מיט אימפּעט געגעבן אַ גלייך אויס און ווען אַ רויטלעך פּנים מיט האַלב-פאַרמרוזשעטע אויגן האָבן געקוקט, ווי דורך אַ שפּאַ-רע, אויפן ריטשקעלע שפּייעכץ.

— אונטערגעשניטן, האַ?... — האָט פאַן הענריק פאַרלעגן און תמעוואַטע געדרייט מיטן פּנים.

— ס׳איז דאָך שוין פאַרפאַלן.

— כ׳מיין, ס׳קלייד. אויך אונטערגעשניטן, האַ?

לאַנג אַזוי האָט פאַן הענריק נישט געקאָנט דרייען מיטן פּנים. זיין ווייבס אויגן-שפּאַרעלעך האָבן זיך געלאַסן און וויך אויפגעעפנט, אַזוי ווי פון אַ נאָכמיטאָג-דרימל.

פאַן הענריק האָט זיך אַ וויג געטון אין דער זייט פון זיין ווייב. גאָרנישט צו מיינען, האָט ער אויף דער גיך אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן ריטשקעלע שפּייעכץ און גלאַט אַזוי האַלב-געבראָמט, האַלב-געשושקעט זיך:

— מיינסט וואָס, מיינסטו?

— כ׳מיין גאָרנישט.

— ווייסט נישט — אין ערשטן אויגנבליק. אָבער בייז זיין...

— ביסט דאָך יאָ בייז געווען.

— חלילה. נישט מער...

פרוי מערי האָט שוין געפילט אויף זיך דעם אָטעם פון איר מאַן.

— אָט אַ שטייגער, מען קוקט אַזוי. איינמאָל, נאָכאַמאָל, איז עפּעס אַזוי...

— ווי אַזוי?

— כ'מיין... נישקשה. ס'הייסט — ס'פּאַסט דיר... נאָר כ'זאָל זאָגן, אַז ס'איז שיין —

— איז עס נישט שיין?

ס'קעפּל פון פרוי מערי פאַרבויגט זיך אַליין. זי איז אויך גאָרנישט אויסן. פונדעסטוועגן רירט זי זיך פון אָרט און מאַכט אַ טריט גאָר נאָענט צום מאַן.

— איז עס נישט שיין, זאָגסטו?

— כ'זאָג נישט, ס'הייסט — פאַרקערט...

דערווייל נעמט באַם פאַן הענריק רינגען פון צווייטן ווינקל מויל. ס'ציטערט אַ האַנט אין חלל. מען קאָן מיינען, אַז די האַנט זוכט אַן אָנשפּאַר. ציטערט זי אַזוי לאַנג איבער פרוי מעריס בליוזקעלע, ביז זי בלייבט ליגן אַ הייסע אויף די צוויי בריסטן:

— כע, כע... נו, יאָ, אודאי...

פרוי מערי גיט אַ לאָז אַראָפּ איין אַקסל. עפּעס רינט דאָרט אַ ריטשקעלע שפּייעכץ. גיט זי עס אַ וויש אָפּ, און גיט אַזאַ גיי אַריין אין צוויי גרויסע האָריקע הענט און לייגט אַוועק דעם נייעם, אָפּגעשוירענעם קאָפּ אויף הענריק-לעבנס אַקסל:

— ביסט נאָך אַלץ בייז?

— אַז כ'בין קיינמאָל נישט בייז געווען.

— וועסט נאָך שרייען?

— אַז כ'האָב קיינמאָל נישט געשריגן.

— טאָ בעט מיך איבער.

— כע, כע...

ס׳איז דעמאָלט נישט געווען קיין נאַכט פון שבת אויף זונטיק, נאָר אַ פראָסטער, ניכטערנער מאָנטיק.

פונדעסטוועגן האָט פאַן הענריק נאָך האַלבער נאַכט אָנגעקלאַפּט אין אַן אָפענעם אַקסל אַריין:

— האַ, מערישי?

מערישי האָט נישט געענטפערט. אין דעם פראָסטן, ניכטערנעם מאָנטיק האָט פרוי מערי א ו י ך נישט געענטפערט...

דאָס פאָר-פאָלק ליכטנפעלד איז היינט פאַרבעטן אויף אַ שטיקל שמחהלע. איינער פון פאַן הענריקס באַלעבאַטים, דער יונגער אַנאַסטאַזי מייערסאָן, וואָס אַליין איז ער קורץ-פיסלדיק, גרויס-בייכעדיק און וואָס פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ ווייב — דווקא אַ הויך-האַלזדיקע און אַ דין-פיסיקע — האָט היינט געמאַכט אַ סעודהלע פאַר פריינט און באַקאַנטע.

פאַן דירעקטאָר ליכטנפעלד, וואָס איז איינער פון די חשובע געסט, האָט אַ סך צו טון אויפן היינטיקן שמחהלע. ער עסט, טרינקט, רויכערט אַ ציגאַר, מיט וועלכן דער באַנקיר האָט אים מכבד געווען — און שפּילט צו ביסלעך אין קאָרטן מיט אַנדערע געסט פון זיינס גלייכן.

די דירעקטאָראָווע אָבער, ס׳הייסט פרוי מערי, האָט נישט וואָס צו טון. זיצט זי אין שכנות מיט אַ פאַני דאָקטאָראָווע און שאָקלט פרומלעך צו מיטן קאָפּ צו די רייד, וואָס די אייגענע דאָקטאָראָווע איז איר מגלה.

דהיינו — אַז זי, די דאָקטאָראָווע, האָט געהאַט בדעה אויפצונייען זיך אַ שוואַרץ זיידן קלייד באַפּוצט מיט ווייס-געהאָפטענע, בעלגישע שפּיצן. איז זי אויסגעווען גאַנץ וואַרשע און נישט געקריגן דידאָזיקע בעלגישע שפּיצן. איז איינמאָל אַוועק. דערנאָך, אַז זי, די דאָקטאָראָווע, האָט שוין צוגענומען דעם היינטיקן חודש די דריטע דינסט. אַז ס׳איז דאָך גאָר-נישט געהערט געוואָרן אין דער וועלט. איינע גנבעט. איינע

פּרעסט אַ סך. און איינע האָט גאָר אַ זעלנער. אַ פּראָסטן, פּויע-רישן זעלנער. מען זאָגט כאָטש — אַ פּאָרזששניק.

דער גאָר גוטער פּאַטעפּאָן, וואָס דער באַנקיר מייערסאָן האָט ערשט נישט לאַנג מיטגעברענגט פון אויסלאַנד, דרודלט זיך הייזעריק, אונטער-דער-נאָזדיק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך ערשט נעכטן פאַרקילט.

פרוי מערי שאָקלט כסדר מיטן פּנים פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. שאָקלענדיק, ווייזט זיך איר אויס, אַז די שכנטע אירע, וואָס האָט אַזויפיל צער פון פּראָסטן, פּויערישן זעלנער, זיצט גאָרנישט נעבן איר, נאָר זי האָט זיך איבער-געטראָגן אַהין אויפן פּאַטעפּאָן אַרויף און דאָרט דרודלט זי זיך אַזוי.

אין אַ קליינע ווײַלע שפּעטער דערזעט פרוי מערי, אַז די אייגענע פּאַני דאָקטאָראָווע שפּאַצירט געלאַסן מיט אויפגע-שפּיצטע פּיס און קרומלעכע אַקסלען איבערן פּראָטערירטן סאַלאָן.

זי שפּאַצירט אײַנגעוויקלט אין אַ פּאָר פרעמדע הענט. זי שאָקלט זיך אין די זייטן מיטן פלאַכן געזעס. פאַרבייגט איין פיס אין יענעמס צוויי פיס אַריין. און יענער, וואָס האָט די דאָקטאָראָווע אַזוי אַרײַנגענומען אין די הענט — שאָקלט זיך אויך אין דער ברייט מיט די אַקסלען און פאַרבייגט זיינס אַ פיס אין אירע צוויי פיס אַריין.

ס'הייסט — זיי טאַנצן דאָרט. זיי און נאָך אַזעלכע, ווי זיי. מילא. הײַנט טאַנצן אַלע. פאַרשטייט אָבער נישט פרוי מערי — הלמאי אַלע וויגן אַזוי מיט די געזעסן אין דער ברייט און הלמאי מען בויגט אַזוי אַריין די פיס איינער אין אַנדערן אַריין.

און נאָך אַ זאַך פאַרשטייט נישט פרוי מערי. פאַרוואָס די מאַנסלייט, וואָס טאַנצן, קומען נישט צו אויך צו איר און פאַרבייגן זיך נישט אַזוי, ווי יענער דאָרט האָט זיך פאַרבויגן פאַר דער פּאַני דאָקטאָראָווע.

אמת — ס'וועט דאָך איר נישט אײַנפאַלן בייז צו זיין.

אָדער עס זאָל זי, חלילה, פאַרדריסן. נישט מער — עס וווּנ־דערט — פון וואַנען די אַלע מאַנסלייט ווייסן, אַז זי, פרוי מערי, קאָן אויף אַזאַ אופן נישט טאַנצן. ס'הייסט—נישט זי קאָן נישט נאָר זי וואָלט אויף אַזאַ אופן נישט גע־טאַנצט.

פון מקנה זיין איז פרוי מערי ווייט. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס קיינער פון די אַלע געסט זעט נישט, אַז זי האָט גע־קריגן נייע פיס. יונגערע, ווי די פיס פון יענע, וואָס בויגן זיך אַזוי אַריין און אַרויס.

איז עס אַ שאָד. פאַרדריסט עס אַביסל אויך. נישט, חלילה, אויף די געסט, נאָר אויף אים, אויף העבריקן, וואָס קוועטשט מיט די ליפּן דעם ציגאַר און שפּילט דאָרט אין קאָרטן.

איר איז עס נישט געלעגן — פּרעמדע זאָלן זען אירע פיס. נאָר ער, דער מאַן דאַרף צוקומען און זאָגן:

— ווייסטו וואָס, מערישי, זיצסט אַזוי פאַרטיפט אין די שמועסן — אפשר וואָלסטו דיך אַזוי אַביסל אויפגעהויבן און איבערגעגאַנגען איבערן זאַל?

ניין, אַרט עס אים נישט. אַבי ער ווייסט, אַז זי האָט נייע פיס.

פונדעסטוועגן, טראַכטנדיק אַזוי, באַמערקט פרוי מערי, ווי דאָרט אין ווינקל האָט זיך אַוועקגעשטעלט עמעצער אַ הוי־כער, מיט פאַרשפּיצטע פאות און קוקט. מן־הסתם איז ער נישט לאַנג געקומען. אַז נישט, וואָלט זי דאָך אים געזען ביז איצט.

קוקט ער. ס'וועט דאָך איר נישט איינפאַלן, אַז ער קוקט גראָד אויף איר. נישט מער — זי פילט, אַזוי ווי ס'פּנים וואָלט איר געברענט. און זי הערט שוין נישט אַזוי גענוי, וואָס אַ צווייטע שכנטע איז איר מגלה.

דער פאַטעפאָן הערט זיך נישט אויף צו דרודלען. פאַר די אויגן פון פרוי מערי דרודלט זיך עפּעס אויך.

יענער דאָרט שטייט שוין נישט אויף דעם אייגענעם אָרט, ווו ער איז געשטאַנען פריער.

ער האָט זיך אויסגעבויגן דאָ האַרט נעבן איר. ער זעט איינגעאַנצן אויס, אַזוי ווי אַן אויפגעבעבערגלטער האַלז.

זאָל ער עפּעס רעדן צו איר?

— האַ? נו, יאָ, מיט פאַרגעניגן. אָבער דאָקטוירים האָבן פאַרזאָגט. זי טאָר נישט טאַנצן.

דער אויפגעבערגלטער האַלז בלייבט שטיין גלייך און שאָקלדיק:

— אַ שאָד.

— ווירקלעך אַ שאָד.

און פרוי מערי וווּנדערט זיך: ברענט בײַ יענעם אויך אַזוי דאָס פּנים, ווי עס ברענט בײַ איר?

אין אַ ווײַלע אַרום זעט שוין פרוי מערי די פּלייצעס פון יענעם פרעמדן. זאָל ער זיך תּמיד האַלטן אַזוי איינגעבויגן? אַ חידוש, וואָס די דאָקטוירים האָבן אויך אים נישט פאַרווערט צו טאַנצן.

זי זעט דאָך: פיס! זײַנע און נאָך עמעצנס. יענערס אַ פוס — אין זײַנע אַרײַן, זײַנס אַ פוס — אין יענערס. אַהער, צו פרוי מערי, קוקט ער נישט מער.

אָבער איר פּנים ברענט. עס אַרט, וואָס די נײַע שכנ-טע רעדט אויך וועגן עפּעס זעלנער. עס אַרט, וואָס הענריק האָט נאָך אַלץ נישט אויסגערויכערט דעם ציגאַר.

— ווי לאַנג איז דער שיעור, הענריק-לעבן? — דער-הערט פאַן הענריק זײַן ווייבס קול הינטערן אָנלען פון דער שטול, אויף וועלכער ער זיצט אַזוי נגידישלעך.

— שוין. אין אַ מינוט אַרום — בלאָזט הענריק-לעבן די ליפּן מיט אַ פול מויל רויך.

— ניין. כ׳וויל, מיר זאָלן שוין גיין.

— אין מיטן קאָן?

— אין מיטן קאָן.

אַזאַ מאָדנע געוואָרן די מערי זײַנע.

גייט מען אַראָפּ אין די נאַכטלעכע גאַסן אַריין. בלינדע פענסטער פאַרבויגן די קעפּ איינס אויפס אַנדערע, אַזוי ווי יתומים, וואָס כאַפּן אַ דרימל אויף שוועלן פון פרעמדע געוועלבער. אַ טונקעלער, שטייפער אָטעם ליגט אויף די ברודיקע טראָטואַרן. אַ האַנט אַ פאַרשלאָפענע פּרוווט אַ שלאָס אויף אַן אייזערנעם לאָדן. אַ פערד מיט אַן איבערגעבויגענעם האַלז קלאַפּט מיט אַ פוס אין פאַרשלאָפענעם ברוק אַריין. אַ מענטש שלאָפט שטייענדיק אין מיטן גאַס. און אַ שפּיציק קלאַפּן פון אַן אייזן-געקאָוועטן שטעקן לאָזט וויסן, אַז מען היט פרעמד האָב און גוטס.

אַהיימצוגיין איז נישט ווייט. מאַן און ווייב פירן זיך אונטערן אָרעם. דער מאַן וויקלט טיפער אַרום די האַנט אונטערן ווייבס פאַכווע און פרעגט:

— געוויילט זיך, מערישי?

— נישקשה, און דו?

— אויך נישקשה.

אין אַ ווײַלע אַרום פרעגט דער מאַן ווידער:

— און ווי געפעלט דיר עפּעס דער דירעקטאָר פון דיסקאָנטאָ-באַנק?

— וועלכער?

— יענער דאָרט, וואָס האָט גערעדט מיט דיר.

— אַ סך האָבן גערעדט.

— כ׳מיין יענעם, וואָס האָט זיך אַזוי פאַרבויגן פאַר דיר.

— אַך, יענער...

— יאָ, יענער. ווייסט כאָטש וויפיל ער פאַרדינט אַ יאָר?

— נישט קיין נפקא-מינה.

דאַכט זיך, אַז ס׳פּנים פון פרוי מערי האָט אויפסניי אָנגעהויבן ברענען. אין גאַס איז גוט קאַלט. ווי קומט ס׳פּנים זאָל ברענען?

— דיר ברענט אויך ס׳פּנים, הענריק-לעבן?

— ניין, און דיר?

— מיר — אַ ביסל.

— מן-הסתם פון דער פראָסט.

— מעגלעך.

די טריט נעמען זיך שניידן האַסטיקער. זיינע טריט. זענען ווייך, פּלאַטשיק. אירע — שרייען.

אויף אַ צווייט שמחהלע, אויף וועלכן דאָס פּאָר־פאָלק ליכטנפעלד איז אויפסניי געווען פאַרבעטן, איז שוין פרוי מערי נישט געגאַנגען. מען קאָן דאָך נישט גיין אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אויף אַנדערע בעלער. אויך אַ דריט מאָל פאַרבעטן האָט פרוי מערי אָפּגעזאָגט. ערשט אויף אַ פערטן טיי־אָוונט, אַ שטיק אין מיטן ווינטער אַריין — האָט זיך פרוי מערי געלאָזט צורעדן.

ס'הייסט — נישט זי האָט זיך געלאָזט צורעדן, נאָר ער, העגריק ליכטנפעלד האָט זיך געמוזט לאָזן צורעדן.

עס האָט אים אַפילו געחידושט און אַפילו פאַרדראָסן, דעם פאַן העגריק. ערשט נישט לאַנג, מיט עטלעכע וואָכן צוריק, איז עס אים פּשוט געגאַנגען אין לעבן צו זיין אויף אַן אָוונטל בײַ איינעם פון די אָנגעזעענסטע קליענטן פון באַנק־הויז. האָט מערישי זיך איינגעשפּאַרט:

— זי וועט נישט גיין.

— פאַרוואָס וועט זי נישט גיין?

— זי האָט נישט וואָס אָנצוטון.

— מאַכט מען זיך וואָס אָנצוטון.

— וויל זי נישט אַרויסוואַרפן קיין געלט גלאַט אין דער בלאָטע אַריין.

— אַז ער זשאַלעוועט איר נישט קיין געלט.

— וויל זי אָבער פאָרט נישט גיין.

מאַ, ער וועט דאָך נישט גיין צווינגען זיין מערישי. היינט אָבער, פרעגט ער:

— וואָס עפּעס היינט יאָ און אַנומלט נישט?

— ס'איז שוין באַלד אויס ווינטער.

— זי האָט דאָך נישט וואָס אָנצוטון?

— זי האָט יאָ.

— פֿאַרוואָס עפּעס אַנומלט נישט געהאַט?

— אַנומלט נישט און היינט יאָ.

פּרוווט פֿאַן העניק אַ ביסל זיך איינשפּאַרן:

— על כּל פּנים — מעג ער דאָך אויך אַמאָל נישט וועלן.

— אַודאי. נאָר אַז ער וויל נישט, וועט זי גיין אַליין.

דאָס פּנים פֿון פֿאַן העניק ווערט אַ ביסל קרומלעך, און שטאַרק איבערלייגעריש:

— קאָנסטו גיין אָן מיר אויך?

— אַז אַ מאַן קאָן זיין אַזוי אָן אַ האַרץ און נישט פֿאַרגינען דער פֿרוי אַ ביסל פֿאַרגעניגן, איז אַ מצוה צו גיין אַליין.

שיינע מצוות, כ'לעבן.

פֿונדעסטוועגן האָט פֿאַן העניק געקעמט די וואָנסעס, געבונדן דעם שוואַרצן שניפּס. אויפֿגעבונדן אים צוריק און אויפֿסניי אים פֿאַרבונדן. פֿאַרריסן דעם האַלז אַרויף פֿון ענגן קאָלנער און געגאַנגען.

אויף ווייס־גרינלעכע מויערן, אויף רחמימדיק־פֿאַרריסענע צווייגלעך, אויף וואָנסעס פֿון סטרוזשעס און אַרום מיילער פֿון פֿערד האָבן זיך אָפּגעזעצט פֿאַרפֿרוירענע שטיקער פּאַרע און געגלאַנצט מיט אַ זילבערנעם־גרינעם שימער. פֿאַרמיסטיקטע, שוואַרץ־גרויע קופּעס שניי האָבן זיך אויסגעסדרט בײַ די ברעגעס פֿון טראָטואַרן, אַזוי ווי אָרעמע זעלנער.

מאַן און ווייב זענען דאָסמאָל געפֿאָרן. אין פֿאַרמאַכטן טאַקסיס איז געשטאַנען אַ ריח פֿון קאַרבאָל און פֿון פּודער.

ער, דער מאַן, האָט אין זינען געהאַט, אַז אָט די, וואָס זיצט אַזוי נעבן אים פֿאַרוויקלט אין מאַנטל — איז זינט אַ צייט גאָר אַן אַנדערע געוואָרן. גאָרנישט יענע מערי, וועמען ער האָט אַמאָל אין טונקעלן בין־השמשות אויפֿגעקנעפּלט די בלוזקע, אויפֿגעשנורעוועט די בענדלעך — כּדי צו זען — צי זי האָט האַרטע בריסטן און ברייטע באַקעס.

היינט וואָלט ער אַזעלכעס נישט מסוגל געווען צו טון.
אַזאַ פרעמדע געוואָרן, די מערי זיינע.

זי ווידער, דאָס ווייב, האָט געטראַכט, ווי אַזוי הענ-ריקס פנים וועט דאָס אויסזען, ווען עמעצער פון די געסט וועט צוקומען צו איר, פאַרבויגן זיך, אַזוי ווי ס'האָט דעמאָלט געטון דער דירעקטאָר פון דיסקאָנטאָ-באַנק און זי... זי וועט דאָך דאָסמאָל נישט גיין זאָגן, אַז דער דאָקטאָר האָט פאַרבאָטן צו טאַנצן.

איז עס געווען נישט גלאַט אַזוי אַ שמחהלע, נאָר אַ באַל אַ גאַנצער. פאַן הענריק האָט איבערגעציילט די געסט, צוואָנציק מאַנסלייט און גאַנצע פיר און צוואָנציק ווייבער, פאַן הענריק האָט נישט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט צורעדן. סאַמע אָנגעזעענע מענטשן. עטלעכע אינדוסטריעלער. איין דעפּוטאַט. דריי באַנק-דירעקטאָרן. נישט מער — יענע צוויי דאָרטן ווייסט ער נישט ווער זיי זענען.

אָרעמע פּנימער. די העמדער, וואָס זיי טראָגן זענען גרוי, נישט ווייס. און עפּעס זענען זיי, די דאָזיקע צוויי מענטשן, צו יונג.

ער, פאַן הענריק, קען זיי נישט. איז אַ סימן, אַז זיי זענען נישט פון גאָר קיין הויכער מדרגה.

אָרט עס אים — הלמאי עס האָבן זיך דאָ אַריינגעכאַפּט אַזעלכע צוויי פרעמדע, נישט גאָר הויך-מדרגהדיקע פּנימער.

אין אַ גרויסן סעלעדין-ווייס טאַפּעטירטן סאַלאָן טאַנצט מען.

דאָ איז אַביסל אַנדערש, ווי באַם באַנקיר אַנאַסטאַזי מייערסאָן. דאָ איז דער באַלעבאָס דאָס יאָר נישט געווען אין אויסלאַנד, האָט ער קיין דרודלדיקן פּאַטעפאָן נישט געברענגט.

לעבעדיקע מענטשן זיצן. נאָר זיי זענען אַזוי קאַנטיק און אַזוי קורץ-פּיסלדיק, אַז זיי זעען אויס, ווי פּאַטעפאָנען. אַ לעבעדיקע פידל. אַ לעבעדיק פּייקל און נאָך עפּעס אַזעל-כעס, וואָס דערמאָנט אָן אַ גרויסע ליולקע און וואָס קרעכצט אין דער ברייט, אַזוי ווי אַ קראַנק קעצל, ווען עס בעט זיך — מען זאָל עס אַריינלאָזן אין אַ וואַרעמער שטוב.

— אַ מוזיק דאָס היינט אויפגעקומען — רופט זיך אָן איינער פון קאָרטן-טישל, אַ געטאָפּלטער מיט טרערן-קישעלעך אונטער די אויגן.

— דזשאַזבאַנד — גיט אַ צווייטער, אַ דרייפאַכיק-צוואַק-סענער, אַ צעשפרייט ס'מויל.

— פון וואָס ווייבער האָבן הנאה.

— זאָל מיינס איבערגיין — גיט אַ דריטער, אַ דינער מיט אַן אָפּגעלעבט פנים, אַ צי-אויס אַ פאַרבויגענע האַנט און שמייסט אַוועק אַ קאָרט אויפן טישל.

ענטפערט אָפּ אַ פאַרשנאָפּלטער געגעניץ פון סאַקסאָפאָן דאָרט אין סאַלאָן:

— ס'וועט שוין נישט איבערגיין.

מילא. שמייסט מען דאָ די קאָרטן און דאָרט אין סאַלאָן וויגט מען זיך איינער אין אַנדערן אַריין. דער סאַקסאָפאָן קרייעט כסדר אין דעד ברייט איבער קורץ-געשוירענע קעפּ, איבער דין-געשניצטע ברעמען. פון ווענט, פון סופיטן, פון שפּיגלען שניידן זיך אין דער קרום ציטערדיקע שפּיזלעך ליכטיקייט.

פרוי מערי שאָקלט שוין היינט נישט מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַרויף. פרוי מערי געדענקט גאָרנישט היינט אָן די פּראָס-טע זעלנער, וואָס קומען צו די דינסטן.

פרוי מעריס אַ האַנט ליגט אויף עמעצנס אַן אַקסל. גראָד אויף איין אַקסל פון יענע צוויי פרעמדע, אויף וועלכע הענ-דיק, דער מאַן אירער, האָט פּאַראיבל געהאַט — למאי זיי גע-פינען זיך דאָ.

זי, מערי, ווייסט נישט, אַז איר מאַן האָט פּאַראיבל געהאַט. איר איז באַקוועם מיט דעמדאָזיקן פרעמדן, וואָס איז אַ ביסעלע העכער פון איר, רעדט מיט אַ פאַרצערטלט ניגונדל און קוקט איר אין פנים אַריין מיט גרויסע בלוילעכע ווייסלעכצער.

זי איז נישט שולדיק, פרוי מערי. אַזוי האָט מען גע-לערנט: איינצובויגן אַ קני און אַ בוק צו טון זיך צו אים.

אים, מן הסתם, האָט מען אויך אַזוי געלערנט. נישט מער — זיין פוס פאַרוויקלט זיך אין איר קלייד אַריין. זי פילט, אַז ער האָט אַ פוס און אַז זי אַליין האָט אויך פיס.

זי וועט דאָך אים נישט גיין זאָגן. אַזוי האָט מען גע־לערנט. זי ווייסט אויך נישט, צי ס'קומט אַזוי, אַז אירע בריסטן זאָלן זיך אָנשפּאַרן אויף יענעמס קלאַפּעס. ס'מוז זיך נעמען דערפון, וואָס זיין האַנט אַרום איר טאַליע איז אויס־טערליש וואַרעם. זי בויגט זיך מיטן פאָדערשטן טייל קערפּער נענטער צום טענצער, מחמת דאָס העמד אויף יענעם אָרט, וואו עס ליגט זיין האַנט, קלעבט זיך צום לייב.

ער זאָגט איר, דער טענצער, אַז ער איז אַ דאָקטאָר מעדיצין. אַז ער האָט קאַנדידירט אין לעצטן סיים אַריין. נאָר צוליב אַ סיבה איז ער נישט אויסגעקליבן געוואָרן. ער זאָגט איר אויך, אַז ער גלויבט נישט — זי זאָל שוין האָבן אַ זון פון פערצן יאָר.

בשעת ער גלויבט אַזוי נישט וויקלט זיך אַלץ איינגענעם זיין פוס אין איר קלייד אַריין. ווערט זיין האַנט אויף איר טאַליע נאָך וואַרעמער און דאָס אָרט, ווו די אייגענע האַנט ליגט קלעבט זיך נאָך מער צום לייב.

צו דער אייגענער צייט, ווען פרוי מערי האָט זיך אַזוי געוויגט, איז דעם פאַן העגריק פאַרמיאוסט געוואָרן צו זיצן כסדר באַם קאָרטן־טישל. ס'האָט געטרוקנט דער גומען. אין בויך האָט געוואָרטשעט. איז פאַן העגריק אַריין אין אַ צווייט צי־מער. ער האָט געוואָלט כאַפּן עפּעס פאַר זיין גוף און אין איין וועגס אַ קוק טון, וואָס זיין מערישי מאַכט.

דערזעט ער — פאַרשפּיצטע אַקסלען, פאַרבויגענע עלנ־בויגנס, אַזוי ווי העלזער. פיס — ברייט־געזעצטע און חנדליש אונטערגעהויבענע אויף די שפּיץ־פינגער, אַזוי ווי ליפּעלעך, וואָס רעדן צוקערדיק.

דאָס אַלץ וויגט זיך, הייבט זיך פאַר זיין אויג, עפנט זיך, אַזוי ווי אַ פעכער און פאַרמאַכט זיך באַלד צוריק. זוכט ער זיין מערישי. נישט צווישן די, וואָס וויגן זיך. נאָר צווישן יענע, וואָס זיצן באַ די ווענט.

איז אים חידושלעך. ווו האָט דאָס געקאָנט אַהינקומען זיין מערישי? טראָגט ער איבער די אויגן אויף דער צווייטער זייט וואַנט. איז איבערטראָגנדיק די אַפּלען, בלייבן זיי שטיין אין מיטן וועג בלייבן שטיין שטייפע, קיילעכדיקע און ווילן זיך בשום אופן נישט רירן ווייטער.

מערישי זאָל עס זיין? אירס אַ האַנט ליגט פאַרשפּיצט אויף אַ ברייטן אַקסל. אירס אַ פוס בייגט זיך אַריין אין אַ פרעמדן פוס. אירע בריסטן ליגן אויף פרעמדע שוואַרצע קלאַפּעס. און אירע באַקעס, די אייגענע ברייטע באַקעס, וואָס צוליב זיי האָט זי גרינג געהאַט קינדער, שאָקלען זיך אַראָפּ און אַרויף, אַזוי ווי בײַ אַ לאָמען.

גלייבט נישט פאַן הענריק. ס׳איז דאָך נישט מעגלעך. פון וואַנען נעמט זיך צו זיין מערישי אַזאַ מין טאַנצן? דאָס איז איינמאָל אַוועק. און צווייטנס קען ער דאָך זיין ווייב. ער ווייסט, אַז מערישי, האָט אייביק געהאַט אַ שווייגנדיק פּנים. שווייגנדיקע אויגן און פאַרמאַכטע ליפּן. און יענע דאָרט, די אייגענע, וואָס ער זעט איצט טאַנצן — האָט גאָר אַ רעדנדיק פּנים, די ליפּן שטייען אָפן, אַזוי ווי בײַ אַ פיש און די באַקן ברענען.

און נאָך אַ זאַך באַמערקט פאַן הענריק. אַז יענער דאָרט, אויף וועמענס אַקסלען עס שפּאַרט זיך אָן אַזאַ ווייכע ווייבערישע האַנט, איז, דאַכט זיך, איינער פון די צוויי פאַרשוינען, וואָס ער קען זיי נישט פערזענלעך.

חידושט ער זיך נאָך מער.

גייט ער אַריין טיפער אין סאַלאָן. ער רוקט זיך מיט אַ זייט — פּלאַטשיק. ער פּאַטשט מיט די פיס און בשעת־מעשה איז ס׳גאַנצע פּנים בײַ אים אַרויפגעשאַרצט. ער דערגייט נישט ביזן סוף. דער קרעכצנדיקער סאַקסאָפאָן האַקט פּלוצלינג אָפּ. די טאַץ גיט אַ פּלאַץ צו, אַזוי ווי זי וואָלט געפאַלן אויפן פּנים. און די אַלע מענטשן וואָס וויגן זיך, בלייבן שטיין, ווי אָפּגענאַרטע.

מיט שפּיצן פון ליפּן קושן מאַנסלייט די שפּיצן פון ווייבערישע הענט. יענער פרעמדער פאַרשפּיצט אויך ס׳מויל אין

די פינגער אַריין פון דער מפֿלומרשטער מערי. ס׳הייסט — איצט איז זי שוין נישט מפֿלומרשט, נאָר טאַקע דעם פאַן הענריקס מערי. ער זעט עס דאָך קלאָר.

פאַן הענריק שפירט נישט, ווי פון אַ זייט מויל נעמט רינען אַ פּאַסיקל שפּייעכץ. פאַן הענריק ווייסט נישט, אַז דער קאָפּ האָט זיך אים געלייגט אויף אַ זייט. ער ווייסט אַפילו נישט, אַז די מפֿלומרשטע מערי, ס׳הייסט יאָ זיין ווייב און נישט זיין ווייב — שטייט נעבן אים און זאָגט:

— מיין מאַן. ד״ר וויינבערג.

מילא. שלינגט פאַן הענריק אַראָפּ אַ פול מויל שפּייעכץ. לייגט ער דעם קאָפּ אויף דער צווייטער זייט און גיט אַ שאַר מיטן פוס:

— זייער אָנגענעם.

איז עס, פונדעסטוועגן, נישט אַזוי אויסטערליש, ווי ס׳האָט אויסגעזען מיט עטלעכע מינוט פריער. נישט גלאַט קיין פרעמדער, נאָר אַ דאָקטאָר. פאַן הענריק פאַרשטייט. ער שאַצט עס אָפּ. אָבער ווי קומט צו אים מערישי?

— וואָס הייסט, ווי זי קומט? — פרעגט צוריק מערישי, ווען אויף די פענסטערלעך פון אויטאָ, מיט וועלכן מען פאָרט שוין אַהיים, זעצט זיך אָפּ אַ בלווילעך, האַלב-מטושטש שאַריען אויף טאָג ווערן.

— כ׳מיין, דאָס טאַנצן, מיין איך.

— נו, יאָ. היינט טאַנצט מען אַזוי.

— דו אויך?

— כ׳בין דאָך נישט ערגער פון אַנדערע.

— כ׳מיין... פון וואַנען?

— פון ערגעץ נישט.

— מען מוז דאָך קאָנען.

— מען קאָן שוין.

— און ער, דער דאָקטאָר?

— קאַנדידירט אין חיים אַריין.

— טאַקע? אַ היגער?

– ניין. אַ קראַקעווער.
– וואָס טוט ער דאָ?
– נישט געפרעגט.
– ננע... מאַ...

פאַן הענריק קרעכצט אָפּ. דער אויטאָמאָביל בורטשעט, אַזוי ווי מען וואָלט אים אויפגעוועקט פון אַ גוטן דרימל. פרוי מערי וויקלט זיך טיפער אין פוטער.

– זאָגסט עפּעס? – גיט זיך אינמיטן אַ וויג דער קאָפּ פון פאַן הענריק.
– ניין. כ׳זאָג גאָרנישט.
– מוז מען אַזוי, זאָגסטו, טאַנצן?
– אַז ס׳איז מאָדיש.
– און דו, מערישי, מוזט אויך אַזוי טאַנצן?
– האָסט פאַראיבל?
– חלילה. ס׳וועט דאָך מיר נישט גיין איינפאַלן. נאָר וואָסער דאָקטאָר איז ער דאָס, דער קראָקעווער?
– דאָקטאָר מעדיצין.
– רייך?
– כ׳ווייס נישט.
– זעט אויס צו זיין אָרעם.

אויפן טויער, באַ וועלכן מען בלייבט שטיין אין מיטן שמועס, ליגן בלוילעכע שאָטנס, וואָס דערגייען שוין ביז ווייסקייט. אַ געגעץ פאַלט אַוועק פון אַ פאַרמאַכט געוועלב. צוויי קולות – פינסטערע, נישט אויסגעשלאָפענע רעדן פון פערד און פון דעם, אַז האָבער איז טייערער געוואָרן. ערגעץ, אויף די שלאָפנדיקע טראָטואַרן קלאַפּן רשעותדיק בלעכענע קאַנען:

– ווי לאַנג איז דער שיעור צו פּאָפן, ווי לאַנג?

מוז זיין, אַז דער אימפּעט פון דער דזשאַזבאַנד-פּויק, דאָס קרעכצן פון סאַקסאָפאָן – האָבן זיך באַהאַלטן אין די פּאַ-

לעס פון פּאַרפאַלק ליכטנפעלד און מיטגעשלעפּט זיך מיט זיי אין די פיר צימערן מיט אַ קיך.

היינט – ס׳הייסט, נאָך יענעם דזשאָזבאַנדישן שמחהלע־הייבן זיך די פרימאָרגנס אָן באַ די ליכטנפעלדס מיט אַ נייעם נוסח און מיט אַ נייעם גאַנג.

קאַזשיק, דאָס בחורל, שפּרינגט אַרויס פון בעט טאַנצנדיק. ס׳ערשטע שטעלט ער זיך אַוועק באַם שפּיגל. קעמט דעם ווייך געפּאַלדעוועטן קאָפּ און ווייסט אַפילו נישט, אַז די פּיסלעך זיינע, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג אַריינגעפּאַלן אין לאַנגע הויזן, וואַרפן זיך, אַזוי ווי נישט זיינע – אַריין און אַרויס, צעקרומט, צעהויקערט.

קאַזשיק בינדט דאָס שניפּסל, פּאַררייסט אַביסל ס׳גאָמבעלע און זינגט אונטער:

– מיידל, וואָס האָסטו דאָרט אונטערן קליידל?

ווערט דאָך די קליינע יאַנינקע, דאָס בלאָנדע שוועסטערל, וואָס בלעזלט נאָך אַלץ אַרויס אַ צינגל בשעת זי פּירט מיט דער פּען איבערן העפט, ווערט זי דאָך נישט אָפּשטיין פון ברודערל. וואַרפט זי אויך מיט די דינע פיסלעך און וויל עס זאָל אויסקומען פונקט אַזוי, ווי עס קומט אויס באַ קאַזשיקן.

איז ער אָבער אַ פיינשמעקער, דערדאָזיקער קאַזשיק. ער פאַרטראָגט נישט, ווען מען מאַכט עפּעס קאַליע. שרייט ער:

– מאַלפּע, וואָס מאַכסטו נאָך, אַז דו קאָנסט נישט.

– ביסט אַליין אַ מאַלפּע. כ׳קאָן בעסער פון דיר.

– אַז דו קאָנסט פאָרט נישט.

– כ׳קאָן יאָ. די מאַמעליו אַליין האָט מיר געוויזן.

– די מאַמעליו קאָן אויך נישט.

הערט דאָס אין אַנדערן צימער דער טאַטע פון די קינדער, פאַן ליכטנפעלד אַליין, וואָס האַלט שוין באַם אַרויפציען אויף די פיס די שטיבעלעטלעך מיט די גומענע ווענטלעך. הערט ער דאָס און רופט זיך אָן צום ווייב:

– וואָס זאָגסטו, מערישי?

– גאָרנישט. וואָס זאָל איך זאָגן?

— ער האַלט דאָך עפּעס גאָרנישט פון דיר, דער זון דײַנער ?

— ס'גייט נישט וועגן האַלטן. נאָר אַ ביסל איז ער גערעכט.

— מיט וואָס איז ער דאָס אַזוי גערעכט ?

— מיט דעם, וואָס כ'קאָן טאַקע נישט.

— נאָך אַלץ נישט ? — פאַרשאַרצט זיך די רעכטע זייט פּנים פון פאַן הענריק און אַ פוס גיט אַ פּאַטש אַרײַן אין אַ שטיבעלעטל.

— מיינסט, אַזוי גיך גייט עס ? מען מוז כסדר לערנען.

— אַ ויאַזשנע תורה.

— בײַ דיר איז קיין שום זאַך נישט ויאַזשנע. אַבי דו זעצסט דיך אַנידער און שפּילסט אין קאָרטן.

— וואָס-זשע דען דאַרף אַזאַ מענטש, ווי הענריק ליכטנ-פעלד טון ?

— אַזאַ מענטש, ווי הענריק ליכטנפעלד, דאַרף אַליין אויך קאָנען שטעלן אַ פוס.

בלײַבט פאַן הענריק שטיין אין מיטן אַרויפציִען דאָס צווייטע שטיבעלעטל. אַ שטייפער פוס הענגט אַ ווײַלע אין ליידיקן חלל. און פּונקט אַזוי, ווי עס הענגט דער שטייפער פוס, אַזוי אויך הענגען די דיקלעכע ליפּן, דאָס ווייכע גוידערל, אונטער וועלכן עס לויפט פון צייט צו צייט אַדורך אַ שלינג אין האַלז אַרײַן.

ער וועט זיך דאָך נישט גיין בייזערן אויף זײַן מערי. נישט מער — זאָגן מעג ער דאָך:

— אַז לויט, ווי אים דאַכט זיך, איז זי נישט אינגאַנצן בײַם קלאָרן זינען.

גיט עס, ווייזט אויס, אַ ברי דער פרוי מערי. אַט די-דאָזיקע שטילע, געלאַסענע ווערטעלעך, וואָס פאַלן פון צייט צו צייט אַראָפּ פון מאַנס הענגענדיקע ליפּן, ווי שווערע טראָפּנס שווייס-גיבן איר אַ ברי.

ענטפערט זי. ס'הייסט — נישט אַזוי ווייט זי, ווי דער ברי ענטפערט:

— אַז אָך און ווײ איז צו זײן מישובדיקייט.

פֿאַן העגריקס ווייך גוידערל גיט נאָכאַמאָל אַ לאָז אַראָפּ אַ שלינג אין האַלז אַרײן. דער זייגער דערמאָנט:

— אַרבעטן...

שפּאַנט ער, דער דירעקטאָר אין באַנק הויז אַרײן און פרוי מערי אײלט אויסצוקומען מיטן טאָג.

פרוי מערי קאָן דאָך נישט דערלאָזן, אַז נאָכדעם, ווי זי האָט אָפּגעשוירן די האָר און נאָכדעם, ווי זי האָט אונטערגעשניטן די קליידער — זאָל זי נעמען אויף זיך וואָס מער פלייש. באשר הענריק-לעבן האָט ליב דיקלעכע. נישט אַלע מענער זענען דאָך אָבער דירעקטאָרן אין באַנקהײזער. פֿאַראַן מענער, לאָמיר זאָגן דאָקטוירים, וואָס האָבן ליב שמאָלע.

ער, דער דאָקטאָר מעדיצין, האָט עס איר אַפילו נישט געזאָגט. נישט מער — ער האָט אַ סך גערעדט פון שמאָלליניענדיקע. וואָס ווייניקער פלייש, האָט ער געזאָגט, אַלץ געזונטער אַלץ שענער.

דערפאַר טאַקע האָט פרוי מערי אַ סך צו טון אין די הײנטיקע טעג. די דינסט גייט אַוועק אין גאַס אַרײן אײנקויפן. אין די שטיבן ליגט נאָך אַ קלעביקע פאַרשלאָפנקייט. די קרעדענסן מיט די שענק שטייען פאַרמאַכטע, אַזוי ווי צוגעקנעפּלטע טויטע מלבושים.

עפנט פרוי מערי די פענסטער פון איר שלאָפצימערציט זי אַראָפּ פון זיך די נאַכט-וועש און בלייבט שטײן אײנע אַליין. אַ ברוינלעכע, אַ טרוקענע, מיט אַ פאַרגאָלדעטן שימער אויף דער הויט.

מען זאָל זאָגן, אַז זי איז דיק, וואָלט מען געלייקנט. בלויז אויף די זייטן צו די באָקעס-צו פאַלדעוועט זיך אַ ביסל ס'פלייש. דער בויך איז אַ קליין ביסל אויפגעבלאָזן. ווו נישט ווו ליגן אויף אים בלוילעכע אָדערלעך.

מיט זעכצן יאָר צוריק זענען, מן הסתם, די בלויע אָדערלעך געלעגן אינעווייניק. מיט זעכצן יאָר צוריק איז איין

ברוסט נישט אַוועקגעפאַלן אויף אַ זייט, אַזוי ווי זי וואָלט שלעפערדיק געווען.

חידושלעך איז עס אַפילו ווייל פרוי מערי, צו דער גרעסטער שטוינונג פון איר מאַן, האָט אירע ביידע קינדער נישט געזויגן. פלאַטשיק-ברוסטיקע אַמען האָבן געגעסן איר ברויט. פון דעם אייגענעם ברויט האָבן אויך געהאַט חיונה קאַזשיק מיט יאַנינקען.

איז עס טאַקע חידושלעך פון וואַנען אַזאַ ברוסט געפעלט אַוועקצולייגן זיך אין אַ זייט. נישט מער, הענריק, דער מאַן אירער, האָט צו-גרויסע צו-האַריקע הענט.

שטייען דערווייל די פענסטער אָפן. פרוי מערי שטייט אויף אַן אָפענע. אויף דער פראָטערירטער פאָדלאָגע שפיגלט זיך מיט אַ געלן אָפשיין איהר נאַקעטער שאָטן.

נעמט זי זיך בויגן, די פרוי מערי. ציען, אַזוי ווי דער דאָקטאָר מעדיצין האָט געהייסן. הענט וואַרפן זיך ראַפּטום אויס אין שטוב אַריין אין דער ברייט און אין דער לענג. פיס זעצן זיך אַראָפּ, צענעמען זיך, אַזוי ווי אויסגעקרומטע בייגל.

געדויערט עס אַזוי, ביז די דינסט קומט צוריק פון מאַרק און ביז זי שטעלט זיך אַוועק אין דער טיר מיט אַ הינטיש-געטרייער פאַרזאָרגטקייט אויף דער נאָז:

— וואָס קאָכט מען היינט אונטער דער יויך?

איז דאָך פרוי מערי נישט מחויב צו זאָגן, וואָס מען קאָכט היינט אונטער דער יויך. זאָל זי, די דינסט, קאָכן וואָס איר געפעלט.

— דער פאַן „גרימאַשעט” לעצטנס.

— טאָ זאָל זי קאָכן קאַפּ-הענער. האָסטו געזען, גרימאַשעט גאָר.

קאָכן זיך טעפּ. ס׳בולבלט, ס׳זידט. פּרעגלען זיך קאָטשקעס. ליגן די שליסעלעך פון די קרעדענסן און שענק צעגעצן פאַרשטעקט; און די נאַרישע דינסט האָט טענות:

— מען זאָל נישט אַוועקלייגן קיין שליסעלעך אויף קיין אָרט.

ווייסט זי אָבער נישט, די פּראָסטע דינסט, אַז פרוי מערי קאָן נישט אין זינען האָבן עפּעס דאָרט שליסעלעך.

פרוי מערי איז פאַרנומען בײַ אַ קליין ווייס טישל אין איר טואַלעט-שטיבל. ס'שמייכלען אַראָפּ פלעשעלעך, שערעלעך, מעסערלעך. דאָס אַלץ גלאַנצט, לאַכט און שפּילט זיך מיט פרוי מעריס פּנים, מיט פרוי מעריס פינגער, מיט אירע אַקס-לען און מיט דער גאַנצער פרוי מערי.

פאַן הענריק קאָן זיך אָבער נישט צונויפלעבן מיט דעם נייעם, וואָס איז מיט אַמאָל אויפגעוואַקסן בײַ אים אין עטוב. פּונקט אַזוי ווי מען האָט חתונה אַ צווייט מאָל און מען ווייסט נאָך נישט דעם נייעם ווייבס געוווינהייטן.

פאַן הענריק פאַרשטייט שוין אַ ביסל פון דעם, וואָס זיין ווייב האָט אים אַריינגעבראַנגט. אָבער דאָס פּנים זיינס ציט זיך נאָך כסדר אויס. דאָס דיקלעכע גוידערל ווערט נאָך אַלץ ווייך און די שלינגען שפּייעכץ לויפן איינס נאָך ס'אַנדערע אין האַלז אַריין — אַ סימן, אַז פאַן הענריק האָט אַ סך צו זאָגן, נאָר ער ווייסט נישט, ווי אַזוי מען הויבט אָן.

אַנומלט איז פאַן הענריק געזעסן נאָך דער וועטשערע אָנגעדרודלט, כמורנע. ס'האָט געקאָנט זיין אַרום צען אַזייגער אויפדערנאַכט. די קליינע יאַנינקע איז שוין געלעגן אין בעט מיט אַ פאַררויטלט פּנים. דאָס בחורל, קאַזשיק, האָט זיך נאָר וואָס געהאַט געלייגט. ער האָט האַלב-געדרימלט און האַלב-געהערט, וואָס טאַטע-מאַמע וועלן שמועסן.

קאַזשיק איז קיינמאָל נישט נייגיריק געווען צו וויסן, וואָס טאַטע-מאַמע שמועסן צווישן זיך. קאַזשיק האָט געהאַט זיינע געשעפטן מיט זיינע סודות.

היינט אָבער, ליגנדיק אַקעגן אַ פערטל שעה אין בעט

האָט קאַזשיק דערהערט אַזעלכעס, וואָס אַליין האָט ער עס אויך אין זינען געהאַט, נאָר ער האָט נישט געקאָנט דערפון רעדן.
אָט רופט זיך אָן דער טאַטוש. שטיל רופט ער זיך אָן:
— אַ סך קאָסט עס?
— וואָס אַזעלכעס? — פרעגט צוריק די מאַמושע.
— די העמדער מיין איך.
— וואָסערע העמדער?
— נו, דיינע, די זיידענע.
קאַזשיק האָט ערשט נישט לאַנג באַמערקט, ווי די מאַמע־שי זיינע האָט זיך אויסגעטון. די מאַמעשי זיינע פלעגט זיך אַ סך מאָל אויסטון. ער האָט געוווסט, אַז אַ מאַמעשי טוט זיך אויך אויס. אָבער דאָס געשעט תמיד דאָרט אין שלאָפצימער.
אַנומלט אָבער האָט זיך זיין מאַמעשי אויסגעטון דאָרט, ווו זי זיצט אַצינד — ס׳הייסט אין צימער, ווו מען עסט.
ער איז געווויִנט געווען, דערדאָזיקער קאַזשיק, אַז זיין מאַמעשי זאָל טראָגן לאַנגע העמדער, ווייסע. ער האָט געוווסט, אַז דער טאַטע דאַרף טראָגן קורצע און די מאַמע — לאַנגע.
יענץ מאָל אָבער, האָט די מאַמעשי געהאַט אויף זיך אַ קורץ העמד. און געווען איז עס נישט ווייס, נאָר בלאַסלעך־ראָזע. בלאַסלעך־ראָזע לייוונט האָט נאָך קאַזשיק קיינמאָל נישט געזען. לויטן גלאַנץ און לויטן שטילן גערויש האָט זיך קאַזשיק משער געווען, אַז עס מוז זיין אָדער אַטלאַס, אָדער זייד.
מילא. וואָלט זיך קאַזשיק אַ ביסל געוווּנדערט. אָדער ער וואָלט געפרעגט בּאַ דער מאַמעשי, וואָס דאָס איז אַזעלכעס.
האָט אָבער די מאַמעשי געטראָגן אויף די פיס דינע, דינע זאָקן ביז אַרויף. קאַזשיק האָט קיינמאָל נישט געזען די פיס פון זיין מאַמעשי. אַנומלט, אַז ער האָט זיי צום ערשטן מאָל דערזען, האָט ער נישט געוווסט פאַרוואָס, נאָר ער האָט נישט געקאָנט גלייך אַהינקוקן, ווו דידאָזיקע פיס זענען גע־שטאַנען.
אין קורצן העמד מיט די זאָקן ביז אַרויף איז די מאַמע זיינע געשטאַנען באַם שפיגל און געפודערט דעם האַלז

מיט די הענט. די הענט זענען געווען ווייס, לאַנג און גרויס. קאַזשיק האָט זיך געוווּנדערט, פון וואַנען קומען צו זיין מאַמען אַזעלכע ווייסע, לאַנגע הענט?

דערנאָך האָט זיך די מאַמע זײַנע אַראָפּגעבויגן. מוז זיין, אַז זי האָט עפּעס אַראָפּגעלאָזט. האָט זיך דאָס העמד פון הינטן פאַרשאַרצט. דאָס בחורל קאַזשיק האָט עפּעס דערזען. וואָס אַזעלכעס, וואָלט ער נישט געקאָנט זאָגן. נאָר מיטאַמאָל איז אים הייס געוואָרן. זייער הייס.

אויפן טיש איז געלעגן אַ ביכל. קאַזשיק האָט גיך גענומען מישן די בלעטלעך פון ביכל. ער האָט געוואָלט באַהאַלטן דאָס ברענענדיקע פּנים אין די מישנדיקע בלעטלעך אַריין. אָבער דאָס, וואָס ער האָט מיט אַ מינוט פריער דערזען, האָט זיך מיטגעמישט מיט די בלעטער.

די מאַמעשי, ווייזט אויס, האָט דערהערט דאָס שורשען פון פּאַפּיר. זי האָט זיך ראַפּטום געגעבן אַ גלייך אויס און אַ געשריי געטון אויף אים:

— האָסט שוין נישט וווּ צו לייענען דיינע ביכלעך, האָסטו שוין נישט?

איז אָט איצט, ווען ער ליגט אַזוי אין בעט און קאָן נישט אָפּטרייבן פון זיך די מישנדיקע בלעטער מיט דער מאַמעס אַראָפּבייגן זיך — הערט ער, ווי דער טאַטוש רעדט וועגן דער מאַמעס העמדער.

קאַזשיק זעט איצט נישט, ווי זיין מאַמע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער זעט נישט, ווי אונטער איר גאָמבעלע לויפן דיניטשקע פּאַסיקלעך רויטער אָטעם. קאַזשיק הערט נאָר, ווי זי ענטפערט אויף דעם, וואָס דער טאַטוש האָט געפרעגט:

— נישט טייערער, ווי וועבענע!

— וואָס עפּעס זיידענע.

— אַז ס'איז נישט טייערער, פאַרוואָס נישט?

— ס'גייט מיר נישט אין מקח. נאָר גלאַט, זייַדענע גאָר.

— כ'מיין, ס'איז אָנגענעמער.

— מיר איז אַלציינס.

— פאַרוואָס זאָל דיר זיין אַלציינס?

— געפעלסט מיר אַזוי אויך.

— וויל איך דיר נאָך מער געפעלן.

— כע, כע — גיט זיך אַ קנייטש דאָס ווייכע גוידערל פון פאַן הענריק און אַ ליפּ גיט זיך אַ קרום אויס.

אָבער קאַזשיק זעט דאָס נישט. ער הערט שוין אויך וואָס אַמאָל שוואַכער. די אויגן-לאָדנדלעך שניידן אים. הערט ער שוין נישט, ווי די מאַמעשי רופט זיך אָן מיט אַ קיילעכדיק, גע-פרעסט שטימעלע:

— איידער באַ אַנדערע, איז גלייכער באַ מיר.

— הם — דושעט זיך פאַן הענריק — מיינסט, חלילה...

— כ׳מיין נישט, חלילה. נאָר קאַפּ-הענער ווערן דאָך אויך צוגעגעסן.

— מיר — נישט.

— אָבער ווייסט דאָך מיר נישט לייקענען, אַז פון צייט צו צייט פאַרגלוסט זיך עפּעס נייעס.

— דו ביסט שטענדיק ניי.

— וויל איך זיין נאָך נייער.

ווערט דאָס פּנים פון פאַן הענריק גרויס. אַביסל בלאַס-לעך און אַביסל פלאַטשיק:

— טוסטו עס פאַר מיר, טוסטו עס?

— פאַר וועמען דען, אַז נישט פאַר דיר?

— נו, יאָ... כ׳זאָל זאָגן, אַז ס׳איז נישט בעסער.

— און אָנגענעמער איז עס נישט?

— ס׳הייסט... יאָ... פאַרוואָס נישט?

זעט פּרוי מערי, ווי איר מאַן ווערט פולכנע. די ליפּן באַ אים הייבן אָן פייכטן — רופט זי זיך אָן:

— זעסטו שוין... טאָ וואָס האָסטו צו די ויידענע העמדער?

— איך האָב עפּעס, חלילה?

האָט מען זיך אַזוי גלאָט אַ ביסל צערעדט. און אַז מען האָט זיך צערעדט האָט פּרוי מערי, נישט האָבנדיק מער וואָס צו זאָגן — אַריינגעוואָרפן:

— שוין באַלד אויס ווינטער, האַ, הענריק־לעבן?...
— יאָ. שוין באַלד.
— כ׳קלער אַזוי. אַט זענען מיר געווען באַ באַקאַנטע. דאָ אַ שמחהלע, דאָרט אַ שמחהלע. און באַ אונז גאָרנישט.
— וואָס זאָל דען זיין באַ אונז?
— כ׳מיין, מען וואָלט באַדאַרפט אויך עפּעס מאַכן.
— האַ?
— כ׳ווייס. עפּעס אַ טיי־אָוונט. פאַרבעטן עמעצן...
— מאַ. מאַכט מען. פאַרוואָס נישט?
— כ׳האָב טאַקע געקלערט. אָבער, כ׳ווייס, אַז דו קאָנסט קיין פּיס נישט שטעלן.
— איז וואָס דערפון געדרונגען?
— גאָרנישט. נאָר ס׳קומט אַמאָל אַ דאַמע. נישט אַלע דאַמען פאַרבעט מען דאָך צום טאַנצן. פירט זיך באַ לייטן, אַז מיט אַזאַ דאַמע טאַנצט דער באַלעבאָס אַליין.
באַם פאַן הענריק הייבט זיך אַביסל אונטער דער שטערן. איבער די אויגן צעלייגן זיך צוויי טיפע, אַרויפגעשאַרצטע ווינקלען.
— כ׳בין נישט קלוג — מאַכן די אַרויפגעשאַרצטע ווינקלען — ווי קומט בוידעם צו קלאָץ?
— זעסט דאָך, אַז ס׳קומט. מיינסט, ס׳איז אַזוי שווער אויסצולערנען זיך. איינס, צוויי און דו טאַנצסט.
פאַן הענריקס ליפּן האָבן זיך פאַרלייגט איינס אויף ס׳אַנדערע. די קינבאַקן האָבן זיך אָנגעצויגן אַראָפּ און אַליין פון זיך האָט עס געגעבן אַ בוך־אַרויס:
— כאַ, כאַ, כאַ, — ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן. דירעקטאָר ליכטנפעלד וועט זיך גאָר אויף דער עלטער גיין לערנען טאַנצן.
— כ׳האָב שוין געזען טאַנצן נישט נאָר דירעקטאָרן, נאָר אַפילו מיניסטאָרן.
— ווע׳מען?
— מי־ני־סטאָרן...

— איז אַז אָך און וויי צו אַזעלכע מיניסטאָרן.

דאָס אַלץ האָט קאַזשיק נישט געהערט. נאָר איינמאָל, עטלעכע טעג נאָך יענעם אויפדערנאַכט, איז קאַזשיק אַהיימגעקומען פון זיינעם אַ חבר און גלייך באַמערקט, אַז אין עס־צימער איז קיינער נישטאָ און אַז פון סאַלאָן אַרויס הערן זיך אָפּגעהאַקטע, רויע זאַצן:

— איינס, צוויי, דריי. איינס, צוויי, דריי...

זאָלן דאָרט זעלנער גיין? שפּילט זיך דאָרט יאַנינקע?

קאַזשיק איז געגעבן אַ שפּרונג צו און מיט איין שטופּ אַ פּראַל אויף געטון די טיר אין סאַלאָן אַריין.

איז אַזוי ווי די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט האָט קאַזשיק פּלוצלינג געקריגן אַ לאַנג פּנים און אַ פּאָר פינטלדיקע אויגן.

ער האָט דערזען זיין טאַטן — אַ דיקלעכן, אַ פּלאַטשיקן, אַ שווערן. און אָט דערדאָזיקער שווערער טאַטע זיינער האָט געפּאַטשט מיט אַ פוס אויף איין אָרט. אַ פרעמדער פּאַן אַן אויסגעצויגענער, אַ שמאָלער מיט אַ דריידלדיק צינגל האָט אים אַרומגעהאַלטן, דעם טאַטן. און דערדאָזיקער פרעמדער פּאַן האָט דאָס אַזוי געקאָמאַנדעוועט:

— איינס, צוויי, דריי...

זענען די אויגן באַ קאַזשיקן געוואָרן אויסגעצויגן אין דער לענג. ס'מויל האָט זיך צוזאַמענגענומען אַזוי, אַז די באַקן האָבן זיך אויפגעבלאָזן. און אַז דער טאַטע האָט נאָכאַמאָל געגעבן אַזאַ פּלאַטשיקן שפּרייז — האָט שוין קאַזשיק נישט געקאָנט לענגער איינהאַלטן אין זיך דעם אָטעם און פון צוזאַמענגענומענעם מויל האָט עס געגעבן אַ שיס אויס מיט אַ פולע גאָרשטש שפּייעכץ.

דאָם קאָמאַנדעווען פון פרעמדן פּאַן איז געבליבן איבערגעהאַקט באַ דער „צוויי". דער פּלאַטשיקער, דיקליכער טאַטוש מיט אַן אונטערגעהויבענעם פוס אין דער לופטן, האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס, אַזוי ווי אַ קונצנמאַכער און פאַרקייכט אַ וואָרף געטון:

— דורען, אַרויס פון דאַנען!

דער „דורען" האָט איינגעקנוילט ס׳קעפל אין קאָלנער אַריין און, האַלטנדיק די הענט באַם מויל, האָט ער זיך אַרויס־געשאַרט מיט איין אַקסל.

שפּעטער איז דער פרעמדער פאַן אַוועקגעגאַנגען. אין די שטיבן איז געוואָרן שטיל, אַזוי ווי נאָך אַ געשלעג. דער טאַטוש האָט געשפּאַנט איבערן עס-צימער ווייך, גיך און געברומט:

— אַ יינג זאָל נישט האָבן קיין בושה. אַ מאַמע זאָל נישט אַכטונג געבן אויף קיין קינדער. הא, מערישי, טאַנצן. נאָר טאַנצן. האָסטו דיר אַ טאַנצן.

מער האָט קאַזשיק נישט געזען דעם טאַטן זיינעם אַזוי פּלאַטשיק שפּרייזן איבערן סאַלאָן. יענעם פרעמדן אויסגעצוי־גענעם פאַן מיטן דריידלדיקן „איינס, צוויי, דריי" — האָט קאַזשיק שוין אויך מער נישט געזען.

ביז ס׳איז איינמאָל אָנגעקומען אַ טאָג אין מיטן דער וואָך און מען האָט באַ זיי פלוצלינג אָנגעהויבן רוימען.

קאַזשיק געדענקט, אַז פאַראַיאָרן אין דער צייט האָט מען באַ זיי נישט גערוימט. וואָס-זשע וועט עס זיין? ער ווייסט נישט. ער זעט נאָר, אַז מען פּוצט, מען וואַשט. יאַניג־קע גייט אַרום אַ פאַררויטלטע און האָט פאַרנאַשטע פינגער מיט פאַרנאַשטע ליפּעלעך. די מאַמעשי איז כמעט אַ גאַנצן טאָג נישט אין שטוב. מאַריאַננאַ, די דינסט, שוויצט און האָט רויטע, אויפגעלאָפּענע הענט. דעם טאַטנס גוידערל פרייכט. איין אויג פאַרשאַרצט זיך כסדר אַרויף, אַזוי ווי ער וואָלט נישט גוט דערזען.

האָט מען אַזוי געסאַפּעט און געפרייכט איין טאָג און נאָך אַ טאָג. ביז איינמאָל אויפדערנאַכט זענען אין אַלע פיר צימערן מיט אַ קיך אויפגעריסן געוואָרן די פייערן פון די עלעקטרישע זשיראַנדאָלן.

ליכטיק אויף די קרעדענסן מיט די שענק. ליכטיק אויפן טיש, וואָס האָט זיך פלוצלינג אויסגעצויגן אין דער לענג און גלאַנצט אַראָפּ מיט קלאָשן, מיט בלומען, מיט ווין און מיט באַשוואַרג. אַן אָנגעפרעסענער פאַטעפאָן מיט אַ קורץ העלזל,

אַזוי ווי ער וואָלט געווען אונטערגעשאָכטן — האָט זיך צע־זעצט אויף אַ באַזונדער טישל, אַזוי ווי אַ בן־יחיד, וואָס וואַרט מען זאָל זיך צערטלען מיט אים.

פרעמדע פּאַנעס — שטייפע, שוואַרצע. פרעמדע פּאַניס — קיילעכדיקע, ווייכע. דאָס אַלץ קומט אין די פיר צימערן מיט אַ קיך. דאָס אַלץ טראָגט אין די פּאַלדן פון פוטערס און פון קליידער אַ וואַרעם געזויש, אַ שמעקעדיקע דעמפּקייט און אַ מין זיסלעכן רייץ אויפן גומען.

ס'איז אָט דער אָוונט, וואָס דאָס פאַרפאַלק ליכטנפעלד האָט אָנגעגרייט פאַר זייערע פריינט און באַקאַנטע.

דער סאַלאָן, וואָס האָט ביז היינט אויסגעזען צו זיין צוזאַמענגעפּרעסט און טונקל — איז געוואָרן אָפן, אָנזעעוודיק. קאַזשיק וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, עס זאָלן קאָנען אַריין אַזוי פיל פּאַנעס מיט פּאַניס. ער וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז די אַלע פרעמדע זאָלן זיך אַזוי גרינג קאָנען שאַרן אי־בערן גאַנצן סאַלאָן און נישט פאַרטשעפּען קיין איין מאָל די פיס באַם מעבל.

די קליינע יאַנינקע האָט שוין היינט געמוזט דעקלאַמירן אַ „ווי־ערש" פאַר עטלעכע גוידערדיקע, בלוי־ווייס געפּודערטע פּאַניס. קאַזשיק האָט זיך געמוזט האַלטן גלייך, מעשה גרויסער מענטש, וואָס פאַרמאָגט שוין זיין אייגנס : אַ לויפנדיקן קנאָפּ אין גאָרגל, אויף וועלכן די אייגענע בלוי־ווייס געפּודערטע פּאַניס פאַרקוקן זיך מיט חידוש :

— ווי קומט שוין צו אָט דעם יונגן בחורל אַזאַ לויפנ־דיקער קנאָפּ אין האַלז ?

אָבער קאַזשיק האָט נישט פאַרשטאַנען נישט זייער קוקן און נישט זייער חידושן זיך. קאַזשיק האָט היינט געהאַט די בעסטע און די גרעסטע אַרבעט. ווען נישט ער, וואָלט מען היינט אפשר אינגאַנצן נישט געקאָנט טאַנצן. ער איז דאָס דער, וואָס שטייט באַם אָנגעפּרעסענעם פּאַטעפאָן און מונטערט אים:

— יאָ, ביסט טאַקע אַ בן־יחיד, אָבער דרודלען זיך מוזטו

דיך פּאָרט — גיט קאַזשיק אַלע פּאָר מינוט אַ דריי בײַ דער קאָרבע.

צעסיקעט זיך דאָס קעסטל. שנאַפּלט עס עפּעס אַרויס, אַזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַלטן אין איין בייזערן — לאָמאי מען לאָזט עס נישט כאַפּן קיין דרימל.

קומט אויס, אַז פון איין דרימל ביז צום צווייטן בלייבט אַ לײדיק שטיקל צייט. האָט זיך קאַזשיק אין דעמדאָזיקן שטיקל צייט פאַרקוקט אויף די געסט דאָרט, וואָס האָבן זיך אַרומגעהאַלטן איינער מיטן אַנדערן, ווי גוטע ברודער און געשטופּט זיך איבערן פּאַרקעט.

די פּנימער פון די געסט האָט קאַזשיק נישט געזען. זיינע אויגן-לעפּלעך האָבן זיך נישט געקאָנט אויפהויבן. זיי זענען אַלצאײנײנעם אַרומגעקראָכן אויף דער פּאָדלאָגע, אַזוי ווי שוואַרצע פלינקע מייזלעך.

אויף דערדאָזיקער פּאָדלאָגע האָט קאַזשיק מער נישט געזען, ווי פיס. אַמאָל צונויפגעפּלאָכטענע, צוזאַמענגעדרייטע. און אַמאָל צענומענע. אַזוי צענומענע, ווי מען בלייבט שטיין בשעת מען דערשרעקט זיך.

די פיס האָבן אויסגעזען, אַזוי ווי זיי וואָלטן גערעדט. אַמאָל האָבן זיי זיך געבייזערט. ברוגז געוואָרן. דאָרט דאַכט זיך, האָבן זיי זיך נאָר וואָס איבערגעבעטן. אַ סימן האָט קאַזשיק — אָט האָבן זיי זיך אַרומגענומען.

דער קנאָפּ אין קאַזשיקס האַלז איז געלאָפן גיכער, ווי אַלעמאָל. דאָס אויסגעצויגענע פּנימל האָט געבריט. די קליינע שרויפנדיקע אַפּלען זענען געוואָרן שמאָל, אַזוי ווי בײַ אַ קאַץ, ווען זי בויגט אויס דעם רוקן אינדערהויך און קוקט אין דער פינסטער אַריין.

איז אָט אַזוי שטייענדיק אַ ביסל איינגעבויגן אין די אַקסלען, האָט קאַזשיק דערזען איין פּאָר פיס, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע. נישט דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען שענער. אויך נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אַנדערש געשניטן. נאָר דערפאַר, וואָס די דידאָזיקע פיס האָבן

זיך עפּעס נישט שיין צענומען. ס'האָט זיך דערמאָנט קאַזשיקן יע־נער אויפדערנאַכט, ווען זיין מאַמע האָט זיך אַראָפּגעבויגן בּאַם שפּיגל און ער האָט דערזען אַזעלכעס, וואָס ביז היינט צו טאָג קאָן ער עס נישט אָנרופן בּאַם נאָמען און וואָס צוליב דעם אייגענעם איז ער שוין עטלעכע מאָל אויסגעשטאַנען אינ־דערפרי מיט קאָפּ־ווייטיק.

דער פּאַטעפאָן האָט געהאַלטן בּאַם אויסגיין, אַ פרעמדער מענטש האָט זיך צוגעגליטשט. אַ פרעמד קול האָט אַ וואָרף געטון:

— קאַזשיק, דערבּאַרעם דיך, דריי אָן!

ערשט דעמאָלט האָט קאַזשיק אויפגעריסן דעם קאָפּ פון דער פּאָדלאָגע. און דעמאָלט האָט ער דערזען, אַז די פיס דאָרטן, וואָס האָבן זיך אַזוי צענומען, זענען געווען זיין מאַ־מעשיס פיס.

זיין אייגענער מאַמעס, וואָס האָט איצט געהאַלטן אַ האַנט אויף אַ שוואַרצן אַקסל און וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט דעמ־דאָזיקן שוואַרצן אַקסל געדרייט איבערן סאַלאָן.

קאַזשיקן האָט עס געחידושט. ער האָט געקוקט אויף זיין מאַמושע און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער דערקענט זי נישט.

זינט ער געדענקט האָט זיין מאַמע געהאַט אַ פאַר־מאַכט פּנים. ער האָט געמיינט, אַז זיין מאַמע קאָן נישט לאַכן.

איצט אָבער, ווען זי האַלט אַזוי די האַנט אויף אַ שוואַרצן אַקסל פון אַ פאַן, צו וועמען אַלע זאָגן — פּאַניע דאָקטאָרזשע — איצט איז איר פּנים אָפן און עס לאַכט. נישט גלאַט אַזוי לאַכט עס. נאָר אַלץ אין פּנים לאַכט: די נאָז, די אויגן, די ברעמען, דאָס גוידערל, אַפילו די אויערן — אַלץ צוזאַמען וויגט זיך, שאָקלט זיך און לאַכט.

קאַזשיק איז געשטאַנען פון דערווייטנס. ער האָט נישט געקאָנט הערן, וואָס יענער פּאַן און וואָס זיין מאַמע רעדן

צווישן זיך. ער האָט אויך נישט געקאָנט וויסן פאַרוואָס זיי קוקן אַזוי אויף זיך.

נאָר אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז יענער פּרעמדער פּאַן האָט אַזוי פאַרלייגט די ליפּן און אַזוי זיי אויפגעעפנט, אַז ס'איז פון זיי אַרויסגעפאַלן דאָס וואָרט:

— מערי!

און נאָך האָט זיך דעם קליינעם בחור'ל אויסגעדאַכט, אַז זיין מאַמושע האָט צוגעמרוזשעט די אויגן, אַביסל אַריבערגע-בויגן דעם קאָפּ און אויך אירע ליפּן האָבן זיך אַזוי פאַר-לייגט, אַז פון זיי איז אַרויסגעפאַלן דאָס וואָרט:

— פאַניע!

מער האָט זיך קאַזשיקן נישט געדאַכט. אַ פּאָר פרישע פיס האָבן אָוועקגעריסן זיינע צוזאַמענגעצויגענע אַפּלען פון דער מאַמען מיט דעם פּרעמדן פּאַן.

דידאָזיקע פרישע פיס זענען געווען ברייט, פלאַטשיק, נישט געשאַרט האָבן זיי זיך, נאָר געפּאַטשט, אַזוי ווי דאָ אין סאַלאָן וואָלט געשטאַנען אַ בלאָטע.

ווער קאָן דאָס האָבן אַזעלכע פלאַטשיקע פיס?

דערזעט קאַזשיק, אַז זיין טאַטוש האַלט אַרום עפּעס אַ פאַני. אַ הויכע, אַ דיקלעכע, וואָס שנאָבלט די ליפּן, ציט אַרויף די ברעמען, אַזוי ווי זי וואָלט געהאַט בדעה צו וואָ-רענען:

— רירט מיך נישט אָן, כ'בין פון גלאָז.

פונדעסטוועגן רירט זי פּאַן הענריק יאָ אָן. קאַזשיק זעט, ווי דער טאַטע זיינער פאַרלייגט אַ האַנט אויף איר ברייט-צע-וואַקסענער טאַליע און גיט זיך אַזאַ שאָקל מיט איר איינמאָל און נאָכאַמאָל, אַזוי ווי אַ ליידיק פּעסל, וואָס וויגט זיך און ווייסט נישט — צי זאָל עס פאַלן, צי נישט.

די פאַני, כאָטש זי איז דיקלעך און כאָטש זי שנאָבלט אַזוי מיט די ליפּן — שאָקלט זיך פונדעסטוועגן פלינקער, ווי דער טאַטוש. אַזוי, אַז דעם טאַטן פאַרפעלט אַמאָל אַ טריט.

מוז ער זיך נאָכציען. ציט ער אויך נאָך די פּלייצעס מיטן געזעס, וואָס ווילן זיך אַזוי גיך נישט נאָכגעבן.

בשעת מעשה שוויצט דאָס גוידערל. דאָס אויפגעבלאָזענע בייכל שטייט אָפּ. די פּלאַטשיקע פּיס פּאַטשן און קאָנען אַלץ נישט דערפּאַטשן דעם אמתן פּאַטש.

שטייט קאַזשיק. דאָס אויסגעצויגענע פּנימל ווערט רויט. ער דערמאָנט זיך, ווי אַזוי ער האָט אַנומלט אויפגעריסן די טיר אין דעם אייגענעם סאַלאָן אַריין און ווי אַזוי ער האָט דאָס דערזען זיין טאַטן שפּרייזן אונטער דער קאָמאַנדע פון — איינס, צוויי, דריי...

איצט האָט קאַזשיק גרויס חשק נאָכאַמאָל אָנצובלאָזן די באַקן און נאָכאַמאָל געבן אַ שיס אַרויס מיט אַ פול מויל שפּיי-עכץ. אָבער אין דער אייגענער רגע פאַרקרעקט זיך דער פּאַ-טעפּאָן. ער נעמט זידן, אַזוי ווי אַ לעדערנער פּאַס אויף אַ ראָד און אַלע וואָס וויגן זיך בלייבן שטיין.

עמעצער, שוין נישט קאַזשיק, דרייט אָן דאָס קעסטל אויפסניי. קאַזשיק גיט זיך אַ גליטש דורך צווישן די שטייענדיקע פּאָרלעך אין צווייטן צימער אַריין און דערזעט זיין שוועסטערל.

— ווילסט עפּעס זען?

— וואָס אַזעלכעס?

— קום, וועל איך דיר ווייזן, ווי אַזוי דער טאַטוש טאַנצט.

זענען שוועסטער און ברודער אַ ווײַלע שטיין געבליבן אין דער טיר. דער טאַטוש האָט גראָד אין יענער מינוט אַ קוש געטון אין דער האַנט פון יענער דיקלעכער פּאַני און אַליין אַוועקגעזעצט זיך מיט צענומענע פּיס — אַ שווערער, אַ פאַרמאַטערטער. בלויז די מאַמע האָט זיך נאָך אַלץ געשאַרט און אַלץ געפּלאָנטערט זיך פון ווינקל צו ווינקל.

איז קאַזשיקן איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

— ווייסט וואָס = האָט ער זיך אָנגערופן צום שוועס-טערל — לאָמיר אויך טאַנצן.

— איך קאָן נישט טאַנצן — האָט ס׳שוועסטערל געצויגן אַן אַקסל.

— וועל איך דיך אויסלערנען.

— דו קאָנסט דען?

— אַודאי קאָן איך.

— פון וואַנען קאָנסטו?

— כ׳האָב געזען, ווי די מאַמעשי טאַנצט.

— לאָז זיין — האָט דאָס שוועסטערל אַרויפגעלייגט אַ הענטל אויפן ברודערס אַקסל.

צווישן גרויסע פיס, צווישן דיקע, שמאָלע, קיילעכדיקע און דינע, האָבן זיך אין מיטן דרינען אַריינגעפלאָכטן נאָך צוויי פאָר פיסלעך — פרישע, יונגע, וואַקלדיקע.

קאַזשיק האָט אַרומגענומען זיין שוועסטערל, אַזוי ווי דער פרעמדער פאַן דאָרטן האָט אַרומגענומען די מאַמע. קאַזשיק האָט צוגעדריקט צו זיך יאַנינקען, אַזוי ווי דער פרעמדער פאַן דאָרט האָט צוגעדריקט די מאַמע.

ער, קאַזשיק, האָט געשאָקלט מיט די שטייפע פיסלעך אַהין און צוריק, אַזוי ווי מען וואָלט זיי געשמיסן מיט דינע ריטלעך. און זי, דאָס שוועסטערל, האָט אים פונקט אַזוי נאָכגעטון.

דערנאָך האָט קאַזשיק געוואָלט טון אַזוי, ווי יענער פרעמדער פאַן האָט געטון. ס׳הייסט — אַריינפלעכטן איינעם פון זיינע פיס אין די שוועסטערס פיס אַריין.

איז עס אים אָבער שווער אָנגעקומען. ס׳איז אים הייס געוואָרן.

מוז זיין, אַז דער קליינער יאַנינקען איז אויך געוואָרן הייס. זי האָט אַראָפּגענומען ס׳הענטל פון ברודערס אַקסל און מיטן אייגענעם הענטל געוואָלט זיך אָפּשטופּן פון אים.

אָבער קאַזשיק האָט געגעבן אַ וואָרף אַוועק דאָס קליינע הענטל — האַסטיק, אָפּגעהאַקט.

דעם שוועסטערל איז געוואָרן ענג. זי האָט זיך נישט געקאָנט רירן. זי האָט גענומען פרייכן:

— קאַזשיק, לאָז מיך. דושע מיך נישט אַזוי, קאַזשיק.

אָבער קאַזשיקס קליינע, שרויפנדיקע אויגן האָבן זיך גע-

שאָקלט. ס'מויל האָט זיך אַליין געעפנט. געעפנט — נאַריש, תמעוואַטע.

— קאַזשיק, וועסט מיך דערדריקן.

ווייזט אויס, אַז דאָס טאַנצן האָט קאַזשיקן אינגאַנצן טויב געמאַכט.

דאָס שוועסטערל אָבער האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, האָט זי זיך צעשריגן מיט אַ שפּיציק געוויין:

— מאַמושו, זאָל ער מיך אָפּלאָזן!...

ערשט דעמאָלט האָט דאָס בחורל פּלוצלינג דערפילט אַ שווערע האַנט הינטערן קאָלנער. עמעצער האָט אים אַ ריס אַוועק געגעבן פון דער שוועסטער, און גיך אים אַרויסגעפירט פון סאַלאָן:

— דורעו, וואָס איז דאָס פּאַר אַ טאַנצן אין מיטן דרינעו?

דאָס האָט אים אַזוי אַריינגעשריגן אין קאָלנער אַריין דער טאַטע, שאָקלענדיק מיט אים, ווי מיט אַ הערינג.

קאַזשיקן איז געוועו אויסטערליש הייס. ער האָט זיך געוואָלט ערגעץ באַהאַלטן. אָבער אומעטום איז געוועו ליכטיק. אומעטום האָבן געקוקט אויף אים אויגן. און אויף להכעיס איז יאַנינקע אים אַלע ווײַלע אַקעגנגעקומען אין פּנים אַריין און געשאָבן אַ פינגער אויף אַ פינגער:

— אַ בע... דורען, דורען!...

אין טעג אַרום, בשעת מען האָט בײַ די ליכטנפעלדס געוואַשן וועש, איז דאָס דינסט-מיידל אַריינגעקומען צו דער מאַדאַם מיט קאַזשיקס אַ העמדל.

— וואָס ווייזט איר עפּעס דאָס דינסט-מיידל קאַזשיקס העמדלעך?

ענטפערט דאָס דינסט-מיידל:

— אַז זי האָט געפונען אויפן העמדל פלעקן.

— איז וואָס-זשע? וואָס האָט דאָס צו טון מיט איר?

— זי, דאָס דינסט-מיידל, ווייסט נישט וואָס דאָס האָט צו טון מיט דער פּאַני. נאָר בײַ איר, בײַם דינסט-מיידל, איז

אַמאָל געווען אַ ברודערל, האָט מען אויף זיינע העמדלעך אויך געפונען ענלעכע פלעקן.

— נו ?

— איז מען געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר.

— וואָס עפּעס צו אַ דאָקטאָר ?

— מען האָט געהייסן גיין צו אַ דאָקטאָר.

— איז וואָס-זשע האָט דער דאָקטאָר געזאָגט ?

— דער דאָקטאָר האָט געזאָגט — מען זאָל דאָס ברודערל אירס נישט לאָזן שלאָפן אַליין.

— און קאַזשיק שלאָפט דען אַליין ?

— ער שלאָפט טאַקע נישט אַליין. יאַנינקע שלאָפט אויך אין קינדער-צימער. נאָר יענער דאָקטאָר האָט געזאָגט, מען זאָל בכלל היטן דאָס ברודערל אירס.

פאַרשטייט נישט פרוי מערי, וואָס דאָס דינסט-מיידל וויל פון איר. ווען גייט עס אָן איר ברודערלס פלעקן ?

— ס'גייט טאַקע קיינעם נישט אָן. נאָר איר ברודערל איז געוואָרן אויסגעדאַרט. זייער אויסגעדאַרט.

— מן-הסתם האָט עס נישט געהאַט וואָס צו עסן.

— ניין. ס'האָט יאָ געהאַט וואָס צו עסן. נישט מער — אין אַ צייט אַרום איז ער געשטאָרבן.

— אַלע בייזע חלומות אויף מיינע שונאימס קעפּ. וואָס האָט זי זיך עפּעס צוגעטשעפּעט די נאַרישע דינסט.

— אָבער פראַשען פּאַני !

— כ'וויל נישט הערן. אַז עס זענען דאָ פלעקן וואַשט מען זיי אויס און פטור.

— נו, יאָ, ס'איז אמת. מען קאָן זיי טאַקע אויסוואַשן

— זעסטו שוין, בחינם געדרייט אַ קאָפּ.

ס'קאָן זיין, אַז פריער, איידער פרוי מערי האָט זיך געלאָזט אָפּשערן די האָר און אונטערשניידן די קליידער — וואָלט זי גענומען קאַזשיקס העמדלעך און וואָלט באַטראַכט — וואָסערע פלעקן עס האָבן זיך פלוצלינג אויף זיי באַוויזן.

היינט אָבער האָט פרוי מערי נישט קיין צייט און נישט קיין געדולד.

ווער זאָגט עס, אַז נאָך זעכצן יאָר אַרבעט טאָר זיך פרוי מערי נישט אָפּרוען אַ ביסל ! ?

אָט שטייט אויף יענער זייט פענסטער אַ נייע, נאָר-וואָס געבוירענע זון. אַצינד האָט דער זייגער געשלאָגן פּונקט צוועלף. העגריק-לעבן איז אין באַנקהויז. די קינדער זיצן אין שול. טאָ וואָס האָט פרוי מערי איצט צו טון איינע אַליין אין אירע פיר צימערן מיט אַ קיך ?

די זון לאַכט אין די קלאָר-געפּוצטע שויבן אַריין. זי לייגט זיך אויף די פריש-פּראָטערירטע פּאָדלאָגעס, אַזוי ווי אַ קעצל און בעט זיך :

— גלעט מיך.

האָט זיך פרוי מערי מיישב געווען און איז אַראָפּגעגאַנגען אַ ביסל אין די גאַסן אַריין. די גאַסן ליגן אָפענע, פרייע, פאַרגאָסן מיט ליכטיקייט און מיט יונגער גרינקייט. פרוי מערי זעט פרישע פּנימער, נייע. זי הערט קלאַפּן הויכע ריטמישע טריט פון פרעמדע פיס. וויל זי, אַז אויך אירע טריט זאָלן קלאַפּן אַזוי נײַ און אַזוי ריטמיש ווי יענע.

האָט זי אָבער דאָס געפיל, אַז אירע פיס ברעכן זיך אַ ביסל אונטער די קניען.

חידושט זי זיך:

— נאָך אַלץ נישט זיכער באַ זיך. באשר זי גייט אַצינד איבער פרעמדע גאַסן און אין אַ פרעמד הויז אַריין. באשר — זי דאַרף באַלד אָנקלינגען אין אַ פרעמדער טיר און ס'דאַרף איר עפענען אַ פרעמדער מענטש. ס'הייסט – אינגאַנצן פרעמד איז איר יענער מענטש נישט. אַ פרעמדער מענטש וועט זיך דאָך נישט אַוועקשטעלן אויף די קניען פאַר איר, דערצו נאָך אין פּאַרק, אויף פייכט גראָז און וועט נישט בעטן, אַז זי, מערי, זאָל אים אַמאָל באַגליקן מיט אַ באַזוך ?

ער וויל נישט, חלילה, זי זאָל קומען אויסשליסלעך צו אים. אויף אַזאַ דרייסטקייט וואָלט ער נישט געוואַגט. ער וויל

נאָר זי זאָל זעען זיינע האַלץ־שניצערייען און זיינע פּאָר־צעליינענע וואַזעס. ער האָט, זאָגט ער, עטלעכע אַלטע קינסט־לערישע אַנטיקן.

איז ווּעמען קאָן דאָס שאַטן, אַז זי, מערי, וועט טאַ־קע אַמאָל אַרויפגיין צום דאָקטאָר־מעדיצין באַקוקן זיינע קינסט־לערשע אַנטיקן?

איז זי אַנומלט געגאַנגען. צום ערשטן מאָל געגאַנגען.

בשעת זי איז דאָרטן געווען האָט זי גאָרנישט געזען. מוז זיין דערפאַר, וואָס זי האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט צוגעוווינען זיך צום געדאַנק, אַז זי איז טאַקע אַהער אַרויפגעקומען. ערשט שפּעטער, קומענדיק אַהיים (עפּעס איז זי אַזוי גיך אַהיימגעלאָפן), האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַלע טירלעך פון אירע קרעדענסן און פון אירע שענק – האָבן זיך אַליין פון זיך אויפגעפּראַלט. אַלע קוקן זיי אויף איר מיט גרויסע, פּע־טע פּנימער און אַלע זאָגן זיי אין אָטעם:

— אַז דו וועסט אַזוי גיין באַקוקן די שניצערייען מיט די וואַזעס – ווער וועט אונז עפענען און צומאַכן? ווער וועט איבער אונז האָבן די השגחה?

– וואָס הייסט ווער? – האָט פרוי מערי באַמערקט, ווי דאָס גיפּסענע פיגורל פון אַלטן וואָלטער קנייטשט דעם שטערן – דרייען זיך דען אַרום גנבים אין שטוב? און וואָס וועט זיי אָפּקומען די אַלע קרעדענסן מיט די שענק – אַז דו וועסט יאָ גיין?

פונדעסטוועגן האָט פרוי מערי נישט געהאַט קיין צייט צו גיין נאָכאַמאָל. זי האָט נישט אָפּגעלייגט פון מאָנטיק אויף דינסטיק און פון דינסטיק אויף מיטוואָך. נאָר זי האָט טאַקע נישט געהאַט קיין צייט. חוץ מזה האָט פרוי מערי אויסגעפונען, אַז מאָנטיק איז איר פּנים געווען אַ קליין ביסעלע צע־קנייטשט. דינסטיק איז איר קאָפּ נישט געווען גוט צוגעשוירן און מיטוואָך האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז הצוריק־לעבן וועט אַהיימקומען אין מיטן טאָג מיט אַ פאַרגרינט פּנים און זאָגן:

– עפּעס טוט מיר ווי דער קאָפּ.

פאַרוואָס זאָל זי נישט זיין אין דער היים, ווען איר מאַן וועט, חלילה, אַהיימקומען מיט קאַפּווייטיק?

ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט פרוי מערי געהאַט אַ גלאַטיק פּנים, אַ פריש־אונטערגעשוירענעם קאָפּ און העניריק־לעבן איז, גאָט צו דאַנקען, געווען פריש און געזונט.

האָט זי זיך גענומען צייט און איז געגאַנגען אויף אַן אמת אַ קוק טון אויף די אַלע האַלץ־שניצערייען און פאָרצע־ליינענע וואַזעס, וואָס דער דאָקטאָר פון קראָקע האָט איר גע־זאָלט ווייזן.

אָבער אויך דאָסמאָל האָט פרוי מערי נישט גוט געזען. ער, דער דאָקטאָר, האָט גערעדט מיט אַ שטיל קול גלייך איר אין פּנים אַריין. ער האָט איר געזאָגט, אַז מער אָפּצערן טאָר זי זיך נישט. אַצינד איז זי פּונקט אין דער מאָס. פרוי מערי האָט גאָרנישט געקאָנט זען. זי האָט נאָר געמוזט הערן. זי וועט דאָך נישט גיין זאָגן — ער זאָל אויפהערן רעדן.

ערשט, אַז זי איז צום צווייטן מאָל צוריקגעגאַנגען — האָט זי געשפּירט — אַז די פיס אונטער די קניען ברעכן זיך נאָך מער. אין קאָפּ איז געשטאַנען אַ סוואָנד. זי האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט צום מיטאָג. זי האָט געהערט רעדן, אַזוי ווי אין אַ צווייטער שטוב. דאָס האָט העניריק־לעבן צוגעבויגן זיך צו איר פּנים:

— ס׳איז דיר עפּעס, מערישי?

— ניין. כ׳בין נאָך מיד אַ ביסל.

— אפשר זיך צולעגנען?

האָט זי אים געהאָרכט. אַ גאַנצן נאָכמיטאָג איז זי געלעגן צוגעלעגנט. אַ גאַנצן נאָכמיטאָג און אַ גאַנצע נאַכט.

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען העניריק־לעבן, האַלטנדיק די נישט־צוגעקנעפּלטע אונטעוועש, האָט זיך אַראָפּגעבויגן אי־בער איר און פאַרזאָרגט געפרעגט:

— איז וואָס־זשע מאַכסטו, מערישי?

האָט זי אַ פיר־געטון מיט דער האַנט איבער זיינע האָר און האָט אים אַ ביסל צוגעצויגן צו זיך.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, האַ, מערישי? — איז דעם פּאַן העניריקס פּנים געוואָרן קײלעכדיק.

— גאָרנישט. פאַרוואָס לאָזט ער נישט קוקן אויף זיך? ער איז דאָך איר מאַן.

— אודאי, הערסטו. נישט מער — ער שרעקט זיך, צי איר איז חלילה נישט עפּעס.

— ניין. וואָס זאָל איר זיין?

— איז גאָט צו דאַנקען...

דערנאָך, אַז העניריק־לעבן איז אַוועקגעגאַנגען אין באַנקהויז אַריין — איז פרוי מערי נאָך געבליבן אין בעט. ס'איז איר גוט געווען אַזוי צו ליגן און צו דערמאָנען זיך אויף קלאָר, וואָס זי האָט, זייענדיק באַם דאָקטאָר, געזען.

דריי שטיבן זענען דאָרט געווען, גרויסע, ליכטיקע. מען איז געגאַנגען פון איין שטוב אין דער אַנדערער. מען האָט געוויזן וואַזעס און שניצערייען.

נאָר די אַלע וואַזעס מיט די שניצערייען זענען געשטאַנען, אַזוי ווי אונטער אַ נעפּל. אין די אויערן אַריין האָט עפּעס געקאַפּיעט. שטיל, זייער שטיל — אַזוי ווי טראָפּנס האָניק. דערנאָך... דערנאָך ווייסט זי אינגאַנצן נישט, וואָס ס'איז געשען. דאַכט זיך, אַז ביידע האָבן אויפגעהערט צו גיין. ס'איז דאָך מער נישט געווען ווי דריי שטיבן.

איצט, ליגנדיק אַזוי באַ זיך אין בעט, דערמאָנט זי זיך. זי האָט עס נעכטן אויך אין זינען געהאַט. אָבער איצט איז עס איר ערשט קלאָר געוואָרן. טאַקע די הענט. דעם דאָקטאָרט הענט זענען אַנדערע, ווי די הענט פון איר העניריק־לעבן. זיי זענען נישט האַריק און זיי ציטערן נישט.

ער, דער דאָקטאָר, זאָגט נישט:

— מערישי, זיי אַזוי גוט...

ער פרעגט נאָר:

— מערי, פונוואַנען ביסטו אַזוי זיס?...

באַלד... וואָס האָט זי אים דאָס געענטפערט? דאַכט זיך— זי האָט אים געזאָגט:

— אַז זי האָט גאָרנישט געוווּסט. אינגאַנצן נישט געוווּסט.
— וואָס אַזעלכעס?
— אַז עס קאָן אַזוי זיין.
— ווי אַזוי?
— אָט אַזוי, ווי ער, דער דאָקטאָר, איז צו איר...
— אַנדערש? בעסער?
— זי ווייסט נישט. דאַכט זיך. נאָר זי וואָלט געוואָלט גוט אָנקוקן די פּאָרצעלייענע וואַזעס.
— מאָרגן, איבערמאָרגן. ס'איז נאָך דאָ אַזויפיל צייט...
היינט גייט פּרוי מערי צום דריטן מאָל. ס'גייט מיט איר מיט די נייע זון, די פרעמדע, ריטמישע טריט. און, דאַכט זיך, אַז אירע פיס ברעכן זיך שוין נישט אַזוי ווי פריער...

די פרימאָרגנס זענען אַלע טאָג געוואָרן ליכטיקער. דאָס מיטאָג בײַ די ליכטנפעלדס האָט זיך אַלע פּאָר טעג פאַרשפּע־טיקט. אָבער פּרוי מערי, אַז זי האָט צוגעזאָגט — האָט זי דאָך נישט געקאָנט נישט קומען.
הענריק־לעבן האָט אויפגעהערט צו זיצן מיטן זייגער אין האַנט. אויפגעהערט וואַרטן אויפן ווייב. ער איז אומישנע געקומען אויף מי־טאָג שפּעטער — ער זאָל מערישי שוין טרעפן אין דער היים.
הענריק־לעבן האָט געזען, אַז זיין ווייב איז יינגער גע־וואָרן. עפּעס העכער, צוגעלאָזטער.
— אַז דו ביסט גאָר אַן אַנדערע געוואָרן — האָט ער פייכט געשמייכלט.
— וואָס הייסט אַן אַנדערע?
— נו, אַן אַנדערע... כ'מיין...
— און ביסט שוין נישט בייז?
— כ'בין דען בייז געווען אַמאָל?
— און די זיידענע העמדער?
— פאַרקערט.

גייען אַזוי כסדר האַלב־גאַוועדיקע, האַלב־פאַרטונקלטע

שמועסלעך. פאַן הענריק ציט אין זיך אַ נייעם ריח, אַ שאַרפן, אַ פרעמדן. טיילמאָל, ווען דער ריח איז שוין צו שאַרף און צו פרעמד פרעגט פאַן הענריק:

— מערישי, עפּעס אַזאַ ריח?... האָסט קיינמאָל אַזוי נישט געשמעקט.

ענטפערט מערישי אין דער ראָז-מאַטער טונקלקייט אַריין פון שלאָפצימער:

— מן-הסתם פון די העמדער, פון די זיידענע...

— מעגלעך — פאַרשטייט פאַן הענריק.

ער פאַרשטייט היינט אַ סך זאַכן, דערדאָזיקער פאַן הענריק. נישט מער — עס חידושט טיילמאָל — פאַרוואָס די טירלעך פון די קרעדענסן און פון די שענק האָבן מימאַמאָל אויפגעהערט צו קרעכצן. פאַרוואָס קרומט זיך כסדר דאָס פּנים פון אַלטן וואָלטער. פאַרוואָס איילט זיך זיין בחורל, קאַזשיק, אַזוי גיך צו גיין שלאָפן און פאַרוואָס ווערט ער פון טאָג צו טאָג בלאַסער.

— ס'מוז דאָך עפּעס זיין, מערישי?

— וואָס זאָל זיין? ער וואַקסט.

מאַ, זי איז דאָך אַ מאַמע, זי ווייסט.

באַטאָג האָבן טאַטע-מאַמע נישט קיין צייט. באַנאַכט שלאָפן טאַטע-מאַמע. ווייסן זיי נישט, אַז אין דערבייאיקן צימער, ווו דאָס ברודערל מיטן שוועסטערל האָבן זייערע בעטלעך — שטייט טיילמאָל אין מיטן דער נאַכט קאַזשיק אויף דער הוילער פּאָדלאָגע. ער שטייט אין קורצן העמדל פאַרן בעטל פון זיין שוועסטער און האָט אין זינען, ווי אַזוי זיין מאַמושע האָט זיך דאָס אַמאָל איבערגעבויגן באַם שפּיגל און ער, קאַזשיק, האָט עפּעס דערזען...

טאַטע-מאַמע ווייסן נישט, אַז דאָס בחורל קאַזשיק האָט אויך אין זינען יענץ מאָל, ווען זיין מאַמעס בריסטן האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף די קלאַפּעס פון פרעמדן פאַן דאָקטאָר.

כּדי דאָס אַלץ קלאָר צו זען — ווערט באַם בחורל קאַ-

זשיק ס׳קעפּל אַ ביסל אויסגעבויגן. ס׳מיילעכל — קיילעכדיק און פון דער זייט רינט אַ שמאָל שנירעלע שפּייעכטס.

ס׳איז פינסטער. ס׳וועט דאָך נישט גיין עמעצן איינפאַלן אַ קוק צו טון. בלויז די דינסט, וואַשנדיק פון צייט צו צייט די וועש, האָט אין זינען דאָס ברודערל אירס, וואָס איז גע־שטאָרבן. זי האַלט קאַזשיקס אַ העמדל. טינקט עס איינמאָל אין וואַסער און נאָכאַמאָל אין וואַסער און קוועטשט מיט די אַקס־לען:

— וואָס וועט זי דאָ גיין דערציילן? אַז סיי ווי סיי זאָגט די פאַני, אַז זי, די דינסט, איז אַ משוגענע.

מילא...

בּ י י ם י ם

נאָך האַלבן טאָג איז דער ים געלעגן אַן איינגעשרומפּענער, אַ גרוי-פאַרברודיקטער, אַזוי ווי אַ געריננצלטע, לייוונטענע פלאַכטע. אין דער מיט האָט ער קיילעכדיק אַרויסגעשטופּט דעם רוקן, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט בדעה אַריינצוּנעמען אין זיך אַ וואָס גרעסערן שטח אָטעם. באַ די זייטן איז ער שיף אַראָפּגעפאַלן, אַזוי ווי ריפן פון אַ חיה, וואָס וואַרפט שוין אַרויס פון זיך דעם אָטעם.

באַם ראַנד פון קעגנאיבערדיקן הימל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אין די וואַסערן אַריין, ווי אַ געדיכטער טיול — האָט זיך געצייכנט אַ קליין, האַלב-פאַרנעפּלט פּינטל, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ גייענדיקע שיף.

דער ברייט-געפלאַסטערטער שטראַנד איז איצט געשטאַנען אַ האַלב-ליידיקער, אַ קילער. אויף די טעראַסן פון די קאַפעהייזער, זענען ווו נישט ווו געזעסן איינציקע קור-געסט, אַרומגענומען מיט וואַרעמע טיכער און געזופּט מיט ישוב-הדעת טונקעלע קאַווע פון הויכע דיק-געשליפענע גלעזער, וואָס האָבן דערמאָנט אָן בעכער צו וויין.

אונטן באַ די קאַבינעס, וואָס האָבן דערמאָנט אָן געדיכט-צעשטעלטע בינשטאָקן — האָבן זיך אויסגעזעצט גרויסברוסטיקע פלעמישע ווייבער — קאַלטע מיט פאַרשפּיצטע אָפּגעצערטע קינבאַקן. זיי האָבן גיך און האַרט געדרייט מיט די מיילער איינע אין דער אַנדערער אַריין און פון צייט צו צייט אַרויסגעריסן די פּנימער צום שטראַנד און גערופן מיט אַ פאַרשנאָפּלטן ניגון:

— מ׳סיע, מ׳דאַם! באַד-קאָסטיומען צו פאַרדינגען, באַד-קאָסטיומען...

פון זייטיקע, נידעריק-באַמויערטע געסלעך, פון וואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן אַ קאַלטער ריח פון אָפּגעשטאַנענע פיש און פון טראָן — איז אַלע פּאָר מינוט אַרויסגעקומען אַ פאַרפאָלק — הויכע, אַזוי ווי אויסגעשאָסענע, שטייפע, געלאַסענע. ער — ריין-אויסראַזירט מיט אַ פאַרשפּיצט פּנים, מיט אַ פייקע

אין אַ ווינקל פון מויל. זי — דאַר, ביינערדיק־אויסגעצויגן, גרינלעך אין די ווינקלען פון די אויגן.

ס׳האָט געקאָנט זיין אַרום פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג. צוזאַמען מיט די געלאַסענע פאַר־פעלקער האָט זיך פון אַ לעצט געסל אויסגעשיילט אַן אָנזעעוודיק געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס איר באַגלייטער איז געווען נישט קיין מאַן מיט אַ פייקע אין מויל, נאָר אַ קליין, ווייס קודלאַטע הינטל מיט אַ בלוי שלייפל אויפן האַלז.

די פרוי האָט געפירט דאָס הינטל אויף אַ בלויע, אין דרייען־געוויקלטע זיידענע שנור. אַליין איז זי אויך געווען אָנגעטון בלוי. אַ טיף־גראַנאַט אויסגעפּאַסט קלייד. שמאָל און פאַרמאַכט — האָט עס זיך אַזוי ווי צוגעקלעבט צום לייב און בולט אויסגערונדיקט באַזונדערע טיילן פון קערפּער. איבער די אַקסלען האָט זי געהאַט פאַרוואָרפן אַ ווייס, וואַרעם מענטעלע, וואָס האָט זיך צעבוזמען, ווען דעם ווינטל האָט זיך פאַרוואָלט באַהאַלטן זיין פּנים אין דער וואָלענער וואַרעמקייט.

איבערן שטראַנד איז די פרוי געגאַנגען הויך מיט קלינגענדיקע, דרייסטע טריט. דאָס קודלאַטע הינטל האָט זיך ווייך נאָכגעקאָלערט אויף קורצע פיסלעך. פון מאָל צו מאָל איז עס אויף אַ ווײַלע הינטערשטעליק געבליבן. דעמאָלט האָט די דאַמע, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, אַ צי געטון באַ דער בלויער, אין דרייען געוויקלטער זיידענער שניר און איז ווייטער געגאַנגען.

די שווייגנדיקע, געזעצטע קור־געסט — ס׳רוב ענגלענדער — האָבן אַרויסגענומען די פייקעס פון די מויל־ווינקלען. די ביינערדיקע ווייבער האָבן פאַרשאַרצט די שטערנס און צוגעטראָגן צו די נעז אויפגעעפנטע לאָרניאָנס.

מוז זיין, אַז ס׳האָט זיי צוגעצויגן נישט אַזוי ווייט דאָס גראַנאַט־אויסגעפּאַרעמטע קלייד און נישט אַזוי די הויכע, דרייסטע טריט, ווי דער אויסטערלישער קאָפּ פון דער פרעמדער.

נישט גאָלדיק און נישט בלאָנד, נאָר ווייס איז ער גע־

ווען, דער קאָפּ. ווייס אַזוי ווי פלאַקס. ערטערווייז פאַרשאָטנט מיט אַ זילבערנעם שימער, אַזוי ווי דער אָפּגלאַנץ פון אַ שטיק לבנה באַנאַכט אויפן וואַסער. די האָר — צוזאַמענגענומען שמאָל, גלאַטיק ביז אין די העלפט פון די אויערן. הינטן באַם קאַרק האָט זיך דער קאָפּ פאַרענדיקט מיט אַן אָוואַל-פאַרוויקלטן גרעק. אין דער מיט קאָפּ — אַ שרינט, אַזוי ווי באַ דאָרפישע שיקסלעך.

אויפן שטראַנד איז זי אין דער איצטיקער שעה געווען כמעט די איינציקע, וואָס האָט דערהערט דאָס רופן פון די ברייט-ברוסטיקע פלעמישע ווייבער:

— מ׳דאַם. באַד-קאָסטיומען צו פאַרדינגען, באַד-קאָסטיומען...

דורך די שטיגן, וואָס האָבן אַראָפּגעפירט צו די קאַבינעס — איז די פרעמדע, נעמענדיק דאָס הינטל אונטערן אָרעם, אַראָפּגעגאַנגען.

אַ פלעמערין מיט פאַרשאַרצטע עלנבויגנס האָט זיך העפלעך פאַר איר פאַרנייגט און אָנגעוויזן אויף אַן אָפענע קאַבינע. ס׳האָט געדויערט אַ ווײַלע, ביז די דאַמע מיטן הינטל זענען צוריק אַרויס. זי — אין אַ באַד-קאָסטיום פון דער אייגענער פאַרב, וואָס דאָס קלייד אירס. דאָס הינטל — אָן דעם שלייפל אויפן האַלדז און אָן דער זיידענער, געוויקלטער שנור.

אַ ציטערדיקס מיס אַ פייכט-צעשפּרייט נעזל האָט דאָס הינטל רחמנותדיק אַרויפגעקוקט צו זיין האַרין. די האַרין איז אַ מינוט געשטאַנען מיט צענומענע הענט, אַזוי ווי מיט גרויסע אין דער ברייט צעשפּרייטע פליגל.

מיט אַ רגע שפּעטער האָט זיך איר הויכער גוף אויסגעצויגן האַלב-רונדיק, אַזוי ווי אַ פאַלנבויגן. די הענט האָבן אויסגעשאָסן פאָרויס און ס׳האָט זיך צעשאָטן אַ פליוך אין די געקאַרבטע שטיקער וואַסער אַריין.

דאָס הינטל האָט זיך מיטגעריסן. אָבער דערשפּירנדיק אַ קעלט אונטערן פעלעכל, האָט זיך עס האַסטיק צוריקגעצויגן. אָפּגעשאָקלט זיך אין דער ברייט איינמאָל, נאָכאַמאָל און אויס-

דרייענדיק די צענומענע נאָז־לעכער אויף די וואַסערן אַרויס — האָט עס זיך צעבילט.

פון ים האָט זיך אויפגעהויבן אַ קאָפּ, פאַרהילט אין אַ גומען קופּקעלע. אַ צעלאַכט פּנים האָט געגרופן:

— שפּיץ, שפּיץ!...

שפּיץ האָט זיך נאָך העכער צעבילט. אָבער נאָכאַמאָל אונטערטיקן זיך — האָט ער שוין נישט געהאַט בדעה.

דער מענטש, וואָס איז היינט אינדערפרי אַהערגעקומען האָט שוין געהאַט ווייסע אָדערלעך אין די פּאות און ווייסע אָדערלעך אין די וואָנסעס. ער האָט פאַרנומען אַ צימער אין האָטעל מיט אַ פענסטער אַרויס אויפן ים. דער טאָג איז היינט געלעגן אַ פאַרנעפּלטער, אַ בלינדער. האָט דער מענטש, זעענדיק די קור־געסט אין וואַרעמע טיכער, חרטה געהאַט — צו וואָס ער איז דאָ אַהערגעקומען.

איצט, נאָך האַלבן טאָג — אַן אויסגערוטער פון פאַרן, איז ער געשטאַנען אויפן באַלקאָן פון זיין צימער און געקוקט אין דער ווייטער ליידיקייט צווישן הימל און ים.

דער באַלקאָן איז געהאָנגען אַ לאַנגער, אַ נידעריק געזעצטער, אַזוי, אַז ווען אַ מענטש איז אויף אים געשטאַנען איז די הויכקייט זיינע דערגאַנגען נישט העכער, ווי איבער די קניען. דער באַלקאָן האָט אַרומגענומען מיט זיך עטלעכע פענסטער פון שכנותדיקע צימערן. יעדעס צימער האָט פאַרמאָגט אַ שטח נישט מער. ווי אויף צוויי דריי מענטשן. יעדער שטח איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ געמויערט ווענטל נישט העכער ווי די אויבערפלאַך פון באַלקאָן.

דער הימל האָט זיך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט אויף די וואַסערן. דער ים איז געוואָרן געדיכטער, איינגעצויגענער. ער האָט זיך איבערגעוואָרפן וואָס אַמאָל שווערער, פוילער, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַלטן באַם פאַרגליווערט ווערן.

די דאַמע, וואָס האָט זיך מיטגעוואָרפן מיט די וואַסערן איז אַרויס אויפן זאַמד. די באָד־פרוי האָט זי פאַרוויקלט אין

אַ לאַנגן, וואַרעמען מאַנטל. דאָס הינטל האָט זיך גיך, אַזוי ווי אַן אויפגעשטעלט קנוילעכל — געדרייט אַרום די נאַסע פיס פון זיין האַרינטע.

דער מענטש אויפן באַלקאָן האָט טיף געצויגן דעם רויך פון פּאַפּיראָס. אַרויסגעלאָזט אים שטיקלעכווייז דורך אַ ווינקל פון מויל און געטראַכט, אַז ס׳איז דאָ לאַנגווייליק, זייער לאַנגווייליק. און אויב מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן וועלן אויך אויספאַלן אַזעלכע טעג, ווי היינט. פאַרפּאַקט ער זיין קופערט און פאָרט אַוועק.

באַנאַכט, ווען ער איז געלעגן צווישן פריש־איבערגעצויגן בעטגעוואַנט און געדרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער — איז ער שוין זיכער געווען, אַז מאָרגן פאָרט ער טאַקע אַוועק.

ער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען, נאָר אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איבער אַ וואַנט — צי פון לינקס, צי פון רעכטס — רעדט ווער צו עמעצן. אָט שטעלט זיך אָפּ דאָס קול. אַ שפּאָרע ווײַלע שטיל. פון דער שטילקייט אַרויס שניידט זיך אַ מאַט, פאַרטויבט, אָפּגעהאַקט ניגונדל. ער האָט דאָס געפיל, אַז אַרום אים וויינט מען.

ער איז אַראָפּ פון געלעגער. אויפגעדרייט דאָס ליכט. אָפּגעבויגן אַביסל דאָס באַלקאָן־פענסטער. אויף יענער זייט איז די נאַכט געלעגן אַ בלינדע. פון אונטן האָט זיך אַרויפגעטראָגן אַ האַסטיק, אײַלנדיק שטראָמען. מינוטנווייז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער ים האָט זיך דאָרט אין דער פינסטערניש פאַרכלינעט. אַז דאָס זשלאָקעט ער אַזוי מיט אַזאַ אימפּעט און האָט נישט קיין צייט דעם אָטעם צו כאַפּן.

ערגעץ ווייט איבערן פינסטערן געריוש האָבן זיך איבערגעוווּנקען צוויי אויגן — אַ גרינס מיט אַ רויטס. ס׳האָט געצויגן אַ נאַסער ווינט און איבערגעלאָזט אויפן גומען אַ געזאַלצענעם, ביטערלעכן טעם.

דער מענטש האָט צוריק צוגעלענט דאָס פענסטער. דאָס

געררויש פון דרויסן איז צו קיין געוויין נישט ענלעך געווען. ער האָט צוריק פאַרדרייט דאָס ליכט. די שוואַרצקייט פון דרויסן האָט זיך אײַנגעאַנצן באַהאַלטן אין קליינעם צימער.

ער האָט זיך אויפסניי פאַרוויקלט אין דער קאָלדרע. אין איין אויער האָט ער געהאַט די צערווישטע נאַכט פון דרויסן. און אין צווייטן האָט אַזוי ווי געצײַלטע טראָפּנס — ווידער גענומען קאַפּען דאָס אָפּגעהאַקטע, ווײנענדיקע ניגונדל.

דאָס ניגונדל איז געגאַנגען פון דער אייגענער וואַנט, וווּ זיין בעט איז געשטאַנען. ס׳האָט זיך אײַנגעגעסן אין דער וואַנט אַרײַן וואָס אַמאָל טיפער. ער האָט געהערט אַ בולט מענטשלעך שליוכצן.

און אויך צוליב דעם פאַרט ער מאָרגן פון דאַנען אַוועק.

אינדערפרי, כמעט נאָך ווי פאַרטאָג, ווען דער מענטש האָט אויפגעעפנט די טיר פון זיין באַלקאָן-פענסטער — האָט אים אַ שלאָג-געטון אין פּנים אַ גרויסע, צעשמאָלצענע זון, אַזוי ווי אַ קופּערנער טעלער. אָן אויפגעעפנטע האָט זי זיך גע־שווענקט אין די קאַרבן פון אויפגעשטאַנענעם ים.

אויף אַ מהלך ווייט — אײַנגאַנצן לײדיק. בלויז זון און וואַסער. אויפן ים - געשניטענע בייטן — באַשפּריצט: אַמאָל מיט פאַרטונקלטע פונקן פון קופּער, אַמאָל בלאַס-סעלעדרין און אַמאָל פעט-גרין, צעשמירט. די בייטן וויקלען זיך, אַזוי ווי צעאַקערטע שטיקער פעלד איינס איבערן אַנדערן. איינס אין אַנדערן אַרײַן, אַזוי ווי הויך געראָטענע תבואה.

דער מענטש איז געשווינד אַרויס פון צימער. נאָך גע־שווינדער אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן. און איידער די זון האָט צייט געהאַט צו לעשן איר העלישע היץ — איז ער שוין געלעגן אויף די וואַסערן און געאָטעמט אין זיך זייער געזאַל־צענעם, ביטערלעכן טעם.

ס׳איז געווען שיטערלעך. צוויי יונגע דאַמען. אַ בחורל

פון אַ יאָר פופצן און אַן עלטערער ענגלענדער מיט אַ גרויען קאָפּ.

דער נעכטן-געקומענער האָט ברייט צענומען די הענט, ס׳האָט אויסגעזען, אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט נאָך שטח.

ער איז געשווומען מיט אַ סדר. די הענט, אַזוי ווי לאָפּאַטעס האָבן זיך געלייגט ריטמיש פון איין שטיק וואַסער אויפן אַנדערן אַרויף. אָפּגעשווומען אַ שטיק—האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַרומגעקוקט. אין דער הויך האָבן געפּאַטשט פליגל פון מעוועס, דורכגעהאָפּטן מיט רויטער זוניקייט.

הינטער די פּלייצעס פון נעכטן-געקומענעם האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ פּליוך. מיט אַ האַלבער מינוט שפּעטער — אַ דינער, אָפּגעהאַקטער הינטישער ביל. דער מענטש האָט האַסטיק אויסגעדרייט ס׳פּנים. אויפן זאַמד — אַ ווייס, פולכנע הינטל, וואָס וואַרפט מיטן קעפּל אויף די וואַסערן אַרויף. צו אים, צום מענטש, שווימט אַ לאַנגע גרויסע זאַך. די זאַך פאַרקערעוועט זיך אַביסל אָן אַ זייט און שטעלט זיך אויף

אַ פרוי. זי ציט אָפּ מיט ביידע הענט דאָס וואַסער פון פּנים און מיט אַ מויל צעלאַכטע ציין רופט זי צום ברעג:

— שפּיץ, קאָם הער!

אָבער שפּיץ האָט זיך הינטערווייַלעכץ אָפּגערוקט אויף עטלעכע טריט און נאָכמער צעשאָקלט זיך אַהין, ווו זיין האַרין איז געשטאַנען.

די פרוי האָט זיך אויפסניי אַרויפגעלייגט אויפן וואַסער. דער מענטש האָט זיך צוגעקוקט צום גערינצלטן שטראָם, וואָס האָט זיך נאָכגעצויגן נאָך יענערס פיס.

זיי זענען געשווומען נישט ווייט איינער פון אַנדערן. פון צייט צו צייט האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן פון וואַסער אַרויס, אַוועקגעשטעלט זיך און שטומערהייט געקוקט אויף זיך.

פון אַ זייט האָט ער געזען אַ לענגלעך האַלב-אָוואַל פּנים. אַ ברייטן, אָפּענעם שטערן. אויגן העלער, ווי בלוי. זיי פאַרמאַכן זיך נישט מער, ווי ביז אין דער העלפט. הענט

ברוינע, קיילעכדיק-געצערטלטע. אַקסלען — עטוואָס אַראָפּ-געלאָזטע.

זי קוקט אָפן. זיין לייב גלאַנצט מיט אַ טרוקענער ריינקייט. ס׳איז אָנגעשטרענגט, שטאַרק-געבויט. פון אַ שוואַרץ איינגערעמט בערדל קוקט אַרויס אַן אָליוו, פאַרטראַכט פּנים. אויפן קלאָרן שטערן גלייך איבער דער נאָז — אַ האַלב-רונדי-קער, בולטער קנייטש, אַזוי ווי אַן איינגעפּוגעוועטער אָדער. די האָר שוואַרצע הענגען קאַפּריזנע אין די אויגן אַריין.

דאָס הינטל אויפן זאַמד דאָרט האָט זיך אויפסניי גע-לאָזט הערן.

— שפּיץ — האָט זיך די דאַמע דערמאָנט — שפּיץ, קאָם הער!

אָבער שפּיץ האָט ווידער נישט געפאָלגט. דעמאָלט האָט זיך די פרוי אויפסניי אויסגעצויגן אויפן וואַסער און גענומען שווימען צום ברעג.

דער פרעמדער איז מיטגעשוווּמען. ער איז אַרויס פריער אויפן זאַמד. שטילערהייט איז ער אונטערגעקומען דעם הינטל פון אַ זייט, אַ כאַפּ געטון עס אונטערן בייכל און נישט קוקנ-דיק, וואָס דאָס ווייסע נפשל האָט זיך געריסן, האָט ער עס אַריינגעטראָגן אין ים.

— פּאָזשאַלויסטאַ — האָט ער עס דערלאַנגט דער דאַמע.

אירע האַלב-געעפנטע אויגן האָבן פאַרשאָטנט געשמייכלט אין די ווינקלען:

— דאַנקע שען!

אַרום ניין אַ זייגער איז שוין די זון געשטאַנען איבערן ים אַ ווייסע. די טעראַסן פון די קאַפע-הייזער זענען פול געווען מיט געסט. ס׳האָט זיך געטראָגן אַ רוישיק, גאָרגלדיק גערעדעריי, באַגלייט פון אַ שטיל-צעשפּילטן קוואַרטעט.

דער פרעמדער, וואָס האָט זיך געהאַט אויסגערוט נאָך דעם פרימאָרגנדיקן באָד, איז איצט אַרויס אויפן באַלקאָן. ער

האָט צוזערשט געוואָלט אַ קוק טון, וואָס עס הערט זיך אויפן שטראַנד און גלייך דערנאָך אַראָפּגיין פרישטיקן אין אַ קאַפע-הויז.

אָבער גלייך, ווי זיין הויכע פיגור האָט זיך אויסגעשניטן אויפן באַלקאָן — האָט ער דערהערט פון אַ זייט אַ קורצן, אָפּגעהאַקטן ביל. ער האָט אויסגעדרייט ס׳פּנים לינקס און דערזען אויפן אייגענעם באַלקאָן, האַרט נעבן נידעריקן ווענטל, וואָס האָט אָפּגעטיילט איין פענסטער פון צווייטן — די היינ-טיקע דאַמע פון ים.

דאָס הינטל האָט אונטערגעהויבן דאָס געזעסל פון דער שטול, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעשפּאַרט און נאָכאַ-מאָל, מיט מער שאַרפקייט, אַ ביל געטון צום פרעמדן.

— שפּיץ, רויק! — איז די האַרין זיינע שטיין געבליבן מיטן מעסער איבער אַ זעמעלע.

דער פרעמדער איז רויט געוואָרן. דער קנייטש איבער דער נאָז זיינער האָט זיך טיפער איינגעפּוגעוועט אין שטערן.

איצט האָט די דאַמע געטראָגן אַ העל-בלוי זיידענעם מאָרגן-מאַנטל, אַרומגעזוימט באַם דעקאָלט מיט האָריק, ווייס פוטער.

דער פרעמדער האָט זיך אַזוי ווי אָן זיין ווילן פאַר-נויגט און אַרויסגעבורמעט מיט אַ טיפער, ברוסטיקער שטים:

— זדראַסטוויטיע!

— גוטן מאָרגן! — האָט זי זייער ערנסט צוריקגעענט-פערט.

שפּיץ איז שוין איצט געזעסן אַ שטילער. ער האָט נאָר געמרוגעט מיט די קיילעכדיקע, פייכטע אויגן און פון צייט צו צייט אַ זופּ געטון מיט די נאָז-לעכער.

— וואָהנען זי היער? — האָט די דאַמע אַ מיש געטון מיט אַ לעפעלע אין אַ הויך גלאָז קאַווע.

דעם פרעמדנס פּנים האָט זיך פאַרקנייטשט. ער האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויפן פרויען-מויל, אַזוי ווי אַ טויבער, וואָס וויל כאַפּן די פאָרם פון די ווערטער.

— שפּרעכען זי דויטש? — האָט זי אויפגעהויבן אויף אים אירע האַלב-געעפנטע אויגן.

— ניע פּאָנימאַיו — האָט ער הילפלאָז אַ בויג געטון דעם קאָפּ אויף אַ זייט און פיינלעך צענומעןביידע הענט.

די דאַמע האָט איינגעביסן צוויי שורות ציין אין אַ פריש אָנגעשמירט שטיק געבעקס און קייענדיק אויפסניי געפרעגט:

— פּאַרלע ווו פראַנסע?

— אוי! — האָט זיך דעם פרעמדנס קאָפּ אַ שאָקל געטון. און אין איין רגע איז דער טיף-איינגעפּוגעוועטער קנייטש אויפן שטערן אויפגעטייעט געוואָרן — כ׳פאַרשטיי אַביסל פראַנצויזיש.

— אויב אַ ביסל, וועלן מיר זיך שוין פאַרשטענדיקן.

— אַ ביסל, אַ ביסל – האָט ער גערעדט, אַזוי ווי אַ שולדיקער.

— זענט איר שוין לאַנג אין אָסטענדע?

ער האָט זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צום קלאַנג פון די ווערטער. די דאַמע האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט.

— נעכטן געקומען — האָט ער ערשט איצט פאַרשטאַנען.

ס׳האָט ווידער געדויערט עטלעכע מינוט. זי האָט ווידער איבערגעחזרט און צוגעגעבן דאָס וואָרט — נאַסיאָן.

— ריס! — איז געפאַלן אַ קורץ-אָטעמדיקער, פריידיקער קלאַנג.

שפּיץ האָט אַ גאַנצע צייט געזופּט מיטן פייכטן, צעפלאַטשטן נעזל און געמרוגעט מיט אַ פּאָר קאַלטע אויגן. נאָר דערהערנדיק אַזאַ קורצן אָפּגעהאַקטן — ריס — האָט ער אויפגעבלאָזן ס׳פּעלעכל און צעבילט זיך צוויי מאָל.

— וואָס איסט דען דאָס, שפּיץ!? — האָט זיין האַרין אָנגעשטעלט אויף אים אַ פאַרמאַכט פּנים.

דאָס נפשל האָט צוריק איינגעצויגן ס׳פּעלעכל.

דעם אייגענעם פאַרנאַכט האָבן אַלע דריי שפּאַצירט אויפן שטראַנד. ער, זי און דאָס הינטל. די זון האָט זיך אַראָפּגע-לאָזט אין וואַסער אַריין אַ פאַרבלוטיקטע.ביידע מענטשן זענען געגאַנגען איינער נעבן אַנדערן און מער געברומט, ווי גערעדט. אויף דער גראַנאַטענער, אין דרייען-געוויקלטער זיידענער שנור האָט זיך נישט ניחאדיק נאָכגעקאָלערט שפּיץ.

צי ער איז געווען מיד, דער הונט, צי אים איז גלאַט באַפאַלן אַ מרה-שחורה, נאָר אויסגעזען האָט ער, אַזוי ווי ער וואָלט איינגעדאַרט געוואָרן איבערן טאָג. ס׳קעפּל שווער אַראָפּ-געהאָנגען. דאָס ווידעלע פאַרשטעקט צווישן די הינטערשטע פיסלעך, אַזוי ווי אַן איבעריקע זאַך.

ביידע מענטשן האָבן פאַרגעסן, ווייזט אויס, אַז עס שלעפּט זיך זיי נאָך אַן עלנט נפש. עטלעכע מאָל האָט שפּיץ אָפּגעקרעכצט. אָבער אַהין דאָרט אויבן, וווּ די צוויי קעפּ האָבן זיך אַזוי געשאָקלט איינער נעבן אַנדערן — איז דאָס הינטישע אָפּקרעכצן נישט דערגאַנגען.

האָט ער זיך, מוז זיין, פאַרטראַכט, דערדאָזיקער שפּיץ. און ווען זיין האַרין האָט איינמאָל אויסגעצויגן אַ האַנט אויפן ים אַרויס — האָט זיך דער הונט פּלוצלינג פאַרקייכט לאַנג, שפּיציק — אַזוי ווי עס וואָלט אים אָנגעכאַפּט אַ בהלהדיקע צאָן-ווייטיק.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט די דאַמע אָוועקגעכאַפּט די האַנט פון אויפן ים אַרויס, האָסטיק אַראָפּגעבויגן זיך און זעענדיק, ווי דאָס נפש קנוילט זיך באַ אירע פיס, האָט זי עס אויפגעהויבן און אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— שפּיץ, ליבער, נו, זאָגע, וואָס האָט פּאַסירט? — האָט זי געשנאָבלט די ליפּן.

דער הונט האָט זיך געטוליעט צו דער וואַרעמער האַנט, וואָס איז געגאַנגען איבערן פּעלעכל. בשעת מעשה געציטערט אַזוי ווי אַ יתום, ווען מען נעמט אים אַריין אין אַ וואַרעמער שטוב.

— נו, רויק, קליינער, רויק...

— ער האָט מיך זייער ליב — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום, ווען שפּיץ האָט זיך איינגעשטילט — אויסגעדרייט ס׳פּנים צום באַגלייטער. אַזוי ווי אַן אייגן קינד האָט ער מיך ליב. איר האָט ליב קינדער? — איז איר שטימע געוואָרן מיט אַמאָל מאַט.

— יאָ...

— און איר אַליין האָט קינדער?

— ניין.

ס׳איז געוואָרן שטיל. דער באַגלייטער האָט געוואָלט אָנ- טון אַ נחת-רוח זיין נייער באַקאַנטער — האָט ער אויסגעצויגן אַ האַנט און געפּרוווט אַ פּיר טון איבערן הינטישן פעלעכל.

אָבער דאָס קליינע גופל האָט זיך פלוצלינג אויפגעבלאָזן און אַרויסגעוואָרפן פון צווישן די ציין גלייך אין דעם פרעמדנס האַנט אַריין אַ בייזן ביל.

— נו, נו — האָט די דאַמע געוואָרנט מיט אַ פינגער — דו שלימער קערל.

אין דער אייגענער נאַכט איז דער רוסישער מענטש גע- זעסן באַ זיך אין בעט און איינגעהערט זיך. די אויגן האָבן געוואַכט אין האַלבן דרימל. ער האָט דורך די אויגן-שפּאַרעס געזען אַ פאַרברוינטע זון איבערן ים, אַ הינטיש פעלעכל, אַ מויל ווייסע ציין און צווישן דעם אַלעמען פאַלן איינציקע, קורצע מענטשלעכע שליוכצן.

דאָס געהער איז געוואָרן דריי מאָל דינער, ווי ס׳איז געווען. נישט אַנדערש, איבער דער וואַנט האָט געשליוכצט די נייע באַקאַנטע.

צומאָרגנס האָט זיי נאָכאַמאָל אויפגעוועקט די זון. נישט באַשטעלט זיך, נאָר אַליין פון זיך נאָכאַמאָל געטראָפן באַם ים.

— זענט איר גוט געשלאָפן? — האָט זי געפרעגט אויף דייטש און די ערשטע אויסגעצויגן די האַנט צו אים.

באַלד אָבער האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט און איבערגעחזרט די אייגענע פראַגע אויף פראַנצויזיש.

— יאָ, יאָ — האָט ער גיך געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט איר טיף אין פּנים אַריין:

— זאָל זי דאָס האָבן געוויינט באַנאַכט?

זיי האָבן זיך ווידער אַ שיף־געטון אויף די וואַסערן. דאָסמאָל — צוזאַמען. ביידנס פּנימער זענען געווען צענומען פון געלעכטער און פון הויך רעדן. ביידנס לייבער זענען געשוואומען איינס נעבן ס'אַנדערע, אַזוי ווי גרויסע ברוינע פיש.

אויפן ברעג האָט געוואַרט שפּיץ. היינט האָט ער נישט געבילט. ער האָט נאָר געדרייט מיטן וויידעלע און פון צייט צו צייט אויפגעעפנט אַ מויל, אַזוי ווי ער וואָלט געגענעצט.

איז איינמאָל געווען אַן אויפדערנאַכט. דער ים' איז געגאַנגען אַ מידער. עלטערע קור־געסט האָבן זיך געטוליעט אין וואַרעמע טיכער און ביסלעכוויז געצווּמען פאַרלאָזן דעם שטראַנד. יונגע מענטשן האָבן הויך געקלאַפּט מיט די שיך איבערן שטיינערנעם טראָטואַר. פון קאַסינאָ־הויז האָט אַרויסגעשריגן אַ צעפּראַלטע ליכטיקייט, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן באַם ברעג פון וואַסער.

די צוויי נייע באַקאַנטע האָבן זיך געוויגט צוזאַמען מיט נאָך יונגע מענטשן. זייערע טריט אָבער זענען געווען איינגעהאַלטענער. די שטימען — געפּרעסטער. צווישן זיי האָט זיך געקנוילט דאָס ווייסע פּעלעכל פון שפּיצן.

פון מאָל צו מאָל האָט די דאַמע אויסגעדרייט דאָס פּנים צו איר באַגלייטער און מיט אַ וואַרעמער, האַלב־צעשטיפּטער שטים געזאָגט:

— אַלזאָ, זאָגן זי, ביטע: איך ליבע דיך... איך ליבע דיך...

דער רוס האָט געפּרוווט נאָכזאָגן. אָבער די ווערטער זענען אין מיטן געבליבן שטיין, אַזוי ווי רעדער, ווען מען פאַרלייגט צווישן זייערע שפּריכן אַ שטעקן.

די דאַמע האָט הויך און קלינגענדיק געלאַכט און טיפער זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם מענערישן אַקסל.

— וויסן זי וואָס דאָס איסט? — האָט זי אויסגעשנאָבלט דאָס פּנים.

— ניע פּאָניעמאַיו — האָט ער געשמייכלט און הילפלאָז געדרייט מיטן קאָפּ.

— וואָס זאָגט איר? — האָט זי אים געפרעגט אויף פראַנצויזיש.

פון זיין האַלב-צעבראָכענעם ענטפער איז זי געוואָר געוואָרן, אַז ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען.

— אַזאַ גרויסער און פאַרשטייט גאָרנישט — האָט זי גע-צערטלט די פראַנצויזישע ווערטער.

שפּיץ האָט זיך פּלוצלינג געגעבן אַ וויקל אַריין צווישן זיי. ער האָט גענומען רייבן זיין פעלעכל באַביידנס פיס און צאַפּלענדיק, האָט ער אַזוי ווי אונטערגעהוסטלט.

— שפּיץ פאַרשטייט יאָ — האָט די דאַמע ברוגזלעך געזאָגט אויף דייטש און אַרויפגעשאַרצט די ווינקלען פון די ברעמען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך שוין אָנגערופן אויף פראַנצויזיש:

— און ווי הייס איך?

— העדוויג — האָט דער רוס הויך אויסגעשאָסן און קוקנדיק פון אַ זייט אויף איר פּראָפיל, האָט ער ווידער צוריק געפרעגט:

— און ווי רופט מען מיך?

— וואַזיאַ — האָט זי מיט אַ פאַמעלעכער ווארעמקייט געשליפן דאָס וואָרט.

— נישט וואַזיאַ, נאָר וואַסיאַ, מיט אַ „סמך".

— וואַזיאַ — האָט די דייטשקע אַזוי ווי אומישנע אי-בערגעחזרט גרייזיק.

— וואַסיאַ, וואַסיאַ, וואַסיאַ, — האָט ער געהאַקט קורץ און קלאָר.

— וואַזיאַ, וואַזיאַ, וואַזיאַ — האָט זי צוריקגעהאַקט מיט נאָך אַ שאַרפערער „זין", ווי פריער.

זיי האָבן זיך געפונען איצט ווייט פון שטראַנד. הינטער זיי האָבן העל און רוישיק געברענט עלעקטרישע לאָמפּן. פאַר זיי איז געווען שוואַרץ. פון דער זייט, אַזוי ווי פון אַ פאַר־שלאָפן פישער־שטיבל האָט זיך פאַמעלעך גענומען אויפהויבן אַ האַלב־רונדיק שטיק פון דער לבנה. דאָס שטיק איז געגאַנגען פאַרהויכט, אַזוי ווי אין נעפל.

שפּיץ האָט אומרויק אַ סקאָמליע געטון. די לבנה האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן ים. אַ לאַנגער גרין־פאַרזילבערטער פּאַס וואַסער האָט זיך געריגנצלט, אַזוי ווי פון קעלט. שטראָ־מען צעשיטע זענען פלוצלינג אָנגעקומען. געיאָגט זיך, געצאַפּלט אַזוי ווי פיש אונטערן מעסער.

זי און ער האָבן זיך געזעצט אָפּרוען אויף אַ באַנק. זיין הוט, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט נעבן זיך האָט געוואָרפן פון זיך אַ קיילעכדיקן שאָטן. פון איר איז דער שאָטן געגאַנגען אַ לאַנגער — גלייך אין דעם גרין־פאַרזילבערטן פּאַס וואַסער אַריין.

— העדוויג! — האָט ער שטיל געזאָגט און אַרומגענומען מיט זיין רעכטער האַנט איר רעכטן אַקסל.

— וואַזיאַ — האָט זי אָפּגעענטפערט, אַזוי ווי אַ ווידער־קול און געקוקט גלייך אין דעם ליכטיקן שטיק וואַסער אַריין.

ער האָט געהאַט אַ פול מויל מיט רייד. געזאָגט האָט ער אָבער נישט מער ווי:

— העדוויג!

זי האָט כסדר געקוקט אין ים אַריין. נאָר איינמאָל, בשעת איר נאָמען איז געבליבן הענגען אין דער העלפט אויף זיינע ליפּן — האָט זי גיך אויסגעדרייט דאָס פּנים צו אים. אין דער אייגענער רגע האָט זיך זיין מויל צוגעבויגן צו אירע ליפּן. דער קוש איז אָבער געפאַלן דערנעבן.

— עס איסט יאַ היער קאַלט — האָט זי זיך האַסטיק אויפ־

געשטעלט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי זאָגט און געקוקט אין דער פינסטערניש אַריין אַרום איר פּנים.

— העדוויג!

— מאַן מוס יאַ שלאָפן געהן!

צוריק זענען זיי געגאַנגען גיך. מיט זיי איז אַ שטיק צייט מיטגעגאַנגען דער גרין-פאַרזילבערטער פּאַס וואַסער. אויף די טעראַסן פון די קאַפע-הייזער איז שוין געווען האַלב-ליידיק. דאָס קאַסינאָ-הויז איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין שרייענדיקער ליכטיקייט.

זי האָט זיך געאיילט. ער האָט זיך, נישט ווילנדיק, מיטגעאיילט. מען האָט נישט גערעדט. נאָר אַז מען איז געקומען אַהיים און מען איז שטיין געבליבן בײַ דער טיר — האָט זי אויפגעהויבן אויף אים אַ פאַרטראַכט, שווייגנדיק פּנים. אירע האַלב-געעפנטע אויגן-לעפלעך האָבן זיך איצט אינגאַנצן פאַרמאַכט. די ווינקלען בײַם מויל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט שאַרף אין צוויי דיקלעכע שטריכן.

— גוטע נאַכט — האָט זי איילִיק דערלאַנגט די האַנט.

— דאָ סווידאַניאַ — האָט ער שווערלעך געענטפערט און געפילט, ווי דער קנייטש זיינער איבער דער נאָז ווערט איינגעפוגעוועטער און פאַרציט זיך העכער.

ער האָט געהערט פאַרמאַכן די טיר. דערנאָך — איבערדרייען אַ שליסל איינמאָל און נאָכאַמאָל.

שפּעטער איז ער געזעסן בײַ זיך אויפן בעט און מיט ביידע אויערן איינגעהערט זיך, וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט וואַנט. דער קאָפּ זיינער האָט זיך צעשויבערטערהייט געבראָכן אויפן קאָפּשטיק פון בעט און אויף די קעגנאיבערדיקע טאַפּעטן. פון ברייט-צעעוגענעם העמד האָט זיך געשוואַרצט אַ האָריק, צעוואַרעמט לייב.

דאָס נאַכט-לעמפּל האָט אַראָפּגעלאָזט אין די ווינקלען אַריין גרויסע רעדער פון האַלב-באַלויכטענער שאָטנדיקייט. דורך די פאַרמאַכטע שטאָרן האָט זיך בלאָס געצייכנט אַ העל-גרינער אָפּשיין פון דרויסנדיקן הימל.

דעם ים האָט מען נישט געהערט. מען האָט אויך נישט געהערט דאָס שלייכצן פון יענער זייט וואַנט.

דאָס זייגערל האָט געוויזן צוויי. האַלב דריי האָט שוין דער רוסישער מענטש נישט געזעצן, ווי שפּעט ס'איז. האַלב-זיצנדיק מיטן אויער צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט איז ער גע-שלאָפן. דאָס נאַכט-לעמפּל האָט געברענט.

מעגלעך, אַז ס'האָט זיך אים געחלומט. מעגלעך אַז דאָס איינגעגעסענע טיקען פון זייגערל האָט איבערגעריסן דעם דרימל זיינעם. ער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעריסן, ווי מען רייסט זיך אויף, ווען מען הערט עמעצן קרעכצן אין דער נאָענט. אויפגעשפּיצט ביידע אויערן, האָט ער בפירוש דערהערט, ווי נאָענט נעבן זיין צימער, צי גאָר אין צימער גופא — גראַבלט עפּעס.

אַ מויז? אפשר אַ ווינט אויפן דאַך?

ער האָט אָוועקגעבויגן די קאָלדרע. באַם פענסטער איז דאָס גראַבלען געוואָרן שאַרפער.

די האַנט האָט גיך אַרויפגעצויגן דעם ראָלעט. אויף יענער זייט פענסטער איז געלעגן אַ טיפע, שלאָפנדיקע שוואַרצ-קייט. די לבנה, מוז זיין, איז דערטרונקען געוואָרן אין ים.

וואַסיאַ האָט אויפגעעפנט איין העלפט באַלקאָן-פענסטער. דאָס גראַבלען איז געוואָרן גיך, נערוועז. האָט ער אויפגעעפנט די אַנדערע העלפט פענסטער. ס'איז געווען וואַרעם. דער ים האָט גערוישט אין דער פינסטער. איידער דער מענטש האָט דערזען, האָט ער פריער דערהערט אַ שטיל, וויינענדיק סקאָמליען. דערנאָך ערשט האָט אַ שווים געטון אַ ווייסער, קיילעכדי-קער אַפּלאַנץ.

— שפּיץ — האָט ער זיך דערשראָקן אַראָפּגעבויגן.

דאָס הינטל איז צוגעפאַלן צו זיינע באָרוועסע פיס. ס'האָט זיך געקנוילט וואָס אַמאָל טיפער און וויינענ-דיקער.

— מען האָט דיך אַרויסגעוואָרפן? — האָט ער געפרעגט

איף רוסיש – נו, זאָג, וואָס איז געשעען? וואָס טוסטו דאָ בײַ מײַן פענסטער?

שפּיץ איז אַרויפגעשפּרונגען צו אים, אײנמאָל און נאָכאַמאָל.

– נו, וואָס, וואָס? מען האָט דיך טאַקע אַרויסגעטריבן?

שפּיץ, זעענדיק, אַז זײַן שכן רירט זיך נישט – האָט ער – אַ בייזער שוין – פּלוצלינג אַרײַנגעכאַפּט צווישן די ציין אַ שטיק פון יענעמס אונטער-וועש און אַליין גענומען זיך ציען צוריק.

ערשט איצט האָט דער מענטש דערשפּירט, אַז דאָס הינטל רופט אים ערגעץ. אפשר איז דער פרוי העדוויג נישט גוט געוואָרן?

ער האָט גיך געכאַפּט אויף זיך דעם שלאָפראָק און נאָך גיכער – אַרויס אויפן באַלקאָן.

ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פאַרוואָס גראָד דאָ און נישט דורך דער טיר, וואָס פירט אין קאָרידאָר אַרײַן.

אויפן באַלקאָן איז שפּיץ אַרויפגעשפּרונגען אויפן ווענטל, וואָס האָט אָפּגעטײלט אײן צימער פון אַנדערן. דער מענטש האָט איבערגעשפּרײזט דאָס ווענטל און איז שטיין געבליבן פאַר אַ האַלב-אָפענע באַלקאָן-טיר, וואָס האָט געפירט אין אַ פינסטער צימער.

ער האָט נישט געוואַגט ברייטער צו עפענען די טיר. אָבער שפּיץ האָט נאָכאַמאָל אַ נעם געטון אין די ציין אַרײַן אַ פאָלע פון דעם מענטשס נאַכט-מאַנטל און האָט אים אַזוי אַרום אַרײַנגעצויגן אינעווייניק.

ס׳האָט געשמעקט מיט בלומען און מיט דינעם פּערפום.

אַ שוואַרצע ווייכקייט, אַזוי ווי דאָס גלעטן פון געדיכט פוטער – האָט אַרומגענומען זײַן פּנים.

ער האָט אויסגעצויגן די הענט אין פינסטערן חלל אַרײַן. דאָ האָט ער דערהערט ערגעץ פון אַ בלינד ווינקל אַרויס אַ געבראָכן, ציטערדיק קול:

– וואַ–אַ–אַ–זיאַ!

לויט דער שטים איז ער געגאַנגען, וואַקלענדיק זיך אין דער ברייט.

— וואַזיאַ — האָט ער נאָכאַמאָל דערהערט. דאָסמאָל נאָענט נעבן זיך. און אַ האַנט, אַ הייסע האָט אָנגעריירט זיין האַנט. די שטים איז זיך פאַרגאַנגען וואָס אַמאָל שטילער, מי־דער, ביז זי האָט אין מיטן אָפּגעהאַקט, אַזוי ווי אַ פלעמל פון אַ ליכט.

איבער דער שטוב איז אַרומגעלאָפן אַ גיכער, געהאַקטער אָטעם. אַ ווייסע זאַך, אַ קליינע — האָט זיך געדרייט, גע־סקאָמליעט, פון רגע צו רגע טיפער אין זיך אַריין, ביז ס'איז אַנידערגעפאַלן, אַזוי ווי אָנגעשיכורט צופיסנס באַם בעט...

פון יענער נאַכט אָן האָט שוין שפּיץ מער באַ דער פּרעמדער באַלקאָן־טיר נישט געגראַבלט. אין די קילע פאַר־נאַכטן, ווען איבערן ים איז געהאָנגען אַ ליליאָווער נעפּל און וואַסיאַ מיט פּרוי העדוויג זענען געזעסן אָפּגעווונדערט ערגעץ אויף אַ באַנק, איז שפּיץ געלעגן צופיסנס פון זיין האַרין און איינגעהערט זיך אין איר טיף־ברוסטיק, זינגנדיק קול.

שפּיץ האָט געזעען, ווי דער מאַן, באַ וועמענס טיר ער האָט אַנומלט געגראַבלט, לייגט אַוועק אַ גרויסע האַנט אויף זיין האַרינס אַקסל. נעמט זי אַרום און רעדט עפּעס אַריין אין איר פּנים אויף אַ לשון, וואָס ער, שפּיץ, האָט נישט פאַר־שטאַנען.

האָט דאָס שפּיצן נישט געאַרט. נאָר ווען ער האָט דער־הערט, ווי צווישן די צוויי מענטשן איז מיטאַמאָל שטיל גע־וואָרן, האָט ער זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט פון זיין פאַרקנוילט אָרט און שאָקלענדיק מיטן קעפּל — האָט ער פאַרריסן דאָס פייכטע נעזל אַרויף, ווו די צוויי מענטשן זענען געזעסן.

זיי האָבן געקוקט אויף זיך מיט שווייגנדיקע, טונקעלע בליקן. שפּיץ האָט זיך משער געווען, אַז באַלד וועלן זיי זיך אויפשטעלן. ער, דער מאַן, וועט אַרומהילן זיין האַרין מיט אַ

וואַרעם טוך. אַרומנעמען זי אונטערן אָרעם און שווייגנדיק וועלן זיי אַוועקגיין פון דער באַנק.

שפּיץ האָט זיך שוין אויסגעלערנט וויסן, אַז נאָכדעם, ווי ביידע מענטשן וועלן זיך געזעגענען און נאָכדעם, ווי זיי וועלן זיך צעטיילן יעדער אין זיין צימער, וועט זיין האַרין זיך אויסטון אינגאַנצן, אַזוי ווי די מאַמע האָט זי געהאַט. זי וועט זיך וואַשן מיט אַזאַ מין שמעקעדיקייט, וואָס ער, שפּיץ, קאָן נישט פאַרטראָגן דעם ריח און מוז פון אים ניסן.

דערנאָך וועט פינסטער ווערן. די האַרין זייגע וועט ליגן אין דער הויך צווישן ווייסן בעטגעוואַנט. ער וועט דרימלען צופיסנס באַם בעט. דרימלען אַזוי לאַנג, ביז די באַלקאָן-טיר וועט זיך שוין אַליין עפענען און ער, שפּיץ, וועט דערפילן אַ וואַרעמען ריח פון אַ באַקאַנטן מענטש און אַ געזאַלצענעם בלאָז פון אויפגעעפנטן באַלקאָן.

שפּיץ האָט נישט געוווסט, אַז די צייט איז איינגעטיילט אין וואָכן, חדשים און יאָרן, ער האָט נישט געחשבונט, וויפיל מאָל די באַלקאָן-טיר האָט זיך געעפנט און וויפיל מאָל מען האָט אים אויפגעוועקט פון שלאָף.

נאָר איינמאָל איז ער, ווייזט אויס, פאַרשלאָפן. ער האָט גאָרנישט געהערט. ס'מוז זיין דערפאַר, וואָס אים האָט זיך געחלומט, אַז ער זיצט באַם ים און כאַפּט פליגן. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געשלונגען די פליגן. ערשט מיטן טאָג צוגלייך, ווען דידאָזיקע מלאכה איז אים שוין דערעסן געוואָרן, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און מיינענדיק, אַז ער זיצט נאָך אַלץ באַם ים און אַז אַרום אים דרייט זיך אין אַ ראָד אַ גאַנצע מחנה פליגן — האָט ער זיך אַ ריס געטון און איינמאָל פאַר אַלע מאָל געוואָלט אַ סוף מאַכן מיט דידאָזיקע איינגעגעסענע ווערעמלעך.

אין מיטן אָבער האָט עס אים אַ ריס געטון צוריק. ער איז אַ האַלבע רגע געבליבן הענגען אין חלל אויף דריי פיסלעך. דאָס פערטע פיסל האָט זיך נישט געוואָלט נאָכגעבן, אַזוי ווי ס'וואָלט געווען געלעמט.

שפּיצן איז עס אויסגעקומען אויסטערליש. ער האָט זיך צוריקגערוקט הינטערווייליקעך און אויפסנייי זיך אַ ריס געטון פאָרויס. דאָסמאָל אָבער האָט ער דערפילט אַ ווייטיק און אַ לאַנגע, אויסגעשטייפטע זאַך האָט געצוימט זיין שפּרונג.

דאָס ווייסע אַטלעסענע פעלעכל האָט זיך אויפגעבלאָזן. שפּיץ האָט אויסגעדרייט דאָס פּייכטע, שוואַרצע נעזל אַהין, וווּ דאָס פּערטע פּיסל האָט זיך נישט געוואָלט נאָכגעבן.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען. נאָר געזען האָט ער, אַז אַרום זיין פּיסל איז אַרומגעוויקלט די גראַנאַטענע, אין דרייען געוויקלטע זיידענע שנור, אויף וועלכער זיין האַרין פלעגט אים פירן.

וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

האָט ער געפּרוווט נאָכאַמאָל אַ שפּרייז טון. און אויך צום דריטן מאָל איז ער געבליבן אין מיטן וועג.

דאָס האָט שוין שפּיצן פאַרדראָסן. קודם כל דערפאַר, וואָס די שנור איז אַזוי איינגעקשבט און וויל נישט אָפּלאָזן. און צווייטנס, וואָס זיין האַרין ליגט זיך דאָרטן צווישן ווייסן בעטגעוואַנט און עס אַרן זי גאָרנישט זיינע אָנשטרענגונגען.

ער האָט זיך גענומען דרייען אַרום זיין אייגענעם קערפּערל. פאַרדרייט זיך אַריין אין דער שנור און אַרויס פון דער שנור. ס'האָט זיך אים גענומען מישן אין קאָפּ. מער האָט ער שוין נישט געקאָנט. פון פאַרדרוס צי פון ווייטיק האָט זיך פון זיין קעל אַרויסגעריסן אַ שאַרף, שפּיציק בילכל. אין אַ ווײַלע אַרום — נאָך איינס — אַ העכערס, מיט אַן אויבער-שלוקעצל. פון מינוט צו מינוט איז דאָס אייגענע אויבערשלוקעכצל איבערגעגאַנגען אין אַ ציענדיק, האַלב-זינגענדיק סקאָמליען, וואָס האָט דערמאָנט אָן איינטאָניקן קרעכצן בײַ שטילער צאָן-ווייטיק.

שפּיץ האָט שוין מער אַרום דער זיידענער שנור נישט געקאָנט לויפן. ד ט ר זיך אַוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע

צוויי פיסלעך און פון רגע צו רגע — פאַרטיפט און פאַר־שפּיצט דאָס סקאָמלעריי.

מוז זיין, אַז איבער דער וואַנט האָט מען דערהערט. מחמת די באַלקאָן-טיר האָט זיך פּלוצלינג געגעבן אַ פּראַל אויף און שפּיץ האָט דערזען יענעם, וואָס פּלעגט קומען באַנאַכט דורך דער אייגענער טיר.

— שפּיץ! — האָט יענער אַ רוף געטון און מיט איין ברייטן שפּרייז איז ער שטיין-געבליבן באַם בעט.

דער הונט האָט זיך אויפגעריסן, צוגעפּאַלן צו יענעמס האַלב-באָרוועסע פיס און נאָך העכער זיך פאַרקייכט.

דער שכן פון איבער דער וואַנט איז געשטאַנען מיט אַ שווער אַראָפּהענגענדיקן קאָפּ. פון בעטגעוואַנד איז געגאַנגען אַ וואַרעמלעכער, מענטשלעכער ריח. אָבער אין בעט איז קיינער נישט געלעגן. אין צימער האָבן זיך געוואַלגערט אַלטע צייטונ־גען. דאָס ווינקל, וווּ עס זענען נעכטן געשטאַנען צוויי וואַלי־זעס, איז איצט געווען ליידיק.

— שפּיץ! — האָט זיך דער שכן מיט אַמאָל אַראָפּגע־בויגן צום הונט — ווו איז העדוויג?

דער הונט האָט אַ שפּרונג געטון אויף דריי פּיסלעך. גענומען זיך גראַבלען אַרויף און ערשט אויף אַן אמת פאַרגאַנגען זיך מיט אַ ניי, געדריידלט ניגונדל.

ערשט איצט האָט דער מענטש דערזען, אַז שפּיץ איז צוגעבונדן אויפן פערטן פיסל צום בעט. מיט נערוועזע פינגער, אינגאַנצן אַזוי ווי אַ פאַרטויבטער — האָט ער דעם הונט גע־נומען אויפבינדן.

שפּיץ האָט זיך געגעבן אַ ציִ אויס איבער דער שטוב שטייף, לענגלעך, אַזוי ווי אַ פייל. מיט איין אויסשאָס האָט ער זיך אַ לאָז געגעבן אַרום דער שטוב פון ווינקל צו ווינקל — געשמעקט, געסאָפּעט. אין מיטן דרינען — שטיין געבליבן בײַ די פּאָר מענטשלעכע פיס, אַזוי ווי איינער, וואָס האָט שוין קיין שום בטחון נישט.

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט. דער מענטש האָט געוויקלט

אַרום זיין האַנט די בלויע, זיידענע שנור און דער הונט האָט מיד און הילפלאָז געסאָפּעט.

אַז דער מענטש איז מיט עטלעכע מינוט שפּעטער געז שווינד אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן צוזאַמען מיט שפּיצן — אי- אים אַנטקעגנגעקומען דער פּאָרטיער פון האָטעל און דערלאַנגט אַ קליינעם, פאַרמאַכטן קאָנווערט.

שפּיץ האָט אַ פּאָרקע געטון מיט די צוויי אויפגעשטעל- טע, פייכטע נאָז-לעכער און אָנגעשטעלט זיינע בליקן אַרויף, ווו דער מענטש האָט עפּעס צעריסן און צוגעטראָגן עס צו די אויגן.

„טייערער, ליבער מענטש — האָט וואַסיאַ געלייענט אויף פראַנצויזיש — זיי מיר מוחל, וואָס כ׳בין אַוועק אַזוי אומגע- ריכט. איך האָב געלעבט מיט דיר גאַנצע זעקס וואָכן. ס׳איז געווען אַ ווונדערלעכער חלום, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. זיבן יאָר ווין איך מיט אַ מאַן און דורך די גאַנצע זיבן יאָר בענק איך נאָך אַ קינד. מיינע נעכט האָבן זיך אויסגעלעבט מיט וויינען נאָך מיינס אַן אייגן לעבעדיק נפש. איך האָב געוואָלט ווערן מוטער. ביסטו געקומען, גוטער וואַסיאַ. איך בין געווען מיט דיר אַזוי לאַנג, ביז כ׳האָב דער- פילט, אַז איך ווער מאַמע. כ׳האָב דיך נישט אויסגענוצט. כ׳האָב דיך אויפריכטיק ליב געהאַט. איצט פאָר איך אַהיים צו מיין מאַן. ער וועט נישט בייז זיין. ער האָט ליב די רוסן. דערמאָן מיך נישט צום שלעכטן. זוך מיך נישט. איך וועל אייביק פון דיר טראַכטן און וועל דיך אייביק בענטשן. איך לאָז דיר איבער לזכרון מיין שפּיץ. היט אים. האָב אים ליב. כ׳האָב אים געמוזט צובינדן צום בעט, ווען ער איז געשלאָפן. אַנדערש וואָלט ער מיר נאָכגעלאָפן. זיי געזונט, דו שיינער, גוטער וואַסיאַ״.

שפּיץ האָט אַ גאַנצע צייט אַרויפגעקוקט מיט צעגומענע נאָזלעכער. זיין פעלעכל האָט געציטערט. ווען דער מענטש

האָט געענדיקט לייענען און איז שטיין געבליבן מיט אַ האַלב-פאַרקיילעכדיקט מויל — אין דער הונט געגעבן אַ שפּרונג אַרויף צו אים.

— נאַ, לייען! — איז דעם מענטשס פּנים געוואָרן גרויס און דער קנייטש איבער דער נאָז האָט זיך טיפער אַריינגע-שניטן אין פלייש.

ער האָט געשטופּט דאָס שטיקל פּאַפּיר דעם הונט אין מאָרדעלע אַריין. שפּיץ האָט געשמעקט, געוואָרפן מיטן קעפּל און פלוצלינג אַ כאַפּ געטון דאָס שטיקל פּאַפּיר און ווי אַן אויסגעשאָסענע קויל — אַרויס אויפן שטראַנד.

כמעט אַ גאַנצן טאָג איז שפּיץ געלאָפן. צוריקגעקומען און ווידער געלאָפן. דעם בריוו, אַן אויסגעטאָרעטן האָט ער שפּעטער צוריקגעבראַנגט און אַוועקגעלייגט צו די פיס פון מענטש. באַנאַכט האָט ער אונטער דער טיר, וווּ זיין האַרין האָט געוווינט — געקרעכצט ווי אַ קינד.

ערשט צומאָרגנס האָט ער זיך אַ ביסל באַרויקט. דאָס פּעלעכל זיינס, אַ ברודיקס און אַן אויסגעקראַכנס, איז אינגאַנצן איינגעפאַלן.

באַלד אינדערפרי האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט באַם ים. געקוקט, ווי די וואַסערן אַנטלויפן ערגעץ אין דער וועלט אַריין. יעדע ווייִלע אויפגעציטערט. געוואָלט זיך לאָזן לויפן און צוריק שטיין געבליבן.

צוזאַמען מיט אים איז אויך געשטאַנען דער מענטש — אַ מידער מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען. אין די פּאות אַריין זענען צוגעקומען עטלעכע ווייסע אָדערלעך.

אויפן דריטן טאָג איז דער מענטש געזעסן אויף יענער באַנק, וווּ ער האָט דעם ערשטן קוש געגעבן דער פרוי, וואָס איז אַזוי פלוצלינג נעלם געוואָרן.

דער טאָג איז געווען אַ בלויער און דער ים אַ בלויער. שפּיץ האָט געקוקט פאַרעקשנט אויף די שטיקער וואַסער,

וואָס האָבן זיך יעדע רגע געטוישט. אָט זענען זיי זיך פאַר־גאַנגען אין העל־בלוי, אָט אין סעלעדין. אויף אַ מינוט האָט זיך די זון פאַררוקט אונטער אַ קליין, אָנגעגאָסן וואָלקנדל. די שטיקער וואַסער האָבן אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ גראַנאַטענע הויט.

שפּיץ האָט אַ מרוגע געטאָן מיט די אויגן, אַ זופּ מיט די נאָזלעכער. די שטיקער וואַסער האָבן זיך פון רגע צו רגע מער פאַרטונקלט אין טיפערן גראַנאַט.

מוז זיין, אַז דעם הונט האָט זיך דערמאָנט דאָס גראַנאַטענע קלייד פון זיין האַרין.

ס׳האָט געדויערט אַ מינוט. דאָס קליינע קערפּערל האָט זיך אויסגעצויגן — פאַרשפּיצט. דאָס פעלעכל האָט זיך איינגעפּלאַטשט.

דאָס אויסגעשפּיצטע קערפּערל גיט זיך פלוצלינג אַ ריס, אַ צי איבער די וואַסערן. ס׳קעפּל שאָקלט זיך. ס׳צינגל איז אַרויסגעשטעקט. מיטאַמאָל — אַ גאָס פון אַ פּאַליע. ס׳קערפּערל דרייט זיך איבער. אָבער אין אַ ווײַלע שפּעטער קומט דאָס קעפּל קאַפּויער, אַזוי ווי אַ פּילקעלע. ווידער אַ גאָס פון אַ פּאַליע. איינמאָל, נאָכאַמאָל. דאָס ווײַסע פעלעכל קנוילט זיך און נעמט לויפן אַליין.

— שפּיץ! שפּיץ! — האָט זיך דער מענטש פלוצלינג אויפגעריסן פון דער באַנק און צוגעלאָפן צום ברעג ים.

דאָס קנוילעכל האָט זיך איבערגעדרייט נאָך עטלעכע מאָל, ביז ס׳איז פאַרשלונגען געוואָרן אין דער בלויער ווייטקייט.

דער מענטש בײַם ברעג איז שטיין געבליבן מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט אין חלל אַריין.